STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02696

ALE VERK

Mendele Mokher Sefarim

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

1 באנד — 1 בויגן

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אבראמאָויץ)

ערשטער באַנד

נײַע פערבעסערטע אויסגאבע

פערקויף: געזעלשאַפט „צענטראַל", וואַרשא, נאָוואָליפקי 7

1928

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר־ספרים

(ש. י. אבראַמאָוויץ)

מענדעלע מוכר־ספרים

זיין לעבען און זיינע ווערק

פערלאַג „מענדעלע", וואַרשא

1928

Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1927

Printed in Poland

Zakl. Graf. „Stereotyp" Warszawa Nowolipki 7.

אינהאַלט:

פון פאַרלאַג (צו דער נייער מענדעלע-אויסגאַבע)

פון די אַרויסגעבער (צו דער ערשטע-יובילעאום-אויסגאַבע)

י. ח. ראווניצקי — ש. י. אַבראַמאָוויטש

י. ל. פּרץ — מענדעלע

דוד פרישמאַן — מענדעלע מו"ס, זיין לעבען.

בעל-מחשבות — אַן אוראייניקעל דעם זיידען.

ש. ניגער — שלום יעקב אַבראַמאָוויטש.

ח. נ. ביאַליק — מענדעלעס „נוסח"

יעקב פיכמאַן — מענדעלע מוכר ספרים

ד"ר א. מוקדוני — צוויי מענשען

פון די ארויסגעבער

(אַ פּאָר ווערטער צו דער נייער מענדעלע־אויסגאַבע)

צום צעהנטען יאָהרצייט פון מענדעלע מוכר ספרים, וואָס ווערט געפייערט אין אַלע עקען פון דער יודישער וועלט—אין פּוילען און אין אמעריקא, אין רוסלאַנד און אין ארגענטינא, אין ליטא און אין דרום אפריקא,—האָבען מיר געפונען פאַר נויטיג אַרויסצוגעבען אַ נייע מענדעלע־אויסגאַבע, גרופּירט און סיסטעמאַטיזירט אויף אַ נייעם אופן און אויך צוצוגעבען צוויי נייע בענדער וועגען מענדעלען, וועגען זיין פּערזענליכקייט, זיין שאַפען און זיין אָרט אין דער יודישער ליטעראַטור און קולטור־לעבען.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דער אָנהויב פון מענדעלעס שאַפען שטעקט אין ווייטער פערגאַנגענהייט, מיט 40—60 יאָהר צוריק, איז נאָך זיין קינסטלערישער און קולטורעלער ווערט נישט געמינערט און ווייט נישט אויסגעשעפּט. אדרבא, דער אינטערעס צו די ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים, די בעדייטונג פון מענדעלעס קינסטלערישען שאַפען האַלטען אין שטייגען און אין וואַקסען. גאַנצע שיכטען פון'ם יודישען מאַסען־לעבען אין צווייטער העלפט פון פאַהריגען יאָהרהונדערט ליגען גרודעסוויז אין מענדעלעס ווערק! און דער איצטיגער לייענער לאָזט זיך מיט אַ בעזונדערען נייגיר אַראָב אין אָט די מענדעלע־הייל, וואו עס ענטפּלעקט זיך פאַר אים דאָס גאַנצע אמאָליגע לעבען פון דער יודישער עדה.

העבער פופציג יאָהר האָט געדויערט מענדעלעס קינסטלערישע בוי־ארבעט: מיט אַ וואונדערליכער גענויקייט און שפּאָרזאַמקייט האָט

ער געזאַמעלט דעם מאַטעריאַל, אויפגעשטעלט דעם גרויסאַרטיגען מענ־דעלע־בנין, ביי וועלכער ער איז געווען פאַרנומען ביז זיין טיפען על־טער, ביז זיינע נייגציגער יאָהרען.

ס'איז נאָך נישט געקומען די צייט פאַר אַן ערנסטער אקאדעמי־שער מענדעלע־אויסגאַבע, דערצו פעלען נאָך פיעל נויטיגע מאַטעריאַלען און אויך געניטע מענדעלע־פאָרשער, מ'זאָל קאָנען ארויסגעבען יעדעס ווערק מיט אַלע זיינע וואריאַנטען, מיט די פאַסענדיגע דערקלערונגען און בע־לויכטונגען.

אין דער איצטיגער נייער מענדעלע-אויסגאַבע ווערען געגעבען די ווערק אין דעם סדר, ווי מענדעלע האָט זיי געשאַפען. פאַר יעדען ווערק איז צוגעגעבען אַ קורצער אריינפיהר וועגען דער צייט און וועגען די אומשטענדען, ווען מענדעלע האָט דאָס ווערק געשריבען און פערעפענט־ליכט. עס ווערט אויך געגעבען אַ קורצע אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק וועגען דעם ווערק,—על פי רוב מיינונגען פון די בעקאַנטע יודישע קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער, אַ מין קורצער אַריינפיהר, וואָס זאָל דעם וועהניג־געניטען לעזער פערגרינגערען דעם וועג צום מענדעלע־ווערק.

„דער יודישער תחום—שרייבט מענדעלע אין איינעם פון זיינע ווערק—איז ווי אַ קוואַל, וואָס ווערט קיינמאָל נישט אויסגעשעפט. קאָמ־פאַניעס געהען, קאָמפּאַניעס קומען, און קאַבצאַנסק און גלופּסק וועלען פערבלייבען אויף אייביג".

דאָס זעלבע קאָן מען זאָגען אויף מענדעלעס שאַפען: עס איז ווי אַ קוואַל, וואָס ווערט קיינמאָל נישט אויסגעשעפט. שרייבער געהען, שרייבער קומען, אָבער מענדעלע און זיינע ווערק וועלען פערבלייבען אין דער יודישער ליטעראַטור אויף אייביג!

וואַרשע, דעצעמבער 1927

פון די ארויסגעבער

(אַ פּאָר ווערטער צו דער יובילעאום־אויסגאַבע פון 1910)

נאָך די אַלע בעגייסטערטע אַרטיקלען, סטודיען און קריטיש־ביאָגראפישע עטיודען איבער דעם גרעסטען קינסטלער מענדעלע מוכר ספרים, וואָס דער לעזער וועט דאָ געפינען פון די בעסטע יידישע קריטיקער און שריפטשטעלער, בלייבט אונז אין פלוג גאָרנישט צוצוגעבען, און דאָך קענען מיר זיך נישט איינהאלטען צו זיין אַזוי בעשיידען און פערשוויגען אינגאַנצען אונזער אָנטייל נעהמען אין דעם דאָזיגען גרויסען ליטעראַרישען בנין — אין דעם אַרויסגעבען די אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים.

שוין שענע עטליכע יאָהר זענען פאַריבער, זינט עס איז געוועזען אַנאָנסירט פון אַ גרופּע ליעבהאָבער, אַז זיי געהען אַרויסגעבען אַלע כתבים פון מענדעלע מוכר ספרים. די דאָזיגע גרופּע, וואָס איז איבערפילט געוועזען מיט גרויסער ליעבע צו אַלץ, וואָס מענדעלע האָט געשאַפען, האָט באמת געמיינט צו באַשענקען דעם יודישען פאָלק מיט אַ פולשטענדיגער זאַמלונג פון אַלע מענדעלע'ס ווערק. די ליעבע אַליין האָט דערצו אָבער גאָר ניט געהאָלפען. פון אַלע כתבים איז ערשיענען נאָר איין באַנד — „דאָס קליינע מענשעלע" און „פישקע דער קרומער",—און יענע גרופּע איז שטעהן געבליבן ביי דעם ערשטען באַנד אַליין און איז ווייטער ניט געגאַנגען. האָט דען דער יודישער לעזער קאַלט בעגעגענט דעם ערשטען באַנד? צו גרויס, צו בערידומט, צו פּאָפּולער איז אונזער גרויסער קינסטלער, אַז אויך איהם זאָל טרעפען

דאָס, וואָס טרעפט צייטענווייז מיט אַנדערע פאָלקס־דיכטער. דאָס יודישע פאָלק, ווי פערטראָגען עס זאָל נישט זיין אין זיין וואָכיגען לעבען, וואַכט אויף ביי א מעהר יום־טוב׳דיגער ערשיינונג, און אַלץ, וואָס איז פערבונדען מיט דעם נאָמען מענדעלע, איז שטענדיג געווען ביים פאָלק אַ יום־טוב. און דאָך, ווי געזאָגט, איז די גרופּע ארויסגעבער־ליעבהאָבער שטעהן געבליבען ביים ערשטען באַנד.

אויטרעטענדיג ארויסצוגעבען אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים, וועלכע ער האָט געשאַפען אין פערלויף פון זיין לאַנגער ליטעראַרישער טעטיגקייט, האָבען מיר ניט פערגעסען אָן דער גרויסער ליעבע, וואָס דאָס פובליקום פיהלט צו מענדעלע מוכר ספרים, און נישט קוקענדיג אויף דער מאַטעריעלער ריזיק, וואָס אין אזאַ אונגעהויער רייכער אונטערנעהמונג שטעקט, האָבען מיר מיט גרויס מוט אָבגעוואָרפען אַלע וואַקלונגען, און זיך נישט אָבגעשראָקען פאַר דער מאַטעריעלער ריזיק און צוגעטראָטען אַרויסצוגעבען אַלע ווערק פון ש. י. אַבראַמאָוויטש.

אלזאָ, דער גראַנדיעזער קולטורעלער בנין איז שוין געענדיגט. אין פערלאַג „מענדעלע״ זענען ערשיענען אַלע ווערק פון דעם גרעסטען יודישען דיכטער, שלום יעקב אבראמאָוויטש. מיר האָבען אונזער פליכט ערפילט, זיך נישט אָבגעשטעלט פאַר קיינע שוועריגקייטען. איצט שטעהען מיר און וואַרטען, ווי אַזוי וועט ערפילען זיין פליכט דאָס יודישע פובליקום.

מיר צווייפלען נישט, אז אונזער שטיצען זיך אויף דאָס יודישע פובליקום וועט אונז נישט אָבנאַרען, און מיר זענען פעסט איבערצייגט, אז די דאָזיגע שטיצע וועט קומען. דען, ווי געזאָגט, האָט דאָס יודישע פאָלק שטענדיג זיינע דערהויבענע מאָמענטען, און איינער אזאַ מאָמענט איז די ערשיינונג פון אַלע ווערק פון שלום יעקב אַבראַמאָוויטש.

וואַרשא 1910

פערלאַג „מענדעלע״.

י. ח. רבניצקי.

שלום יעקב אַבראַמאָוויטש.

(מענדעלי מוכר ספרים).

שלום-יעקב אַבראַמאָוויטש, וואָס איז בעקאַנט אין דער יודישער וועלט מיט זיין ליטעראַרישען נאָמען „מענדעלי מוכר-ספרים“, אָדער ווי מען רופט איהם שוין היבשע יאָהרען מיט'ן ליעבען נאָמען „דער זיידע פון דער יודישער ליטעראַטור“, — איז איינע פון די גרעסטע ערשיינונגען אין אונזער יודישער וועלט. מענדעלי מוכר-ספרים איז נישט נור אַ טאַלאַנט, און אַ גרויסער, זעלטען-אָריגינעלער טאַלאַנט, ער איז אַ סך מעהר פון דעם: ער איז אין פיעל הינזיכטען אַ שאַפער פון דער ניי-יודישער ליטעראַטור.

און נישט פון איין ליטעראַטור איז ער דער שאַפער, נאָר פון צוויי צוזאַמען אין איין צייט. דאָס איז שוין אַזאַ זעלטענענע ערשיינונג, וואָס ס'איז נישט צוגעפינען איר גלייכען אין אַנדערע וועלט-ליטעראַטורען. סיי אין העברעאיש, סיי אין יודיש האָט מענדעלי געמוזט אַליין דורכשלאָגען און אויסטרעטען אַ נייעם וועג. בעזונדערס האָט ער בעדאַרפט שאַפען אַ נייעם סטיל, „מענדעלי'ס סטיל“, וואָס האָט געהאַט אַזאַ גרויסע אונגעהויערע ווירקונג אויף די בעסטע יודישע שרייבער, וועלכע זענען געקומען נאָך איהם און פערנומען אַ אָרט אויבען-אָן אין אונזער יודישער ליטעראַטור. גוט איז געווען די „אייניקלעך“ דערנאָך, אַ שטייגער, שלום-עליכם'ן אין יודיש און ביאַליק'ן אין העברעאישער פּראָזע, אַז זיי זענען

אין דער הינזיכט שוין געקומען, ווי מען זאָגט, צום גרייטען, געהאַט פאַר זייערע אויגען אַזאַ גלענצענדען אויסגעצייכענטען מוסטער. דער „זיידע" אָבער האָט געמוזט אַלעס שאַפען פון דאָס ניי, מיט אייגענע כּחות. צו אַזאַ אַרבּייט דאַרף מען באמת האָבּען אַ ריעזען־קראַפט.

ישט מיט אַמאָל האָבּען זיך בּיי מענדעלי'ן בּעוויזען די גרויסע כּחות זיינע. בּיסלעכווייז האָבּען געהאַלטען אין איין וואַקסען זיינע אָדלער־פליגעל, און מערקווירדיג — ערשט אין די עלטערע יאָהרען האָט ער זיך אַרויסגעוויזען מיט זיין גאַנצער קראַפט, אויפגעהויבּען אויף אַזאַ הויך צום בּעוואונדערן.

געבּוירען אין ליטאָ, געוואַנדערט אין דער יוגענד איבּער פערשידענע משיבות אין ליטווישע שטעדט און שטעדטלעך, מגולגל געוואָרען דערנאָך אין וויטען „וואָהלין" און צום סוף אין דרום־געגענד אין ניי־רוסלאַנד, — האָט מענדעלי געהאַט די מעגליכקייט צו בּעטראַכטען מיט זיין שאַרפען אויג דאָס יודישע לעבּען פון אַלע זייטען, אָנגעזאַפט אין זיך און קינסטלעריש דערנאָך אַרויסגעגעבּען פאַר די לעזער אין אַזעלכע לעבּעדיגע בּילדער אין צוויי לעבּעדיגע לשונות. און אַז איהר לייענט דעם זעלבּען „ספור המעשה" אין העבּרעאיש און אין יודיש, קאָנט איהר קיינמאָל נישט וויסען, וועלכעס איז דער אָריגינאַל און וועלכעס אַ איבּערזעצונג, אַזוי ווי איהר ווייסט נישט, אין וועלכער פון די צוויי שפּראַכען איז מענדעלי מעהר צו בּעוואונדערן אַלס קינסטלער און סטיליסט.

און דער 75־יעהריגער „זיידע" איז נאָך פול מיט יוגענדליכער גייסטיגער קראַפט. ער איז גרויס נישט נור מיט'ן פריהערדיגען זכות, זיין כּבוד גלאַנצט נישט נור מיט אַ אָבשיין פון אַמאָל. ער הערט נישט אויף בּיז איצט צו טהון זיין גרויסע אַרבּייט, צו שאַפען.

אַזאַ לעבּען איז כּדאַי בּעשריבּען צו ווערען אויספיהרליך *).

---

*) בּענוצט האָבּ איך זיך צו דער לעבּענס־בּעשרייבּונג מיט בּינשטאָק'ס אַרטיקעל (אין „וואָסחאָד" 1884), מענדעלי'ס אויטאָבּיאָגראַפיע (אין סאָקאָלאָוו'ס „ספר זכרון") און „שלמה ר' חיים'ס", וואָס איז אייגענטליך אַ קינסטלעריש־בּעאַרבּייטע זעלבּסט־לעבּענס־בּעשרייבּונג און ענטהאַלט צוזאַמען מיט דיכטונג זעהר פיעל וואַהרהייט פון אַבּראַמאָוויטש'עס לעבּען אין דער ערשטער יוגענד, אויסער מינדליכע ידיעות פון ר' מענדעלי'ן אַליין.

I.

שלום-יעקב אַבראַמאָוויטש איז געבוירען אין ליטאָ אין אַ קליין שטעדטיל קאַפּוליע (סלוצקער אויעזד, מינסקער גוב.). פּונקט דעם טאָג פון'ם יאָהר, און אַפילו דאָס יאָהר אַליין, ווען דער גרויסער יודישער שריפטשטעלער האָט דערזעהן גאָט'ס וועלט, ווייסט מען נישט בעשטימט — אין יענע יאָהרען האָט מען זיך נישט נוהג געווען אַזעלכע זאַכען צו פערצייכענען — נאָר ס'איז אָנגענומען געוואָרען צו רעכענען דאָס יאָהר תקצ"ו (1835) פאַר זיין געבורטס-יאָהר, און דער צוואַנציגסטער דעצעמבער ווערט גערעכענט אין זיין פאַמיליע פאַר זיין געבורטס-טאָג.

זיין פאָטער ר' חיים-משה איז געווען פון די געהויבענע און שענסטע בעלי-בתים אין שטעדטיל, און האָט געהאַט אַ נאָמען אין דער גאַנצער געגענד אַרום. אין יענער צייט, אַז מ'איז זוכה צו זיין אַ פערנעהם אין אַזאַ שטעדטיל ווי קאַפּוליע, אַ אָרט פון תורה פון אייביגע יאָהרען, און אין דער גאַנצער סביבה — איז עס נישט אומזיסט. אויסער זכות-אָבות דאַרף מען דערצו אַליין זיין נישט נור גוט און פרום, נאָר אויך אַ למדן מיט אַלע מעלות. און ר' חיים-משה, אַ אמת'ער יודישער תלמיד-חכם, איז געווען, ווי מען זאָגט, „אי צו גאָט, אי צו לייט", זיין צייט איז געווען אָבגעגעבען צו פרנסה און צו תורה און אויך צו שטעדטישע כלל-זאַכען. יאָהרענלאַנג האָט דער פאָטער פונ'ם קינפטיגען מחבר פון „די טאַקסע" געצויגען זיין חיונה פון דעם, וואָס ער האָט געהאַלטען די פלייש-טאַקסע אינ'ם שטעדטיל. פיעל יאָהרען איז ער דאָרט אַוועק געווען גאָר אָהן לוין, אַ „קאַזיאָנער רב". ער פלעגט אויך זאָגען אומזיסט אַ שיעור גמרא מיט פוסקים פאַר יונגע-לייט, און אַמאָל אויך דרש'ענען שענע דרשות פאַר'ן עולם. דערצו איז ער נאָך געווען אַ ידען אין תנ"ך און שען געשריבען לשון-קודש מיט „מליצה" נאָכ'ן גוסט פון יענער צייט, אַזוי אַז ער האָט געשמ'ט צווישען אַלע זיינע בעקאַנטע פאַר אַ „בעל-לשון". זיין הויז איז געווען תמיד פול, דער אַריין, יענער אַרויס. צו זיינער אַנ'עצה פלעגען אַלע אָנקומען, סיי אין פרט-זאַכען און סיי אין כלל-זאַכען, און ווענען אַלסדינג פלעגט מען מיט איהם זיך מישב זיין. ביים עולם איז אויך איינגערעדט געווען, אַז ר' חיים-משה איז אויך אַ מומחה אין דאָקטאָריע, און בשעת עפּיס אַ נויט אַ קראַנקהייט פלעגט מען לויפען צו איהם נאָך אַ מיטעל, און ער אַליין האָט זיך אויך געהאַלטען דרינען פאַר אַ שטיקעל מבין, ווייל ער איז געווען

א „בעל=נסיון", א שוואכער, שלאפער מענש בטבע, און איבערגעליטען אין לעבען אסך מיני שלאפקייטען, און אויסערדעם פלעגט ער נאך אמאל ליעב האבען אריינקוקען אין רהוגה=ביכלעך פאר'ן פאלק.

זיין מוטער שרה=נעסי — א איידעלע, שוואכע פרוי מיט א פערפרומט בלייך פנים, הוילע רוחניות — איז געווען א וואוילקענענדיגע, געוואוסט אלערליי מיני תחינות, געלייענט דעם „צאינה=וראינה", „מנורת=המאור" און נאך אזעלכע ספרים, געוויזען ווייבער אין שוהל וואס און ווען צו דאווענען און אויך פארגעלייענט פאר זיי פול מיט געפיהל.

שלום=יעקב האט זיך פון די ערשטע קינדער=יאהרען ארויסגעוויזען פאר זעהר א געראטען קינד מיט א גוט שארף קעפיל צום לערנען. ביי זיין ערשטען דרדקי=מלמד, משה פלאטקעס, האט ער אין איין יאהר אויסגעלערנט די גאנצע תורה, געלייענט „עברי" גיך „ווי א וואסער" און אנגעהויבען חומש, ווי דער שטייגער איז, פון „ויקרא" — וואס אנדערע קינדער בעדארפען דערויף פערברייגגען אין חדר א צוויי=דריי יאהר. ביים גאנצען הויזגעזינד ר' חיים=משה'ס, ווי אויך ביי פרעמדע, אריינגעהערם אין שטוב, איז דאס קינד געווען זעהר בעליעבט פאר זיין לעבעדיגקייט, פאר זיינע קלוגע איינפאלען, און נאך מעהר פאר זיינע „אנשטעלען". פון קינדוויי=אן איז אינ'ם קינפטיגען קינסטלער געלעגען בטבע עפים אזוינס, צו ווארפען א אויג און אויפכאפען באלד ביים ערשטען בליק יענעמס א מינע אדער א ווארט, וואס עפים נישט אזוי, משונה ווי ביי אנדערע, און ער פלעגט קונציג נאכמאכען ווי יענער רעדט, ווי יענער שטעהט און געהט...

דער פאטער איז געווען בעזונדערס א מבין אויף זיין געראטען, שטארק געליעבט קינד. ער האט פערשטאנען, אז ביי א רעכטען מלמד אין די הענד קאן פונ'ם קינד ווערען א לייט, און דעריבער האט ער פאר איהם נאכגעזוכט און גענומען איינעם פון די בעסטע מלמדים, ער זאל מיט איהם לערנען.

לערנען אין יענער צייט האט געהייסן גמרא מיט מפרשים און פוסקים. פון אנדערע למודים האט א יודיש קינד נישט געטארט וויסען. אפילו „כתבי=הקדש", דער הייליגער תנ"ך, איז אויך געווען פעררעכענט ווי א מין פסול'ע זאך פאר קינדער, וועלכע טארען מעהר נישט וויסען ווי פון „א פסוק, וואס שטעהט אין דער גמרא"... ר' חיים=משה אליין איז אבער אויך געווען, ווי געזאגט, א „בעל=תנ"ך" און א שטיק „מליץ".

האָט ער פערלאַנגט פון דעם מלמד, ער זאָל לערנען מיט'ן קינד אויך תנ"ך מיט „מצודות", מיט תרגום און אַ ביסעל דקדוק אויך דערצו.

און דער מלמד, יוסי ראובנ'ס, איז געווען ווי געוואונשען פאַר דעם 6—7=יעהריגען תלמיד. קיין בעסערער זיווג דערפון האָט גאָר נישט געקאָנט זיין. דער רבי און דער תלמיד האָבען זיך איינער דעם אנדערן גוט געפאַסט, אויפ'ן בעסטען אופן.

ר' יוסי ראובנ'ס, אַ יוד אין די מיטעלע יאָהרען, איז געווען אַ דאַרער, אַ קורצזיכטיגער, מיט אַ בלייך פנים, אַ שטילער און אַ גוטער און בּיי איטליכען אינ'ם שטעדטיל זעהר בּעליעבּט. זיין חאַראַקטער, זיין שטייגער לעבּען און אַלץ מיט אַנאַנדער האָט אַרויסגעוויזען, אַז אין איהם שטעקט דער פונק פון אַ קינסטלער. ער האָט געהאַט אַ האַנד צו שרייבּען און צו מאָהלען, צו שניצען און צו קריצען אויף קופּער און אויף שטיינער, נישט צוליעב פּרנסה, נאָר גלאַט אַזוי, ווייל דאָס איז געווען זיין בּעסטער פערגניגען, עפּיס האָט איהם ווי געטריבּען דערצו און ער האָט געמוזט מייסטערן. אין שטעדטיל האָט מען איהם מכבּד געווען מיט שניצען דעם אָרון=קודש, מאָהלען אַ מזרח, שלאָגען מצבות, קריצען חתימות, און אָפּטמאָל מיט מאַכען מוסטערן פאַר מיידלעך=כּלות אויף קיטעלשטיכלעך, אויף העפטען, אויסנייהען פאַר זייערע חתנים שענע תפילין=זעקלעך.

דער שטייגער פּדנ"ם לערנען איז געוועהנליך געווען אַזוי: בּשעת דעם לערנען פלעגט דער רבי זיצען אויף זיין אָרט מיט עפּיס אָנאַרבּיט — מאָהלען אָדער שטעכען אַ חתימה'לע. די אַרבּיט האָט ניט געשאַדט צום לערנען, פערקעהרט, זי איז געווען דאָס אייגענע, וואָס „פאַר אַ פראָסטען בעל=מלאכה אַ גוטער טרונק=בראַנפען", זי האָט איהם בּעלעבּט און בּעגייסטערט, אין די אויגען האָט געפינקעלט אַ הייליג פייעריל און אַלסדינג האָט ער דענסטמאָל דערקלערט דעם תלמיד שאַרף און קלאָר, מיט אַ בּעזונדער געפיהל. און דעם תלמיד פלעגט עס געבּען אַ נעהם, אַ בּרען, און ס'האָט זיך איהם געלערנט מיט אַזאַ חשק, געשלונגען איטליכס וואָרט.

דער דאָזיגער בּעגאַבּטער רבּי האָט געמאַכט אַ שטאַרקען רושם אויף זיין פיעל=בּעגאַבּטען תלמיד, און בּיז איצט דערמאָהנט זיך דער גריין=גרויער תלמיד אָן זיין אַמאָליגען רבּי'ן ר' יוסי ראובנ'ס (אין „שלמה ר' חיים'ס" רופט ער איהם ליפּא ראובנ'ס) מיט גרויס ליעבּע און אכטונג. צו דער ווירקונג פון יענעם זעלטענעם רבּי'ן קאָן מען אפשר

צושרייבען ניט נור דאָס שענע געפּעריליטע כּתב פון אונזער גרויסען שרייבער, נאָר אויך דאָס ווילען אַרבייטען כּסדר מיט חשק אויסצושליפען און אוי-צוטאָקען יעדעס וואָרט, יעדע פראַזע בעזונדער, עס זאָל אַרויסקומען קינסטלעריש, אָהן אַ שום פּגימה׳ע...

דאָס קינד שלום׳קע איז מיט דער צייט געוואַקסען „ווי אַ בלימעלע אונטער אַ גוטער השגחה”, ער האָט אָבער נישט אויפגעהערט פונדעסטוועגען צו בלייבען אַ קינד. אין „שלמה ר׳ חיים׳ס” ווערט דאָס קינד געמאָהלט אַזוי: „שלמה׳לע אין חדר און שלמה׳לע אין דרויסען זענען עפּיס גאָר אַנדערע, פערשיעדענע מענשען. לערנט ער, איז געלערנט. ער איז מיט דעם גאַנצען קאָפּ אַריינגעטאָן אין לערנען. ער דענקט, טראַכט, וויל גרינדליך איטליכע זאַך פערשטעהן, נאָר קוים צוגעמאַכט דעם ספר, איז ער ווי איבערגעביטען געוואָרען, ער לעבט, שטיפט — אַ יונגעל מיט די ביינער. איבערהויפּט האָט שלמה׳לעס כאַראַקטער פון קינדהייט אויף זיך געוויזען עפּעס ווי אַ צונויפגעשטעל. ער פון פערשיעדענע מינים, נישט פון איין שטיק מאַטעריע. עפּיס האָבען צוויי נשמות — אַ מלאך מיט אַ רוח—געשטעקט אין איהם ביידע אינאיינעם. ער איז געווען אַ איינגעשפּאַרט, האַרט ווי אַ שטיין, אַ ווייך ווי אַ טייג, לאָזענדיג זיך פיהרען אַ מאָל ביי דער נאָז; אַ בייז, אַ מילד, גוט ווי די וועלט; אַ ביטער-גאַל, אַ צוקער-זיס: אַ ערנסט, אַ קאַטאָוועס-טרייבער, אַ אומעטיג-פערטראַכט, אַ לוסטיג-פרעהליך". אין אַ געוויסער מאָס, געוועהנליך, קאָנען די ווערטער אויך צום קינד שלום׳קען צוגעפּאַסט ווערען. און ווי דערמאָהנען זיי יענע ווערטער פון׳ם שפּעטערדיגען ר׳ מענדעלי, וואָס זאָגט עדות אויף זיך (אין „בימי הרעש”): „אָפטמאָל פיהל איך מיר, אַז איך בין צוויי מענדעלעך, צוזאַמענגעבונדען ווי אַ צווילינג צוזאַמען, יעדער איז זיך אַ בריה פאַר זיך” א. ז. וו....

שלום׳קע איז בטבע געווען אַ הייסבלוטיגער, „אָנצינדענדיג זיך ווי אַ שוועבעלע, ווי באַלד נור עפּיס האָט איהם געטאָן אַ ריהר”. די פייערדיגע רייד פון די נביאים, זייערע שענע מליצות און דערצעהלונגען איבער נאַט און איבער דער וועלט, האָבען אויפגעוועקט זיין כּח-הדמיון און איהם געגעבען גענוג שטאָף צו דענקען, צו טראַכטען און צו פאַנטאַזירען. ער האָט אויך שטאַרק ליעב געהאַט צוזאַמען אָפט אַ שפּאַציר אין דעם פערלאָזטען שענעם „גאָרטען” פון דער יודישער אגדה אין

גמרא און מדרשים, וואו זיין רייכע פאנטאזיע האט געפינען גענוג פלאץ
אויף ארומצופלאטערן און אמאל זיך הויך אוועקלאזען מיט פערשפרייטע
יונגע פליגעל...

II.

נאך א פיער יאהר לערנען ביים זעלבען מלמד יוסי ראובנ'ס האט זיך די תורה פאר שלום-יעקב'ן ביי דעם רבי'ן אויסגעלאזט און ער איז איבערגעגאנגען אויף דעם טאטענ'ס האנד לערנען אונטער זיין השגחה. אזוי האט זיך דער פאטער נוהג געווען צו לערנען פריהער מיט זיינע עלטערע צוויי זיהן, נאכדעם אז זיי זענען ארויס פונ'ם חדר, ביז דער חתונה, אזוי האט ער אויך געלערענט מיט זיין א'דעם, די ערשטע צייט נאך דער חתונה, און אזוי איז איצט געקומען שלום'קעס צייט צו לערנען תורה ביים טאטען. דער שטייגער זיינער איצט איז גע-ווע' אזוי: אלע פריה-מארגען באלד נאכ'ן דאווענען, פלעגט דער פא-טער, זיצענדיג אויף זיין שטאט אויבען אן אין קלויז, אפלערנען מיט איהם א פאר פרקים משניות כסדר. נאכ'ן אנבייסען פלעגט ער בלייבען אין דער היים, צוגרייטען אין אלקעריל דאט לייענען אין דער גמרא, וואס דער טאטע האט איהם פערגעבען, מיט תוספות און מיט מהרש"א. ער האט עס בעדארפט דערנאך איבערזאגען. אין דער-היים טאקע, ווען עס האט זיך געמאכט. קיין בעשטימטע צייט אויף דעם איז נישט געווען. דער פאטער האט זיך געקאנט אבדייסען פון זיינע געשעפטען אמאל ביי-טאג, אמאל ביי-נאכט. און גאר אמאל פלעגט דער טאטע איהם אויפדייסען פון שלאף פאר-טאג און אוועקגעהן מיט איהם לערנען אין קלויז. נישט גרינג, פערשטעהט זיך, איז אנגעקומען דעם 11—12-יעהריגען קינד דאס אויפשטעהן פאר-טאג פונ'ם געשמאקען שלאף. נאר איז ער אבער אויפגעשטאנען, האט עס איהם זעהר הנאה געטאן. דאס געהן פאר טאג פון דער-היים אין קלויז און דאס לערנען דארט האט איהם פערשאפט גרויס פערגניגען. ביי דעם קליינעם לערנער האבען זיך צושפיעלט די געבליטען. זיין כח-הדמיון איז פלאם-פייער, דאס הארץ צוגעהט איהם שיער פאר גרויסע געפיהלען — און ער נעהמט זיך לערנען מיט חשק, געשמאק אויף א ניגון"

נאָר די הייסע געפיהלען זיינע האָבען זין נישט בעגנינגט מיט לערנען אַליין. דער פּאָעטישער פונק, וואָס איז אין איהם געלעגען פערבאָרגען, האָט זיך אָנגעהויבען אויפצובלאָזען דורך אַ געפיהל פון ליעבשאַפט און בענקעניש צו דער שענער נאַטור. פריהער איז זיין וועלטיל געווען גאָר אַ קליינס: „פון די אַלע גאַסען אין שטעדטיל איז פאַר איהם געווען נור דער שוהל־הויף; פון אַלע הייזער — דער חדר, דער בית־מדרש, וואו ס'איז דער טויער צום הימעל". איצט האָט ער אָנגעהויבען בעטראַכטען די איבעריגע גאַסען פון שטעדטיל, אפילו נישט קיין יודישע; ער האָט אויך אַרויסגעקוקט אויסער דער שטאָדט און געזעהן די שענע טאָלען „באַרג־אַראָב", ערטערווייס בעוואַקסען מיט גרינוואַרג, וואָס ציהען זיך וויים אַרום דער שטאָדט, צעוואַרפענדיג זיך אין פערשיעדענע פּאַנאָראַמעס, און אויף יענער זייט טאָלען — ווידער בערג און פעלדער, וועלדלעך און וועלדער. שלום־יעקב האָט אָנגעהויבען אָפט מפסיק זיין פון לערנען, אַרויס'גנב'ענען זיך פון שטוב און געהן אויף „קבלת־פנים" צו דער שען־חנ'עווריגער נאַטור „ווי אַ תחנה זאגען דער כלה", און דאָרט פלעגט ער ווערען ווי צושמאָלצען פאַר הייסע־ווסע געפיהלען און זיך צוגאָסען אין אַ מין ניגונ'דיל פון „זמירות", אין אַ וויינענדיגם צו אַ בערעקענם, אָדער גאָר גענומען זאָגען „ברכי נפשי" הויך אויף אַ קול מיט אַ בעזונדער טעם און געפיהל.

בכלל איז ער שוין אַצונד ווי דערווייטערט געוואָרען פון יענעם עולם, אין וועלכען ער איז געווען אַריינגעטאָן פריהער מיט לייב און לעבען — דער קאָפּ זיינער ליגט שוין נישט אין דער גמרא ווי אַ מאָל, דאָס שטיקעל לייענען פאַר דעם טאַטען מאַכט ער נאָך ווי ס'איז, אַבי איבערגעקומען, און שפּאַצירט זיך דערנאָך דעם גרעסטען טייל טאָג אַרום. ער זוכט זיך אויס נייע מיני חברים. זיי מעגען זיין נישט זיין גלייכען, יונגער צי עלטער פון איהם. ער חאַפּט זיך אָפּט אַריין צום שכן דעם שמיעד אין קוזנע, זיצט זיך דאָרט אין אַ ווינקעל און קוקט פערטראַכט ווי די פונקען שפּרינגען, „טאַנצען ווי די רוחות" אין אייזען און הערט בשעת מעשה די ווערטלעך און מעשיות, וואָס ווערען דאָרט אויסגערעדט און איסערערצעהלט. דער שמיעד, אַ יוד, שוין אַ זיידע, איז מיט אַ'ע פּאַסטעמקעס זיינע געווען טאַקע נור עפּיס אַנ'אַלטער־יונגעל. און אַזוי אויך דער צווייטער שכן פון דער אַנדער זייט, אַ סטאָלער, אין וועלכען ס'האָט געשטעקט אַ גייסט פון אַ קינסטלער, און די סטאָלעריי איז געווען ביי איהם נישט אַזוי וועגען דער פרנסה, ווי צוליעב

דעם פערנניגען צו מאַכען אַ כלי. די ביידע זענען איהם געווען זעהר טייער און דאָס האַרץ האָט איהם צו ווי שטאַרק געצויגען, און ביידע האָבען געווירקט אויף זיין יונגען גייסט, דערהאַלטען אין איהם דאָס פייעריל.

דערווייל האָט זיך דאָס רעדיל ביי שלום-יעקב'ס פאָטער איבער-געדרעהט און זיינע געשעפטען האָבען אָנגעהויבען געהן אַלץ ערגער. אין שטעדטיל איז געוואָרען אַ קריזיס. דער עולם האָט אָנגעהייבען אין דער שלעכטער צייט ווינציגער עסען פלייש — און די טאַקסע איז געוואָרען געשלאָגען. אין שטוב האָט זיך אָנגעהויבען פיהלען דחקות, און די נויט האָט זיך וואָס ווייטער מעהר געשטאַרקט. פון גרויס צער איז דער פאָטער קראַנק געוואָרען און גיך פון דער וועלט געגאַנגען, אין אַ עלטער פון העכער פערציג יאָהר, און איבערגעלאָזט אַ אַלמנה מיט עטליכע יתומים אָהן מיטלען צום לעבען.

III.

שלום-יעקב איז געווען אַלט אַ יאָהר 13—14, ווען ער איז געבליבען אַ יתום, און דאָס ערשטע האָבען די נאָהנטע קרובים געפונען פאַר נויטיג, מען זאָל דעם עלטערען פון די קליינע קינדער אַוועקשיקען ערגיץ אין אַ ישיבה, כדי ער זאָל זיך נישט אַרומדרעהען בטל און זאָל טאַקע נישט זיין אַ איבעריגע משא אויף דער אָרימער אַלמנה.

איצט הויבט זיך אָן זיין נע-ונד זיין פון איין אָרט אינ'ם אַנדערן. ס'איז בעשערט געווען, ער זאָל אין די יונגע יאָהרען פערזוכען דעם טעם פון עלענד אַרומוואַנדרעווען אין פרעמדע מקומות און אויס-זיין אין פערשידענע שטעדט און שטעדטלעך אין דער ליטאַ, איידער ער וועט מגולגל ווערען גאָר אין די ווייטע מקומות אין וואָהלין, און זאָל בעטראַכטען פון פערשידענע זייטען און צו-קוקען זיך מיט זיינע אָפענע, שאַרפע אויגען צום יודישען לעבען, וועלכעס ער וועט דערנאָך אַזוי מייסטעריש אָבמאָהלען.

דאָס ערשטע האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אָנהויב זומער קיין טימקעוויטש, אַ קליין שטעדטיל נישט זעהר ווייט פון קאַפוליע, און זיך אַוועקגעזעצט דאָרט אין בית-מדרש לערנען. אייגענטליך איז ט. נישט

קיין ארט פון תורה, און דער פרעמדער בחור איז נישט אויסען געווען אזוי דאס לערנען ווי „די טעג" עסען. דא האט ער זיך בעקאנט צום ערשטען מאל מיט'ן לעבען פון חסידים און זייער אויפפיהרונג. אין זיין געבורטס-ארט קאפוליע זענען געווען לויטער „פערברענטע מתנגדים" און קיין חסיד האט מען נישט געלאזט א קאפ אויפהייבען. אז עס האט זיך געעפענט דארט א חסיד'יש „שטיבעל", האבען די קאפוליער יודען גע-נומען פויקען אין די הענד און מיט אלע כחות געפויקט ביי דעם „שטי-בעל", כדי מען זאל דארט נישט קאנען דאווגען, ביז „דאס שטיבעל" האט סוף-כל-סוף געמוזט פערמאכט ווערען און פון חסידים איז כמעט קיין זכר נישט געבליבען אין שטעדטיל (זעה פאפירנא'ס זכרונות „פון ניקאלאי'ס צייטען", „פערעזשיטאיע" 11). דא האט ער געזעהן די „חסידים", וואס ער האט פריהער נור געהערט וועגען זיי, אז ס'איז משונה ווילדע ברואים, און ארויסגעזעהן, אז זיי זענען אויך יודען, וואס דאווגען נאך דערצו מיט א ברען, מיט א „שמחה של מצוה", די פייער-דיגע עבודה, ד. ה. די תפלה זייערע, האט אויף איהם געמאכט א שטאר-קען רושם, און ער האט אויך גענומען מתפלל זיין מיט התלהבות. נאך דער תפלה אבער איז ער אבגעזעסען דעם טאג אין קלויז פערזארגט אין פער'חושב'ט. עס האט איהם געצויגען א היים און ער איז גיך טאקע אוועק אהין צוריק. נאר דער דלות האט איהם באלד פון דארט ווייטער פערטריבען.

דאסמאל האט ער זיך אוועקגעלאזט קיין סלוצק. אין סלוצקער ישיבה האט ער אנגעהויבען לערנען פריהער אין דער ערשטער כתה, באלד אבער האט מען בעמערקט דעם יונגען קאפוליער עלוי און איהם איבערגעזעצט אין דער עלטערער כתה, וואו דער ראש-ישיבה אליין, דער גרויסער חריף ר' מיכל מ"ס האט געלערנט מיט די תלמידים. פון דער ישיבה איז ער איבערגעגאנגען אין גביר'ס בית-מדרש, וואו דער בעריהמטער רב ר' אברהם'לע פלעגט זאגען א שיעור פאר געקליבענע בחורים.

נאך סלוצק איז ער איבערגעגאנגען נאך אין א פאר ערטער, ביז ער איז געקומען קיין ווילנא, וואוהין ס'האט איהם ארויסגערופען זיין קרוב דער גביר נחום-חיים ברוידא *). דארט האט ער געלערנט ביי ר'

---

*) דער פאמיליע-נאמען פון שלום-יעקב איז אויך פריהער געווען ברוידא (אין

טענדערויל אין די מעלה'ס ישיבה און אויך אין „גאונ'ס קלויז", געלערנט גאַנצע טעג און אויך אָפט גאַנצע נעכט „משמורים". פערבראַכט האָט ער אין ווילנא נור עטליכע חדשים. ס'איז איהם נמאס געוואָרען דאָס זיין אין דער פרעמד, און נאָך צוויי יאָהר נע-ונד זיין האָט ער זיך אומגעקעהרט אַהיים.

דערוויל האָבען די קרובים, וואָס האָבען זיך געזאָרגט פאַר דער מוטער די אלמנה, געזעהן חתונה-מאַכען זי פאַר אַנ'אַלמן אַנ'אָרענדאַר, וואָס האָט געהאַלטען אַ מיהל אין אַ דערפיל מעלניקי, אַ צעהן וויאָרסט פון קאַפּוליע, און זי איז אַוועק אַהין מיט די קלענערע קינדער. אין שטעדטיל איז איבערגעבליבען נור שלום-יעקב און די עלטערע שוועסטער זיינע, אַ גרושה. עלענד און פערצאַנט האָט ער זיך אַרומגע-בלאָנקעט אין זיין געבורטס-שטאָדט ווי אַ פרעמדער, פערוואָגעלטער, וואָס האָט נישט וואו אַ קאָפּ צו-שפּאַרען. ער איז אַרומגעגאַנגען שטענדיג פערזאָרגט און האָט זיך נישט געקאָנט קיין אָרט געפינען, און אַז זיין שטיף-פאָטער האָט איהם גערופען צו זיך אין דערפיל, האָט ער זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטען און איז אַוועק אַהין, און כדי נישט צו עסען אומזיסט ברויט, האָט ער געלערנט מיט די שטיף-ברידער עטליכע שעה אין טאָג.

נאָך צוויי יאָהר אַרומשלעפּען זיך אין ישיבות, נאָך אַ לעבען אין גרויס דחקות און איינגשאַפט, האָט ער זיך געפיהלט פריי אינ'ם קליינעם דערפיל, וואָס איז אַרום-ערינגעלט מיט גרויסע געדיכטע וועלדער, צווישען וועלכע עס פליסט אַ היבשער טייך. אויף איין זייט טייך קוקען אַרויס פון צווישען גרינוואַרג און בוימער אַ דריי קליינע הייזלעך פון דריי פויערשע פאַמיליען, די איינציגע איינוואוינער דאָרט. און אויף דער אַנדערער זייט טייך שטעהט האַרט נעבען וואַלד אַ איין-איינציגע שטוב מיט קליינע פענסטער און אַ הויכען אַלטען דאַך, וואו עס זיצט דער אַרענדאַר מיט זיין גרויס הויזגעזינד. עס רעש'ט דאָ נישט ווי אין שטאָדט, דערפאַר שוויבלען און גריבלען אין די פעלדער און וועלדער אַלערליי בעשעפעניש, חיות און עופות, און אַמאָל לאָזט זיך אויך הערען אַ העלען פון הונגעריגע וועלף ווינטער.

---

*) זיינע „כתבים" פון די קינדער-יאָהרען איז ער געחתמ'עט „שלום-יעקב ברוידא" [illegible] ערשט שפּעטער-נאָך איז ער פערשריבען געוואָרען „אבראַמאָוויטש".

אין דעם שטילען אָרט, אָבגעזונדערט פון מענשען און נאָהנט צו זיין היים-געליבטער, צו דער שענער נאַטור, האָט זיך אין דעם יונגען שלום-יעקב אויפגעוועקט דאָס פּאָעטישע געפיהל זיינס אין איהם געטריבען אויסצוגיסען אויף פּאַפּיר דאָס, וואָס ער האָט געפיהלט טיעף אין הארצען. פריהער נאָך האָט ער גענומען שרייבען אַ מין דראַמע אויפ'ן שניט פון לוצאַטו'ס „לישרים תהלה", דאָס איז, אַ פּנים, עפּיס על-פּי-נס געקומען איהם צו דער האַנד. אַט די קינדערשע דראַמע, אין וועלכער די הויפּט-פּערזאָנען זענען: סכלות, שכל, אמת, גאוה, שכחה, המון א. ד. ג. — האָט ער פערענדיגט, וויזט-אויס, דאָ אינ'ם דערפיל. אויסערדעם האָט ער זיך גענומען צום שרייבען ליעדער אויפ'ן אָרט פון „ברכי נפשי" (איינס פון די שירים טראָגט דעם נאָמען „מזמור לשלום בהיותו במדבר מלניקי) מיט תהלות ותשבחות צום דעם גרויסען אַלמעכטיגען גאָט, דעם בעשאַפער פון אַזאַ שענער, ליכטיגער וועלט. סיי די דראַמע און סיי די שירים זענען מיט גענוג פעהלער און נאָך גאָר קינדיש-נאַאיוו, און ס'איז שווער צו דערקענען אין זיי סימנים פונ'ם קינפטיגען גרויסען סטיליסט און קינסטלער.

דאָס דאָרפישע לעבען ביים שטיף-פאָטער האָט איהם אָבער נישט אויף לאַנג געשמעקט, עס האָט איהם געצויגען צוריק אין שטעדטיל, אין זיין קלויז, וואו ער האָט פאַר זיך געהאַט אַזוי פיעל ספרים, נישט נור גמרות און „שאלות ותשובות", נאָר אפילו אַזעלכע ווי „מורה נבוכים", „כוזרי"; „חובות הלבבות" און אויך „סדר הדורות", „שלשלת הקבלה" א. ד. ג. — און ער האָט זיך אומגעקעהרט צוריק קיין קאַפּוליע און ווייטער זיך געזעצט לערנען, ווי פריהער אין בית-המדרש.

דערווייל איז ער שוין געוואָרען אַ 17-יעהריגער בחור — און ער האָט אָנגעהויבען שטאַרק טראַכטען, וואָס וועט זיין פון איהם דער סוף. די מוטער האָט איהם שוין לאַנג געוואָלט חתונה מאַכען, בפּרט זי אַליין האָט דאָך אויך, אין עפּיס אַ מין „בהלה", חתונה געהאַט מיט איהר ערשטען מאַן זעהר פריה, ווען זיי ביידע זענען נאָך געוועזען קליינע קינדער, און גאָר יונג זענען זיי געוואָרען זיידע און באָבע. ער אָבער האָט בשום אופן נישט געוואָלט הערען פון אַזאַ מין „תכלית". פאָהרען ווידער אַמאָל אין די ישיבות און דאָרט זיך רייבען, ווי ער האָט שוין דעמאָלט זיך אויסגעדריקט, „ביז ער וועט זיך אויסרייבען אַ שמאַטע" — האָט ער אויך קיין חשק נישט געהאַט. און די פראַגע: „וואָס וועט זיין פאָרט דער סוף" — האָט איהם נישט געלאָזט רוהען.

VI.

אין יענער צייט, דארף זיך מאכען, קומט-אָן קיין קאפוליע איינער א דאָרטיגער תושב, נאָכדעם וואָס ער האָט לאנג ארומגעוואנדערט אין פרעמדע ווייטע מקומות, אברהמ׳יל דער הינקענדיקער. א סך חידושים האָט ער אָנדערצעהלט פון דעם, וואָס ער האָט זיך אָ-געזעהן אויף זיין רייזע אין וואָהלין (וואָהלין האָבען דעמאָלט געהייסען אין ליטאָ אויך יענע אנדערע גובערניעס, וואָס זענען נאָהנט צו וואָהלין), ווי גליקליך עס לעבען דאָרט די וואָהלינער יודען, וואָס עסען ממש ווייסע חלות און געפּאָכטענע קוילעטשען אין דער-וואָכען אפילו; און די אָרימע-לייט זייערע פיהרען א לעבען ווי א היגער ליטווישער גביר, אז ס׳איז זיי נור מקנא צו זיין. דער הינקעדיגער רייזענדער האַט דערצעהלט—און דער קאפוליער עולם האָט אויסגעשטעלט מויל און אויערן, און אנדערע פון זיי האָבען נישט לאנג געטראכט און באלד טאקע זיך אוועקגעלאָזט אהין אין יענעם גליקליכען קאנט. דער דאָזיגער אברהמ׳יל האָט געגומען צו-ריידען שלום-יעקב׳ס מוהמע פון דער מוטער׳ס צד, וואָס איז מיט א קליין קינד געבליבען אנ׳עגונה (איהר מאן האָט צוליעב די שלעכטע צייטען אנגעזעצט עטליכע הונדערט רובל און געמוזט עוקר זיין פון ק. און זי האָט נישט געוואוסט וואו ער איז אהינגעקומען), אז זי זאָל זיך לאָזען אין יענע קאנטען זוכען דעם מאן, ווערלכען ער האָט כלומר׳שט בעגעגענט ערגיץ אין א שטעדטיל דאָרט, און מיטנעהמען מיט זיך זאָל זי טאקע דעם געראָטענעם שוועסטערס זוהן אויך, ווייל דאָרט, אין יענע מקומות זענען לויטער אלע עמי-הארצים, איינער גרעסער פונ׳ם אנדערן, און אז גאָט העלפט זיי אמאָל צו דערטאפּען א וואוילקענענדיגען ליטוואק, חאפּען זיי איהם אויף ווי א אבן-טוב, און דער בחור וועט געוויס קריגען דאָרט גאָר גיך די בעסטע שטעלע פון א לעהרער אָדער א „נאמן״ אינ׳ם גרעסטען געשעפט. ער, אברהמ׳יל, ווייסט גוט דעם וועג אהין און האָט דערצו א אייגען פערד און וועגעלע, וועט ער זיי באלד נאָך פסח מיטנעהמען מיט זיך און ברענגען ביידע צו זייער ציל. שלום-יעקב האָט אפילו פערשטאנען דעם עסק, אז מיינען מיינט אברהמ׳יל נישט זייער טובה, און יענער האָט זיך דאָ זיינע כונות דערביי. פונדעסטוועגען האָט ער זיך געלאָזט איינרעדן, און אויך צוגערעדט דער מוהמען צו פאָהרען. אזוי האָט ער געוואָלט ארויסרייסען זיך פון דאנען און זיך זוכען דעם מזל אויף דער פרייער וועלט.

אָהן שום הכנות, ווי ער שטעהט און געהט, האָט זיך דער 17-יעהריגער בחור אוועקגעלאָזט „אין עק וועלט“, ווי ס'האָט דעמאָלט געהייסען אַ רייזע פון ליטאָ קיין וואָהלין, נאָר וואָס די עלטערע שוועסטער האָט איהם מיטגענעבען אויפ'ן וועג אַ שוואַרץ ברויט מיט עטליכע קליינע מטבעות.

באַלד פון אָנהויב-אָן, פונ'ם ערשטען טאָג פאָהרען, האָט ער שוין אָנגעהויבען צופיהלען, וואָס פאַר אַ שווערע ביטערע רייזע דאָ שטעהט איהם פאָר. די מוהמע מיט'ן קליינעם קינד זענען געזעסען אין וועגיל און ער צוזאַמען מיט אברהמ'לען האָט געמוזט זיך נאָכשלעפען צו-פוס, און בשעת הדחק האָט ער נאָך געדאַרפט אונטערהעלפען אַרויסצושלעפען פון דער טיעפער בלאָטע די קליאַטשע מיט די צוויי שוואַכע פאַרשוינען אין וועגיל. אברהמ'יל האָט איהם געהאַלטען אין איין אונטערטרייבען און דערמאָהנען, אַז מיטגענומען האָט ער איהם נישט אויף דעם, ער זאָל זיך זיצען צולעגט „ווי אַ פריץ“.

דער „מאַרשרוט“ האָט אייגענטליך בעדאַרפט זיין גלייך קיין אָריעוו, אַ שטאָדט אין בעסאַראַביען וואו אברהמ'יל, לויט ער האָט דערצעהלט, האָט בעגעגענט דאָרט דער עגונה'ס מאַן. נאָר אברהמ'יל האָט זיך נישט אָנגעהויבען צו אַיילען. גאַנץ געלאַסען האָט ער זיך געשלעפט מיט זיינע פאַסאַזשירען פון אָרט צו אָרט, און אין יעדען שטעדטיל אויפ'ן וועג האָט ער געפונען פאַר נויטיג זיך אָבצושטעלען אויף אַ פאָר טעג. ער איז גלייך אַוועק צום רב, אויסדערצעהלט מיט אַ צובראָכען האַרץ די מעשה וועגען דער וויסטער עגינה, נעבעך!, וואָס ער פיהרט מיט זיך, גענומען אַ נדבה פאַר איהר מיט אַ בריעף צו יודען בני-רחמנים, מען זאָל העלפען יעדער מיט וואָס ער קאָן. פערשטעהט זיך, אַז די פאַרשוינען אַליין האָבען נישט געוואוסט פון קיין זאַך. פאַר דער עגונה האָט דער פערזאָרגער איהרער געמאַכט מיט אַ שטיקעל לייווענד אַ מין ביידעל פונ'ם וועגיל און דאָרט האָט זי געוואוינט מיט'ן קינד, און דעם יונגען פאַרשוין פלעגט ער תיכף, אָנקומענדיג אין אַ שטאָדט, אַוועקשיקען גלייך אין בית-המדרש, ער זאָל, חלילה, נישט אַרומגעהן דערוויל בטל, און אַליין האָט ער נישט גערוהט, אַרומגעגאַנגען פלייסיג איבער דער שטאָדט, צונויפנעהמען אויף דער עגונה.

אַזוי האָבען זיי זיך געשלעפט אַ שטיקעל צייט ביז זיי זענען געקומען ערב-שבועות קיין לוצק. דאָ האָט אברהמ'יל בעשלאָסען, אַז זיי מוזען פערבלייבען עטליכע טעג ביז ער וועט זעהן דעם בחור פער'שדכנ'ען

פאַר אַ גביר׳ס טאָכטער און חאַפּען דערביי א שען שדכנות. ארויסגעזעהן האָט ער, אַז דער יונגער פאַרשוין נעהמט שטאַרק אויס אין קלויז. די יונגע-לייט פון יענעם בית-המדרש האָבען געוואָלט מאַכען אַ נייע חברה „תומכי עניים", האָט מען מכבד געווען איהם, דעם יונגען אורח, ער זאָל נעהמען אָנשרייבען אין אַ פּנקס די תקנות פון דער חברה, און ער האָט עס באַלד גאָר קונציג אָנגעשריבען מיט זיין שענעם כתב׳ל און מיט פיינע מליצות, אַז אַלע האָבען זיך נישט געקאָנט אָב׳חידוש׳ן. די דאָזיגע תקנות, קאָן זיין, זענען די ערשטע שריפטען פון אונזער שרייבער אין פּראָזע. אברהמ׳יל האָט דאָס אַלץ געוואָלט אויסנוצען און געאַרבייט געשמאַק אין עסק, און עטליכע טעג נאָך יום-טוב לויפט ער אַריין אין קלויז מיט אַ שמחה און זאָגט-אָן דעם בחור, אַז ער איז שוין למזל אַ חתן פאַר אַ כלה מיט אַלע מעלות, אַ גביר׳ס אַ טאָכטער נאָר פון די געהויבענע, מען וואַרט נור, ער זאָל באַלד קומען אַהין. דער בחור אָבער האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער וועט נישט געהן אויף קיין אופן אין דער וועלט. נישט אויף דעם האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט פון דער היים — און דער „שידוך" איז געוואָרען אויס, און אברהמ׳יל האָט געמוזט בייזערהייד איינשפּאַנען דאָס פערד אין וועגיל און ווידער זיך לאָזען אין וועג.

נאָך היבשע וואָכען האָט אברהמ׳יל זיך אַרומגעפירט מיט זיינע פאַרשוינען איבער וואָהלין, אוקריינע און פּאָדאָליען ביז זיי האָבען זיך דערשלאָגען די ערשטע טעג קיין קאַמענעץ-פּאָדאָלסק. שפּעט ביי-נאַכט האָט ער זיך מיט זיי פערשלעפּט אין אַ פּוסטע קרעטשמע וויט פון שטאָדט, אַ מין חורבה, אָהן טירען און אָהן פענסטער, און דאָרט האָבען זיי זיך אָבגערוהט. פאַר-טאָג איז אברהמ׳יל אויפגעשטאַנען און אַוועק אין שטאָדט וועגען זיינע געשעפטען. געקומען צוריק איז ער אין איין רציחה. עפּיס האָט ער ניט נושא חן געווען ביי די קאַמענ׳יצער רבנים און זיי האָבען זיך אָבגעזאָגט פון צו געבען איהם עפּיס געלד, אָדער בריעף אָפּילו צו יודישע קינדער. „ס׳איז נישט קיין יודישע שטאָדט — האָט ער געזאָטען — נאָך ערגער פון סדום, ער וויל זי נישט קענען און מאָרגען פאַר-טאָג פאָהרט מען קיין חאָטין; דאָס וועט אָבער שוין זיין די לעצטע סטאַנציע. אויב דער שענער בחור וועט איצט אויך נישט וועלען ווערען קיין חתן, לאָזט ער איהם דאָרט איבער אויף הפקר, נאָר דעם פּאַספּאָרט זיינעם וועט ער פערהאַלטען ביז ער וועט איהם נישט אָבצאָהלען „פוהר-געלד" פאַר דער גאַנצער צייט."

א שווערע ביטערע נאַכט האָט שלום־יעקב איבערגעלעבט. גאַנצע נאַכט האָט ער קיין אויג נישט צוגעמאַכט און געטראַכט: וואָס טהוט מען? פּלוצים דערמאָנט ער זיך, אַז אָט דאָ אין דער שטאָדט טאַקע דאַרף זיך געפינען אַ חבר זיינער פון קאַפּוליער קלויז, וואָס איז צוריק מיט עטליכע יאָהר אַוועק פון דער־היים און געוואָרען, ווי מ'האָט נאָך אין דער־היים דערציילט, אַ משורר ביים קאַמעניצער חזן פון דער גרויסער שוהל — און ווי ס'האָט נור אָנגעהויבען צו טאָגען, האָט ער זיך אַליין אַוועקגעלאָזט אין שטאָדט זוכען דעם חבר. אין שטאָדט אָבער דערוויסט ער זיך, אַז דער חזן מיט אַלע משוררים זענען אין וועג און וועלען ערשט קומען צוריק אויף „ימים נוראים". פערלוירען די לעצטע האָפנונג, האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק אין קרעטשמע מיט זעהר אַ ביטער האַרץ. אַברהמ'יל האָט איהם גוט מכבד געווען פאַר זיין פערפאַלען וועלט — און מען לאָזט זיך פאָהרען ווייטער. אַ רעגען האָט נישט אויפגעהערט צו גיסען, און אויפ'ן האַרצען ביי איהם איז פינסטער ווי דער הימעל אין דרויסען: ער איז אַ פערפאַלענער, אָט פערקיהרעוועט זיך דער וועג קיין האָטין און דאָרט לאָזט איהם אַברהמ'יל איבער אַליין, אָהן אַ גראָשען און אָהן אַ פּאַספּאָרט. נאָר פּלוצלים איז געקומען זיין ישועה גאָר אומגעריכט — דורך אַ פערדישע פּאָדקאָווע.

אַברהמ'יל האָט זיך אומגעקוקט, אַז די קליאַטשע זיינע האָט פערלוירען „אַ פּאָדקאָווע און האָט געהייסען דעם בחור זי אויסזוכען. יענער איז געלאָפען צוריק זי זוכען אין דער בלאָטע, געהאָפט צו געפינען די פערלוירענע פּאָדקעווע און דערמיט האָטש אַביסעל שטילען דעם רוגז פון זיין בייזען פריץ. פּלוצלים דערזעהט ער אַ קעגען איהם פאָהרט אַ פּוילישע בריטשקע מיט פיער פערד, פול אָנגעפּאַקט מיט חברה יונגע־לייט, וואָס לאַכען און זינגען. ער שטעלט זיך אָב צו קוקען אויף די גל קליכע לייט, ער הערט ווי איינער רופט איהם מיט'ן נאָמען: „שלומ'קע, שלום־יעקב קאַפּוליער!" — און באַלד טאַקע שטעלט זיך אָב די בריטשקע און פון דאָרט קריכט אַרויס אַ יונגער־מאַן, וואָס פאַלט איהם אויפ'ן האַלז. דאָס איז געווען דער חבר זיינער, וועלכען ער האָט געזוכט, וואָס האָט זיך איצט אומגעקעהרט מיט'ן חזן און אַלע איבעריגע משוררים קיין קאַמעניץ. אין קורצען האָט ער אויסדערצעהלט דעם חבר זיין שווער האַרץ, און יענער האָט גע'פּועל'ט ביים חזן, ער זאָל אויסלייזען דעם בחור פון יודישע הענד, בעצאָהלען פאַר איהם פוהר־געלד און מיט־נעהמען קיין קאַמעניץ.

מיט דעם האָט זיך געענדיגט אַבראַמאָוויטש׳עס וויטע נסיעה, וועלכע האָט געגעבען געגוג שטאָף זיין יונגער נשמה, וואָס האָט די אַלע איינדריקע איינגעזאַפּט אין זיך מיט אַ פרישער קראַפט און פיעל פון זיי דערנאָך דיכטעריש איבערגעגעבען אין ר׳ מענדעלי׳ס כתבים. אפילו די בעריהמטע קליאַטשע ר׳ מענדעלי׳ס, קאָן זיין, איז אויך אַ ריכטיג בילד פון אברהמ׳יל דעם הינקעדיגענ׳ס פערדיל...

V.

נאָר אַ נייע עפאָכע האָט זיך איצט אָנגעהויבען אין אַבראַמאָוויטש׳עס לעבען.

דער חזן איז געווען אַ מענש מיט אַ וואַרים יודיש האַרץ. ער האָט געזעהן, אַז דער בחור זאָל ווייטער שוין נישט ליידען קיין נויט. ער האָט איהם אַליין אַוועקגעפיהרט אין גרעכטען בית־המדרש, וואָס איז געווען רייך מיט ספרים און וואו ס׳האָבען געדאַוונט די „פּני־העיר“. דער ליטווישער 17־יעהריגער בחור האָט דאָרט שטאַרק אויסגענומען. יונגע־לייט לומדים האָבען זיך אָנגעהויבען ווענדען צו איהם מיט שווערע שאלות אין לערנען. מיט דער צייט האָבען עטליכע גבירים איהם געבעטען, ער זאָל לערנען מיט זייערע דערוואַקסענע קינדער און דערפאַר גוט בעצאָהלט.

אַבראַמאָוויטש האָט זיך אָבער נישט געקאָנט בעגנוגען מיט דעם אַליין, וואָס ער האָט שוין מעהר נישט געפיהלט קיין הונגער און איז געווען פערזאָרגט מיט עסען. וואָס ווייטער האָט ער אַלץ מעהר אָנגעהויבען צו פיהלען אַ גייסטיגען הונגער. דער השכלה־גייסט, וואָס האָט אָנגעהויבען דעמאָלט אַרומצושוועבען אין דער לופטען, האָט געפונען זיין וועג צו דער יונגער בעגאַבטער נשמה אין דער געשטאַלט פון אַ שטאַרקען אונגעהויערן דאָרשט צו קענען און וויסען אַלע אַנדערע זאַכען, אַחוץ דער טרוקענער גמרא מיט מפרשים, צו ענטוויקלען און בילדען זיך. נאָר ווי בילדעט מען זיך אָהן אַ שום וועגווייזער? וואו קריגט מען די נויטיגע ביכער דערצו? דאָ איז איהם געקומען צופעליגע הילף נאָר פון אַזא צד, וואָס ער האָט זיך נישט געקאָנט ריכטען. אין יענעם בית־המדרש איז געזעסען און געלערענט אַן אַלטער יוד, ר׳ אברהמ׳צי, זעהר אַ פרומער און יכבוד׳ער, איינער פון די אמת־שענע יודען, וואָס האָט

דערנאָך גערינגט ר׳ מענדעלי׳ן פאַר אַ מוסטער אויף אויסצומאָהלען דאָס שענע סימפּאַטישע בילד פון ר׳ אברהם מקבל (אין „ווינשפינגעריל״). יענער אַלטער האָט שטאַרק ליעב בעקומען דעם יונגען ליטווישען בחור, און ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דער בחור איז אַ גרויסער בקי, אַחוץ גמרא, אויך אין גאַנץ תנ״ך און אַ קענער אין דקדוק, האָט ער איהם איינמאָל איינגערוימט אַ סוד, אַז עס וואָלט געווען כּדאי, ער זאָל זיך בעקענען מיט דעם גרויסען „בעל־תנ״ך״ און „מדקדק״ אין שטאָדט, „הערשטו, שלום׳קע שקאָץ — האָט ער איהם שטילערהייד גע׳עצה׳ט מיט זיין שטענדיג נוט שמייכעל — וואָלסט זיך געמעגט דורכגעהן אַמאָל אַ פּאַר־גאַכט, קיינער זאָל נישט זעהן, צו יענעם שייגעץ, וואָס קאָן דיר נוצען אין די זאַכען. פרומע לייט ווייכען אפילו אין שטאָדט פון יענעם גלוח, דו אָבער מעגסט געהן צו איהם, ער וועט דיך פון דרך הישר נישט אַראָבפיהרען וועסט האָבען, נישקשה, וואָס צו ענטפערן דעם אפיקורוס״

דער „גלוח״ און „אפיקורוס״ — דאָס איז געווען דער יודישער פּאָעט א. ב. גאָטלאָבער, וואָס איז אין יענער צייט געווען אַ לעהרער אין דער קאַמעניצער יודישער „קאַזיאָנע״ שול.

פערשטעהט זיך, אַז באַלד אויף מאָרגען אָוועגד איז דער יונגער אַבראַמאָוויטש שוין געווען ביי גאָטלאָבער׳ן, געבראַכט איהם וויזען מיט האַרץ־קלאַפּעניש זיינע „כתבים״, די דראַמע, וואָס איז נאָך פערבליבען ביז איצט אָהן אַ נאָמען, און די שירים. דער פּאָעט האָט מיט אַ שמייכעל איבערגעקוקט די קינדיש־געשריבענע זאַכען, געזאָגט איהם, אַז ס׳איז נאָך דערווייל נישט קיין צייטיגע פרוכט, נאָר געגעבען האָפנונג אויף שפּעטער. אבראַמאָוויטש איז געוואָרען ביי ג. אין שטוב אַ היים שער, געליהען אָפט פון זיין ביבליאָטעק ביכער, וועלכע ער האָט ממש גע־שלונגען, און אונטער דער השגחה פון גאָטלאָבער׳ס טאָכטער האָט ער אָנגעהויבען לערנען דע רוסישען און דייטשען א־ב און אויך חשבון. אין קלויז פונדעסטוועגען האָט ער נישט אויפגעהערט צו לערנען גלייך ווי פריהער.

אַ סך פון די בעלי־בתים אין בית־המדרש האָבען געוואָרפען אַנ־אויג אויף דעם זעהר געראָטענעם בחור און שדכנים האָבען גענומען איהם פאָרלעגען שדוכים, ביז ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון אַ דאָרטיגען גביר. דער שוועהר איז געווען פון די פּאָרנעהמסטע לייט מיט אַ געוויסער בילדונג, די פרוי אָבער איז צו אַ פשוט׳ע געווען, גאָרנישט

קיין גלייכע פּאָר אַבר. , וועלכער האָט עס מיט דער צייט אָפען ערקלערט דעם שווערער, און יענער האָט עס אַליין אויך פערשטאַנען און מסכים געווען אויף אַ גט. אַזוי אַז נאָך דריי יאָהר, נאָכ'ן טויט פון די צוויי קינדער, וואָס ער האָט געהאַט מיט דער פרוי, איז ער זיך צוגאַנגען מיט איהר און מיט דער פאַמיליע איהרער אין גוט־פריינדשאַפט.

ביים שווערער אין שטוב האָט ער דערוויל אַזוי ווייט דערגרייכט אין קענטעניש, אַז ער האָט דערנאָך אויסגעהאַלטען עקזאַמען אויף לעהרער און באַלד טאַקע פערנומען אַ לעהרער־שטעל אין קאַמעניצער קאַזיאָנער שול. ער האָט זיך אָבער נישט בעגנוגט מיט דער לעהרער־„קאָקאַרדע", וואָס ער האָט געטראָגען, פערקעהרט, ער האָט זיך נאָך מעהר גענומען דעמאָלט מיט חשק צום לערנען שפּראַכען און אַנדערע למודים.

אין יענער צייט האָט אָנגעהויבען אין ליק (אין פּרייסען) אַרויס־געהן די ערשטע העברעאישע צייטונג „המגיד", און דאָרט האָט זיך אין 31־טען נומער פונ'ם ערשטען יאָהרגאַנג (פון כ"ג תמוז תרי"ז) אָבגע־דרוקט דער ערשטער אַרטיקעל פון אַבר. מיט'ן נאָמען „מכתב על דבר החנוך", גע'חתמ'עט „ש"י בן חיים משה אבראַמאָוויטש", מיט אַ הסכמה־בריעף דערצו פון זיין „לעהרער" גאָט־אָבער, אַז דער מאמר האָט דעם ווערטה נישט נור צו ווערען אָבגעדרוקט, נאָר אויך איבערגעזעצט אויף דער לאַנדס־שפּראַך, „כדי להראות העמים והשרים את יפיו".

ס'איז כדאי איבערצוגעבען אינקורצען די געשיכטע פון דעם ערשטען געדרוקטען אַרטיקעל. אַבראַמאָוויטש האָט בעקומען אַ בריעף פון זיינעם אַ עלטערן ברודער, אַ מלמד ערגיץ אין אַ קליין שטעדטיל, וואו ער קלאָגט זיך שטאַרק אויף זיין ביטערע פּרנסה, וואָס איז איהם ממש מקצר די יאָהרען. אַלס ענטפער האָט אַבר. אָנגעשריבען אַ גרוי־סען בריעף, וואו ער בעווייזט איהם, אַז אויב ער בייזערט זיך און שרייט בסדר אויף זיינע תלמידים, איז קיינער ניט שולדיג, נור ער טאַקע אַליין, וויל ער איז דערצו, ווייזט אויס, נישט געשאַפען, און דערביי ערקלערט ער איהם אויך, וואָס הייסט אַזוינס דער ענין פון „חנוך" און וואָס עס פאָדערט זיך פון אַ גוטען קינדער־ערציהער. פון דעם בריעף האָט ער נור אַ קיצור דעם ברודער אַוועקגעשיקט און דער גאַנצער בריעף איז פערבליבען ביי איהם. איינער פון זיינע גוטע פריינד, ר' יוזיל גינזבורג'ס סעקרעטאַר, האָט עס דערזעהן ביי איהם, איז איהם די זאַך געפעלען געוואָרען און ער האָט עס אַוועקגעשיקט גאָטלאָבער'ן (וואָס

איז שוין דעמאָלט געווען אַ לעהרער אין אַלט־קאָנסטאַנטין), און יענער האָט צוגעשריבען זיין הסכמה, און אַזוי איז עס אַוועק־געשיקט געוואָרען אין „המגיד“, וואו ס׳איז גיך אָבגעדרוקט געוואָרען

מען דאַרף זעהן דעם ערשטען יאָהרגאַנג „המגיד“, וואָס קומט היינט אוים ביי אונז אין די אויגען אַזוי משונה־ווילד, פול מיט קוריאָזען, איינס גרעסער פונ׳ם אַנדערן — צו פערשטעהן דעם איינדרוק, וואָס אַבראַמאָוויטש׳עס אַרטיקעל האָט געדאַרפט דעמאָלט מאַכען אויף די מעהר ענטוויקעלטע לעזער. צווישען אַ שטאַמלען פון נאַאיווע קינדער און גלאַט אַזוי פּלאַפּלעריי, מיט אַ לשון פון „סוחר׳ישע בריעף“ (דער רעדאַקטאָר זילבערמאַן אַליין פלעגט אָפט בענוצען, ווען ס׳איז איהם אויסגעקומען איינג, גאָר פשוט דייטשע ווערטער) אָדער גאָר הויכע קנאַקענדיגע מליצות, — הערט מען פּלוצים אַ קול פון אַ דערוואַקסענעם ענטוויקעלטען מענשען און פרישע ווערטער צו דער זאַך, מיט אַ גלאַט לשון אָהן איבעריגע פערדרעהטע מליצה־פראַזען, און אַזעלכע נייע געדאַנקען פאַר יענער צייט, אַז אַ גוטער לעהרער דאַרף גאָר קענען די נשמה פונ׳ם קינד מיט אַלע איהרע אייגענשאַפטען און גייסטיגע קרעפטען א. ד. ג. נישט אומזיסט איז דער מאמר אין „המגיד“ בעמערקט געוואָרען פונ׳ם געוויסען יודישען געלעהרטען אין יענער צייט ל. מאַנדעלשטאַם, און ווען יענער איז דערנאָך דורכגעפאָהרען אין דער געגענד צוזאַמען מיט׳ן בילדונגס־מיניסטער און מ׳האָט איהם פאָרגעשטעלט אַבראַמאָוויטש׳ן, האָט ער זיך געוואונדערט, וואָס ער זעהט פאַר זיך נאָך גאָר אַ יונגען־מאַן, געמיינט האָט ער, אַז דער מחבר פון דעם אַרטיקעל מוז זיין אַ געלעהר־טער שוין אין די עלטערע יאָהרען. מאַנדעלשטאַם האָט איהם דעמאָלט געראַטען אַוועקפאָרפען די לעהרעריי און אַוועקפאָהרען קיין פּאַדואַ (אין איטאַליען) און אַריין אין די דאָרטיגע בעריהמטע ראַבינער־שול, און ער פון זיין זייט האָט איהם צוגעזאָגט זיך משתדל צו זיין, ער זאָל בעקומען אַ סטיפּענדיע דערויף פון דער רוסישער רעגירונג. דער פּלאַן האָט אָבער נישט געקאָנט דערנאָך אויסגעפיהרט ווערען, און צוליעב פערשיעדענע אומשטענדען איז אַבר. איבערגעפאָהרען מיט אַ יאָהר שפּעטער (אין יאָהר 1858) קיין בערדיטשעוו. דאָרט האָט ער גענומען זיין צווייטע פרוי, די טאָכטער פון אַנ׳אָנגעזעהענעם נאָטאַריוס, זלמן לעווין, וואָס בעגלייט איהם אין לעבען ביז היינטיגען טאָג. אוי ער איז געוואָרען אַ בערדיטשעווער תושב.

V

איצט ערשט האָט זיך אבראַמאָוויטש גענומען נאָר ערנסט צו ליטעי
ראַרישער אַרבייט. דער שוועהר האָט פון איהם אַראָבגענומען אינגאַנצען
די דאגת פרנסה, און ער האָט זיך געקאָנט אָבגעבען אין זיין קאַבינעט
מיט דער אַרבייט ביים שרייב-טיש, צו וועלכער ס'האָט איהם אזוי געצויגען.
אין אַ פּאָר יאָהר אַרום האָט זיך אָבגעדרוקט אין ווילנאָ (אין יאָהר תר״כ) דאָס
ערשטע ווערק זיינס מיט'ן נאָמען „משפט שלום", אַ קליינע זאַמלונג פון
קריטישע און צייט-אַרטיקלען מיט אַ ביסעל חקירות און שירים. דאָס
קליינע ביכעל האָט אין זיין צייט אָנגעמאַכט אַ גרויסען רעש, בעזונדערס
מיט'ן ערשטען אַרטיקעל „קלקול המינים", וואָס בעשטעהט פון אַ האַר-
בער קריטיק איבער צווייפעל'ס אַ ספר פון שירים „מינים ועוגב". ביז
דעמאָלט, מעג מען זאָגען, איז נאָך קיין סימן פון דעם, וואָס מען
רופט-אָן „קריטיק", נישט געווען אין דער יודישער ליטעראַטור. אייגענט-
ליך איז נאָך דעמאָלט גאָר אינגאַנצען די נייע יודישע ליטעראַטור כמעט
חי נישט געווען. זעלטען-זעלטען ווען ס'איז אַרוים אויף דער ליכטיגער
וועלט אַ נייער ספר, און אַז ס'האָט זיך נור געוויזען עפּים אַ מין נ-
ביכעל, האָט מען געהאַלטען אין איין לויבען עם און „גאַנץ הלל" זאָגען
אויף דעם. פּלוצים קומט אַ יונגער ...ייבער מיט אַ שענער שפּראַך פון
אַ געלעהרטען און פערגינט זיך צו...סטרעטען מיט אַ שאַרפער קריטיק
געגען אַ מחבר שוין אַ מפורסם, און ריה...ט-אָן אגב אַנדערע מיני שריי-
בער אויך — אודאי האָט זיך אויפגעריהרט דאָס יודישע וועלטיל און
קולות פון הייסער פּאָלעמיק האָבען זיך געלאָזט הערען אין די צייטונגען
„המליץ" און „הכרמל", וואָס האָבען אין יענער צייט אָנגעהויבען צו
ערשיינען.

נאָכדעם האָט ער זיך גענומען מיט חשק צו זיין גרויסער אַרבייט
„תולדות הטבע", מיט וועלכער ער האָט זיך בעשעפטיגט שענע עטליכע
יאָהר. אָנשטאָט צו פּרעדיגען פאַר'ן עולם, זאָגען השכלה-מוסר, שרייען
אויף קולות „שמע ישראל, שטעה-אויף, מיין פּאָלק !" א. א. וו., אָנשטאָט
צו לויבען די השכלה, די „בת אלהים", אין הימעל אַריין, און שיטען
מיט פייערדיגע מליצות וועגען בילדונג, ווי ס'איז געווען דער מנהג
דעמאָלט ביי די משכילים, וואָס האָבען געהאַלטען אַפּעָ אין דער

אאנר, — האט אבר. געפונען בעסער פאר נויטיג צו געבען דעם עולם
די בילדונג אליין, ד. ה. די נאטור=וויסענשאפט, מיט וועלכער ער אליין
האט זיך פיעל בעשעפטיגט פון דער ערשטער צייט אן, וואס ער האט
אנגעהויבען זיך צו בילדען, איבערהויפט זינט ער איז געקומען צו דער
מדרגה צו פערשטעהן א דייטשען בוך. דאס בוך „תולדות הטבע" איז
ארויס אין דריי טייל. דער 1=טער טייל האט זיך געדרוקט אין לייפציג
אין יאהר תרכ"ב (1862). דאס איז געווען נישט מעהר ווי אנ'איבער=
זעצונג אויף העברעאיש פון לענץ'ם נאטור=געשיכטע. דער מחבר האט
געקראגען דערויף שטיצע 500 רובל פון דער רעגירונג, וועלכע האט
אין יענער צייט, גארנישט ווי היינט, געזוכט מיטלען ווי אזוי צו בילדען
די יודען... מיט פיער יאהר שפעטער האט זיך אבגעדרוקט שוין אין
זשיטאמיר דער צווייטער טייל, און נאך אין זעקס יאהר ארום, אין
ווילנא, דער 3=טער טייל. די לעצטע צוויי טיילען זענען שוין נית געווען
קיין היילע איבערזעצונג פון לענץ, נאר בעארבייט זעלבסטשטענדיג פון
פערשיעדענע בעסטע קוועלען פון יענער צייט. און די שפראך דארט
איז אויך פיעל גלאטער און בעסער ווי אין ערשטען. די ביכער „תולדות
הטבע" האבען ממש געעפענט די אויגען פון א סך יודישע לעזער,
יונגע=לייט און אויך עלטערע האבען זיי געשטודירט מיט גרויס הנאה
און „מבינים" האבען בעוואונדערט די גרויסע בקיאות אין תלמוד און
מדרשים און די חריפות וואס דער מחבר האט ארויסגעוויזען ביים שאפען
נייע טערמינען און אנרופען מיט בעשטימטע נעמען פערשיעדענע
בעלי=חיים.

אבר. האט נאך אבגעדרוקט אין „המליץ" צוויי גרויסע פובליציס=
טישע מאמרים, וועלכע ער האט דערנאך פערבעסערט און ארויסגעגע=
בען אין א ביכעל מיט'ן נאמען „עין משפט" (זשיטאמיר 1867), און וואו
עס געפינען זיך גוטע געדאנקען אין א שענער קלארער שפראך וועגען
דער יודישער ליטעראטור, יודישע שולען און בכלל וועגען דער יודישער
לאגע, — און מיט דעם, מעג מען זאגען, האט זיך פערענדיגט זיין
ארבייט אלס געלעהרטער און פובליציסט.

אלס בעלעטריסט האט אבר. אויך פריה אנגעהויבען צו אר=
בייטען. אין דערזעלבער צייט, וואס ער האט זיך אזוי אבגעגעבען אינ=
גאנצען צו זיין „תולדות הטבע", האט ער געמוזט אברייסען א שטיקעל
צייט צו פרובען מאהלען דאס יודישע לעבען פון יענער צייט. ער
האט נאך נישט געקאנט פיהלען דעמאלט, אז צו דער ארבייט איז ער

ווירקליך געשאַפען און אין דעם ליענט זיין גאַנצער כח, נאָר געצווּנגען האָט עס איהם, פון דער ערשטער צייט אָן, וואָס ער האָט זיך גענומען צום שרייבען, צו חאַפּען אַמאָל אַפּינזעל און מאָהלען בילדער פון׳ם ידישען לעבען, וואָס איז איהם אַזוי בעקאַנט. און אַזוי האָט ער אַרויסגעגעבען זיין ערשטען „ספור־אהבים״, ד. ה. ראָמאַן, „למדו היטב״ (וואַרשוי, 1862). דאָס איז אייגענטליך עטליכע קאַפּיטלען פון אַגרעסערער ערצעהלונג, וואָס האָט זיך אָבגעדרוקט אינגאַנצען ערשט מיט 6 יאָהר שפּעטער, מיט׳ן נאָמען „האבות והבנים״ (אָדעס, 1868), און איז אַרויס אין זעלבען יאָהר אין אַרוסישער איבערזעצונג פון בינשטאָק.

דעם ערשטען בעלעטריסטישען פּרוב פון אַבראַמאָוויטש׳ן קאָן מען נישט רעכענען פאַר שטאַרק געלונגען. אמת, אין יענער צייט איז דאָס אויך געווען אַוויכטיגע ערשיינונג, נאָר אָבער. האָט נאָך נישט געפונען זיין געוואונשטען סטיל („האבות והבנים״ איז נאָך געשריבען אין ריין ביבלישער שפּראַך), זיין ריכטיג איהם צוגעפּאַסטען אַרט שרייבען. ווען ער האָט זיך דורכגעשלאָגען און איז אַרויס אויף זיין אמת׳ן וועג, האָט ער זיך פאַר די לעזער בעוויזען אין דער געשטאַלט פון מענדעלי מוכר־ספרים.

VII.

בעוויזען האָט זיך מענדעלי מוכר־ספרים צום ערשטען אין פּראָסט יודישען. אַראָבלאָזענדיג זיך פון׳ם הויכען באַרג אין טיעפען טאָל, גענומען שרייבען אין יענער צייט פּשוט זשאַרגאָנישע מעשיות פאַר׳ן פּראָסטען עולם, בפרט פאַר אַזאַ שרייבער מיט אַזאַ נאָמען ווי אָבר. האָט שוין געהאַט אין דער יודישער ליטעראַרישער וועלט — צו דעם האָט מען געדאַרפט האָבען אַבעזונדער גבורה און דרייסטקייט, וואָס האָט דעמאָלט גערעכענט כמעט מיט אַליטעראַרישען זעלבסטמאָרד... ווער האָט דעמאָלט געשריבען זשאַרגאָן? אויסער מיני „בבא־מעשיות״, זענען אַרומגעגאַנגען צווישען פּראָסטען עולם נור אייזיק־מאיר דיק׳ס קליינע ביכלעך, וואָס האָבען אייגענטליך גאָר וועניג שייכות געהאַט מיט ליטעראַטור און האָבען

1 באנד — 3 בויגן

מעהרסטענטייל נור דידאקטישע צוועקען געהאט *). וואָס האָט בעוועגט אבר.׳ן נעהמען שרייבען פראָסט יודיש? ער אַליין (אין זיינע אויטאָ־ביאָגראַפישע בעמערקונגען אין סאָקאָלאָוו׳ס „ספר זכרון״) ערקלערט עס פשוט דערמיט, וואָס ער האָט זיך אומגעקוקט און בעטראַכט, אַז דאָס רוב פונ׳ם פאָלק פערשטעהט נישט העברעאיש, נור „יודיש־דייטש״, און דעריבער האָט ער זיך בעשלאָסען אוועקלעגען די בושה אָן אַ זייט און שרייבען פשוט יודיש, כדי נוצליך צו זיין מיט׳ן שרייבען אויך דעם פשוט׳ן עולם. מען קאָן רעכענען, אַז אויסער דעם דאָזיגען טעם האָט איהם, אפשר אָהן זיין בעוואוסטזיין, אויך דער קינסטלערישער גייסט זיינער געטריבען דערצו, ער זאָל נעהמען מאָהלען לעבעדיגע בילדער אין דער שפּראַך פונ׳ם לעבען גופא...

ווי ס׳איז, האָט ער אָנגעשריבען די ערשטע ערצעהלונג אין יודי־שען און אָבגעדרוקט זי פריהער אין צעדערבוים׳ס „קול מבשר״ און דערנאָך אַרויסגעלאָזט אַ בעזונדער בוך: „דאָס קליינע מענשעלי, אָדער אַ לעבענס־בעשרייבונג פון אברהם יצחק תקיף, געדרוקט בהשתדלות מענדעלי מוכר־ספרים״ **) (אָדעס, 1864).

„דאָס קליינע מענשעלי״ האָט געמאַכט אין זיין צייט אַ גרויסען רושם אויף די לעזער און ס׳איז גיך אַרויס דערפון אַ דריטע אויסגאַבע, און שפּעטער מיט אייניגע יאָהר אַ פיערטע, „גאָר אינגאַנצען אויף דאָס ניי איבערגעמאַכט״ (מיט פיער יאָהר צוריק איז עס אַרויס ווידער אויף דאָס ניי אין אָדעסער „יובילעי־אויסגאַבע״).

נאָכדעם האָט זיך שוין נישט אויפגעהערט די „השתדלות״ פון

---

*) פּאָנאַרנאָ אין זיינע אויבענדערמאָהנטע „זכרונות״ דערצעהלט, אַז אויף זיין שאלה, וואָס ער האָט געשטעלט דיק׳ן, פאַרוואָס ער בענוצט אין זיין שרייבען דעם אָרי־מען מגושם׳דיגען זשאַרגאָן אָנשטאָט דעם שענעם העברעאיש, האָט ער בעקומען אַ ג׳ענטפער: „צעוואַרפען אַ ג׳אַלטען בנין קאָן מען נור מיט קלעפּ פון אַ גראָבען האַמער, נישט דורך שטעך פון אַ דינער גילדענער שפּילקע״.

**) אבר. אַליין האָט זיך אָנגערופען אין „קליין מענשעלע״ „סענדעריל מוכר־ספרים״ (פון דער יוגענד האָט ער געדענקט איינעם אַ סענדעריל מוכר ספרים, וואָס פלעגט אַמאָל אַראָבקומען קיין קאָפּוליע), נאָר צעדערבוים, וואָס זיין נאָמען איז אויך געווען סענדער, האָט געפונען, אַ פגים, אין דעם עפּיס אַ אום־כבוד פאַר זיך און האָט משנה השם געווען אויף מענדעלי מו״ס — און פון דעמאָלט־אָן איז שוין אַזוי פערבלי־בען דער נאָמען מענדעלי מוכר ספרים.

מענדעלי מו״ס אַרויסצוגעבען אין יידישען אַלע מאָל נייע ביכער. נאָכ׳ן „קליינעם מענשעלי״ האָט ער אַרויסגעלאָזט אויף דער וועלט „דאָס ווינשפינגעריל״, וואָס מיט דעם קען איטליכער מענש דערגרייכען אַלץ, וואָס זיין האַרץ ווינשט און באַגעהרט און קען דורך דעם נוצליך זיין זיך און דער וועלט״ (געדרוקט אין וואַרשוי, וואַרשיינליך, אין יאָהר 1865). „דאָס ווינשפינגעריל״ אינ׳ם ערשטן גלגול איז געווען גאָר אַ קליין ביכעלע, וואָס האָט ערשט בעדאַרפט דיענען, ווייזט אויס, פאַר אַ הקדמה צו אַנדערע ספרים וועגען חכמות און וויסענשאַפטען, ווייל דער מחבר זאָגט דאָרט צום סוף פונ׳ם ביכעל: „אין אוניווערסיטעט האָב איך צום סוף געפונען דאָס ווינשפינגעריל, נישט דאָס פוסטע חימערישע ווינשפינגעריל א. ז. וו. מיין ווינשפינגעריל איז עפּיס וואָס אַנדערש. דאָס איז די חכמה! מיט חכמה קען דער מענש דערגרייכען אַלסדינג, וואָס ער ווינשט און ז. וו. אין דעם ספר האָב איך מיר פאָרגענומען צו בעשרייבען פּראָסט אין אַ גרינגער שפּראַכע די אַלע חכמות און וויסענשאַפטען, וואָס דורך זיי קען איטליכער מענש זוכה זיין צו דעם אמת נאַטירליכען „ווינשפינגעריל״. און פון דעם קליינעם קערענדיל איז אין פיעל יאָהר אַרום אויסגעוואַקסן אַזאַ וואונדער-שענער בוים, ווי דאָס איבעגעמאַכטע „ווינשפינגעריל״ (אין העברעאישען „בעמק הבכא״), איינס פון מענדעלי׳ס גרעסטע און בעסטע ווערק.

מענדעלי׳ס סאַטירישער טאַלאַנט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אַרויסווייזען אין די ערשטע צוויי ווערק זיינע אין יודישען, האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר פערבעסערט און בעקומען מעהר קראַפט און זאַפט. אין יאָהר 1869 איז אַרויס אין זשיטאָמיר „פישקע דער קרומער, א מעשה פון יודישע אָרימע-לייט״, די מעשה האָט ער אויך, גלייך ווי „דאָס ווינשפינגעריל״, אין אַ צייט אַרום גאָר איבערגעמאַכט און אַרויסגעלאָזט אַ אמת-מייסטער-ווערק (אָדעס, 1888). בעקאַנט האָט ער זיך מיט׳ן לעבען פון די אָרימע-לייט נאָך אין דער יוגענד, אַרומפאָהרענדיג אַ גאַנצען זומער מיט אברהמ׳יל דעם הינקעדיגען; נאָר גאָר נאָהענט האָט ער זיך צוגעקוקט צו דעם בעזונדער וועלטיל אין בערדיטשעוו גופא, וואו עס פלעגען זיך צונויפקומען יודישע בעטלער פון דער גאָרער וועלט און פון אַלערליי מינים: פוס-אָרימע-לייט און בויד-אָרימע-לייט, שטאָדט-אָרימע-לייט און פעלד-אָרימע-לייט א. ז. וו. ער פלעגט אָנשפּאַרען אַליין אין אַלע זייערע פערוואָרפענע אכסניות, ליב האָבען אויספרעגען זיי פון אַלץ, וואָס עס געהט-פאָר ביי זיי אין זייער משונה וועלט. און אַז ער נעהמט מאָהלען די בילדער פון זייער לעבען, קומען

זיי ארויס לעבעדיג פאר דעם לעזער, גלייך ווי זיי שטעהען פאר זיינע אויגען.

אין דעם זעלבען יאהר האט מענדעלי אָבגעדרוקט אויך אין זשיטאָמיר „די טאקסע אָדער די באנדע שטאָדט־בעלי־טובות" (דערנאָך איז עס ארויס אין א זעהר ניט־געראָטענער רוסישער איבערזעצונג). דאָ האָט ער ארויסגעפיהרט אויף דער סצענע די געוויסע „טובי העיר", פרומע כשר'ע יודען, „בעלי־צדקות איבער א פרעמדער קעשענע", און נאָך אַנדערע „שענע יודען" רעדעל־פיהרער, וואָס פיהרען די גאנצע שטאָדט ביי דער נאָז און ציהען ביים עולם דעם מאַרך פון די ביינער. אום'ברחמנות'דיג רייסט ער פון זיי אַראָב די פרומע מאַסקע און ווייזט זיי הוילערהייד, ווי זיי שטעהען און געהען, מיט זייער גאַנצער פראַכט און חן־גריבעלעך, מיט אַלע זייערע תנועות און העויות. „די טאַקסע" האָט אויפגעריהרט דאָס גאַנצע בערדיטשעווער וועלטיל, עס האָט געהוידעט און געקאָכט. די „שענע יודען" האָבען אין שפּיגעל אַליין דערקענט זייער שענע צורה, און אַלע האָבען אָנגעהויבען טייטען אויף זיי מיט די פינגער און בענוצען דערביי זעהר אָפּט שאַרפע ווערטער און ווערטלעך פון דער „טאַקסע". פערשטעהט זיך, אַז די בערדיטשעווער „טובי העיר" האָבען אַזאַ זאַך נישט געקאָנט אַראָבשלינגען און לאָזען דעם מחבר צורוה, בפרט אַז די זאַך איז דערגאַנגען צו דער הויכער נאַטשאַלסטווע פון דער געגענד. אודאי האָבען זיי גענומען אַרויסווייזען זייער געפיהל צום בעשרייבער פון דער „טאַקסע" אויף זייער שטייגער, — אַזוי אַז מענדעלי מו"ם האָט געמוזט פערלאָזען איינגיכען דאָס געבענשטע בערדיטשעוו און איבערפאָהרען מיט זיין פאַמיליע קיין זשיטאָמיר.

VIII.

אין זשיטאָמיר האָט מענדעלי פערגעסען אין דער טאַקסע און די בערדיטשעווער קהלס־לייט, און זיך גענומען ווידער ערנסט צום לערנען און גרייטען זיך צום עקזאַמען, כדי צו בעקומען סמיכות אויף ראַבינער פון דאָרטיגער ראַבינער־שול. נאָכדעם ווי ער האָט בעקומען דעם געווינשטען אַטעסטאַט, האָט ער זיך ווייטער איבערגעגעבען אינגאַנצען צו ליטעראַרישער אַרבייט, און אין אַ קורצער צייט האָט ער אַרויסגעלאָזט אויף דער וועלט „די קליאַטשע אָדער צער־בעלי־חיים, אַ מעשה.

דאָס האָט זיך פערוואַלגערט צווישען די כתבים פון ,,ישראליק דעם משוגענעם" (ווילנא, 1873).

נאָך אין די פריהער געדרוקטע זאַכען האָט מענדעלי ליעב געהאַט אָפטמאָל צו בענוצען זיך מיט אייגענע פסוקים אַזעלכע, וואָס זענען אויסען נאָך אַ בעהאַלטענע כונה אויסער די אָפענע און אַחוץ דעם פשט דאַרף מען געפינען אין זיי אויך אַ רמז. און ,,די קליאַטשע" איז שוין פון אָנהויב ביז סוף הוילע רמז, אַן'אַלעגאָריע אויף דער כנסת־ישראל אין גלות. באַלד ווי ,,די קליאַטשע" איז אַרויס, איז זי געוואָרען שטאַרק בעוואוסט און בעליעבט ביי די לעזער פון פערשיעדענע קלאַסען און געמאַכט דער מחבר אַ גרויסען נאָמען אין פאָלק.

אינגאַנצען אַן'אַלעגאָרישע זאַך איז אויך די פּאָעמע ,,דאָס יודעל", אַ ספור־המעשה אין שירים מיט אַ משקל פון עלף תנועות, מיט אַ מאָטאָ: ,,אַך, יודעל, מיין קראַנקער יודעל, דיין לעבען איז זעהר אַ טרויעריג לידעל" (וואַרשוי, 1875), וואו עס ווערט איבערגעגעבען אינקורצען די גאַנצע געשיכטע פון יודישען פאָלק פון מתן־תורה ביז מענדעלסאָן'ס צייטען. אין דער איצטיגער נייער יודישער ,,יובילייאויסגאַבע" וועט ,,דאָס יודעל" אַרויס אויף דאָס ניי איבערגעמאַכט גאָר אינגאַנצען.

אין דער אמת'ן אָבער ליעגט מענדעלי'ס קראַפט נישט אין אַזעלכע מיני אַלעגאָריעס, און נאָך פיעל מעהר נישט אין די אַנדערע מיני אַרבייט, מיט וועלכע ער האָט זיך יענע צייטען בעשעפטיגט, ווי ,,זמירות־ישראל — שבת'דיגע זמירות פאַרטייטשט אין שירים און גוט דערקלערט, בכדי איטליכער יוד בעזונדער זאָל פאַרשטעהן זייער טייערען ווערטה, ווי שען זיי זענען אַ גאָטס וואונדער" (זשיטאָמיר, 1875), ווי אויך ,,פרק שירה" איבערזעצט אויף יודיש אין גראַמען מיט אַ משקל פון עלף תנועות (אין זעלבען יאָהר), אין וועלכען ס'איז אַריינגעלעגט אַ סך בקיאות און חריפות.

דערפאַר אָבער האָט מענדעלי אַרויסגעלאָזט דערנאָך אַ סאַטירישמייסטער־ווערק ,,קיצור מסעות בנימין השלישי, דאָס הייסט די נסיעה אָדער אַ רייזע־בעשרייבונג פון בנימין דעם דריטען, וואָס איז אויף זיינע נסיעות פאַרגאַנגען העט ווייט אַזש אונטער די הרי חשך און האָט זיך גענוג אָנגעזעהן און אָנגעהערט חידושים שענע זאַכען, וואָס זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען אין אַלע שבעים לשונות און היינט אויך אין אונזער לשון" (ווילנא, 1878). אין ,,מסעות בנימין השלישי" האָט

מענדעלי'ס סאַטירישער טאַלאַנט דערגרייכט, מעג מען זאָגען, ביז זיין העכסטען גראַד. שפּעטער איז דאָס ווערק אַרויס אין פּויליש מיט'ן נאָמען „דער יודישער דאָן-קישאָט" (וואַרשוי, 1885), איבערזעצט פון אַ פּוילישען שרייבער קלעמענס יונאָשע, וואָס האָט זיך גענומען גרינדליך אויסלערנען יודיש כּדי צו זיין אימשטאַנד איבערצוזעצען מענדעלי'ס ווערק אין פּוילישער שפּראַך. דערזעלבער יונאָשע האָט אין אַ יאָהר נאָכדעם אויך אַרויסגעגעבען אַ איבערזעצונג פון דער „קליאַטשע".

מיט „מסעות בנימין השלישי" האָט אויף אַ היבשע צייט ווי אויסגעטריקענט מענדעלי'ס גייסטיגער קוואַל. ער האָט אוועקגעלעגט די פּען אין אַ זייט און האָט גאָרנישט געשריבען, ווייל ער האָט ניט געקאָנט שרייבען צוליעב שווערע אומשטענדען אין זיין לעבען. אין דער הקדמה צום „פּריזיוו", וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען עטליכע יאָהר שפּעטער, שרייבט ער צו זיינעם אַ גוטען פריינד וועגען יענער צייט אַזוי: „די צרות אין דער לעצטער צייט האָבען פערשטיינערט מיין האַרץ, אַזוי אַז די צונג האָט מיר זיך נישט געלעגט צו ריידען און די האַנד צו שרייבען אַ וואָרט. דאָס איז אַזאַ שווייגען, וואָס מאַכט זיך מיט אַ מענשען, ווען שטאַרקע יסורים טרעטען-צו מיט אַמאָל און קאָסט איהם געזונט און לעבען אַ סך מעהר ווי קרעכצען און וויינען מיט בלוטיגע טרעהרען; וואָס אויב אַזעלכם גדוירעט אָהן עפּיס אַ הילף פון דער זייט, איז מען אין אַ גרויסער סכּנה צו ווערען אוים מענש".

אין יאָהר 1881 איז אַבראַמאָוויטש איבערגעפאָהרען פון זשיטאָמיר קיין אָדעס אויף דער שטעל פון משגיח און פיהרער פון דער תלמוד-תורה וועלכע ער פערנעהמט ביז איצט

IX.

מענדעלי מוכר-ספרים האָט באַלד נאָך זיין קומען קיין אָדעס ווידער אויפגעלעבט און זיך אומגעקעהרט מיט גרוים חשק צו זיין שרייבטיש, וואָס איז געווען פערלאָזען פון איהם עטליכע יאָהר כּסדר. ווידער האָט אין איהם זיך געעפענט אַ פרישער קוואַל הייסע געפיהלען און איהם אַ ברען געטאָן אויסצוגיסען זיי אין ווערטער פריי פאַר דער גאַנצער

וועלט" — און צום יום=טוב פון זיין 25=יעהריגען ליטעראַרישען יובילע=
(זינט ס'איז אַרויס זיין „משפט שלום"), האָט ער געבראַכט פאַר די יודי=
שע לעזער אַ טייערע מתנה, אַ דראַמע אין פינף אַקטען „דער פריזיוו"
(פּעטערבורג 1884). נאָכדעם האָט ער זיך גענומען מיט אַ בעזונדער
ברען און מיט אַ פרישער יוגענד=קראַפט צו דער אַרבייט. אויסער וואָס
ער האָט געשריבען נייע זאַכען, האָט ער אויך איבערגעאַרבייט די
אַלטע גאָר אויף דאָס ניי, אַנדערע פון זיי האָט ער אַזוי איבערגעמאַכט,
אַז חוץ דעם אַלטען נאָמען איז פון פריהער כמעט גאָר נישט געבליבען
(צב"ש „דאָס ווינשפינגעריל").
אין דער צייט האָט ער זיך אומגעקעהרט ווידער צו דער העברע=
אישער ליטעראַטור, גענומען שרייבען נייע העברעאישע „ספורי=מעשיות",
וועלכע האָבען זיך נישט אָנגעהויבען אָנצוקעהרען מיט'ן אַמאָליגען
„האבות והבנים" און מיט גאָרנישט דערמאָהנט יענעם אַלטען „כפור
אהבים", נישט מיט'ן אינהאַלט, נישט מיט'ן אַרט שרייבען און אויך נישט
מיט דער שפּראַך. אָנשטאָט דעם „ריין=ביבלישען" לשון, וואָס האָט איהם
שוין נישט געקאָנט צופריעדענשטעלען ביים מאָהלען לעבעדיגע בילדער
פון היינטיגע צייטען, האָט ער גענומען אויסנוצען די מעהר לעבעדיגע
און ענטוויקעלטע אויסדריקע און פאָרמען פון משנה און אגדה=שפּראַך
און קונציג געשאַפען אַ ניי=העברעאישען סטיל, וואָס איז פאַר מענדעלי'ן
ווי געוואונשען און האָט אויך געדיענט אַלס מוסטער פאַר די בעסערע
יונגערע שריפטשטעלער.
צום ערשטען האָט ער זיך בעוויזען מיט זיין נייעם אַרט שרייבען
העברעאיש אין „בסתר רעם" (זיך אָנגעהויבען דרוקען אין קאַנטאָר'ס
„היום" און זיך איבערגעדרוקט מיט'ן סוף אין מאָנאַטשריפט „בן עמי"
1888). דערנאָך האָט ער געדרוקט כסדר אין „כורת" („שם ויפת בעגלה"),
אין „פרדס" („לא נחת ביעקב", „בימי הרעש", „הנשרפים", „בימים
ההם"), אין „לוח אחיאסף" („בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה").
די אַלע זיעבען ערצעהלונגען זענען אַרויס שפּעטער אין אַ בעזונדער
זאַמלונג (1900). אויסערדעם האָט ער זיך פערנומען מיט איבערזעצען,
אָדער ריכטיגער געזאָגט „איבערשאַפען" פון יודיש אין העברעאיש די
בעסערע ווערק זיינע, ווי „מסעות בנימין השלישי" (פרדס III), „ווינש=
פינגעריל" („בעמק הבכא" — „השלח"), „פישקע דער קרומער" („ספר
הקבצנים" — „הדור"), און גאָר שפּעטער „די קליאַטשע" („סוסתי" —
„השלח").

אין די לעצטע יאָהרען האָט ער אויך אָנגעשריבען זיין גרעסערע ווייע „אַלטע מעשה", „שלמה ר' חיים'ס" (אָנגעהויבען זיך דרוקען אינ'ם „יוד", 1900), דאָס זעלבע אויך אין העברעאישען „חיי שלמה" (אין דער לעצטער העברעאישער אויסגאַבע — „בימים ההם"). דאָס איז אַנ'אָרט לעבענס-בעשרייבונג פון זיך אַליין, געמאָהלט אין קינסטלע-רישע בילדער. די דאָזיגע „אַלטע מעשה", אַחוץ איר הויך קינסטלע-רישען ווערטה, ענטהאַלט אין זיך אַ גאַנצען אוצר בילדער קלאָרע און רעליעפע פונ'ם יודישען לעבען, און אויף „שלמה ר' חיים'ס", ווי אויך אויפ'ן פריהערדיגען „ווינשפינגעריל", וועט מען קאָנען אין די שפּעטערדיגע דורות אַנווייזען די אַלע, וואָס וועלען חשק האָבען זיך צו בעקענען נאָהנט מיט'ן יודישען לעבען „אין יענע צייטען": נעהמט לייענט, רבותי — און די ליטווישע שטעדטלעך, ווי אויך וואָהלינער „קאַבצאַנסק, טונעיאַדעווקע און גלופסק", מיט אַלע זייערע גאַסען און געסלעך, זייערע הייזער און הייזלעך, און אַלע זייערע יודישע איינ-וואוינער, פון קליין ביז גרויס, מיט אַלע „תנועות" אַרום און אַרום, שטעהען לעבעדיג פאַר אייערע אויגען".

מיט עטלעכע יאָהר צוריק האָט מען גענומען מאַכען הכנות צום דאָפּעלען גרויסען יום-טוב פון דער יודישער ליטעראַטור, צו מענדע-לי'ס 70-יעהריגען יובילעי און 50-יעהריגער ליטעראַרישער אַרבייט. צו יענער צייט האָט מען געוואָלט אַרויסגעבען אַ יובילעי-אויסגאַבע פון אַלע זיינע יודישע און העברעאישע כתבים. עס זענען אָבער אָנ-געקומען די פינסטערע אָקטאָבער-טעג פון יאָר 1905, געמאַכט אַ וויס-טען חורבן אין דעם יודישען געהעטאָ אין רוסלאַנד און פערשטערט דעם יום-טוב אויך. ר' מענדעלי אַליין איז מגולגל געוואָרען קיין זשענעווא (אין שווייץ). אַהין איז ער געקומען מיט אַ צובראָכען האַרץ פון יודישע צרות און ס'האָט געדויערט אַ שטיק צייט איידער ער האָט זיך בערוהיגט אַ ביסעל און זיך געקאָנט נעהמען ווייטער פאַר זיין אַרבייט. דאָרט, אין דער ווייטער שווייץ האָט דער „זיידע" געפונען נאָהנטע „אייניקלעך", בעזונדערס צווישן דער סטודענטישער יוגענד, וואָס האָבען געוואוסט צו שעצען און אָבגעגעבען גרויס כבוד דעם טייערען גאַסט. איהם האָט אָבער געצויגען צוריק צו דער אַלטער היים, און נאָך אַ פּאָר יאָהר האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק קיין אָדעס.

פון דער יובּיליי־אויסגאַבּע איז דעמאָלט נור אַרויס איין באַנד אין יודישען („דאָס קליינע מענשעלי" און „פישקע דער קרומער") און איינער אין העבּרעאישען („ספר הקבצנים" און „בעמק הבכא"). איצט צום 75־יעהריגען יובּיליי ווע לען אַרויס מענדעלי'ס יודישע כּתבים (אין 10 טייל) דורך אַ פּריוואַט־פערלאַג אין ווילנאַ, און פון די העבּרעאישע געהט די טעג אַרויס דורך דער ליטעראַרישער חברה אין אָדעס דער צווייטער באַנד („סוסתי", „מסעות בנימין השלישי" און „בימים ההם") מיט אַן אַרטיקעל וועגען מענדעלי פון דוד פרישמאַן, און נאָכדעם וועט אַרויס דער דריטער באַנד.

און דער אַלטער ר' מענדעלי, „דער זיידע פון דער יודישער ליטעראַטור", טראַכט נישט, הויבּט גאָר נישט אָן צו טראַכטען פון קיין רוה, אויף וועלכע ער האָט אַ'אַ רעכט. ער הערט נישט אויף צו אַרבּייטען ווייטער זיין ליטעראַרישע אַרבּייט פריש און מונטער, מיט יוגענדליכע גייסטיגע קרעפטען, און וויל גאָר נישט אָברוהען אַ ביסעל אויף די פּיעל לויבּ־קרענץ, וואָס ער האָט געבּראַכט פון זיין פּאַר־אַ־יאָהריגער נסיעה.

די רייזע זיינע פּאַר־אַ־יאָהרען סוף זומער אין עטליכע גרויסע יודישע שטעדט (ווילנאַ, ביאַליסטאָק, וואַרשוי און לאָדז) איז באמת געוען אַ טריאומף־רייזע. אזא כּבוד האָט נאָך קיין יודישער שריפטשטעלער ביי יודען נישט געהאַט. מיט אַ יאָהר 25 צוריק האָט מענדעלי'ן אַראָבּגעבּראַכט קיין וואַרשוי זיין פּוילישער איבּערזעצער יונאָשע און פּוילישע ליטעראַטען האָבּען געמאַכט אַ גרויסאַרטיגען באַנקעט לכבוד דעם פּערפאַסער פון'ם „יודישען דאָן־קישאָט" און פּוילישע צייטונגען האָבּען דערצעהלט זיינע שבחים. אונזערע יודען זענען דעמאָלט געשטאַנען פון דער־וויטען, גלייך ווי די שמחה איז ז י י ע ר ע, אַ ריין־פּוילישע, און יודען האָבּען נישט געוואָלט „טאַנצען אויף אַ פרעמדער חתונה"... איצט אָבּער האָבּען יודען אַליין זיך משמח געווען מיט זייער מענדעלי, און וואוהין דער ליעבּער גרויסער גאַסט איז געקומען, איז געווען דער גרעסטער יום־טוב, מ'האָט איהם געטראָגען אויף די הענד און הארציגע קולות פון טויזענדער מענשען: „יחי מענדעלי!" האָבּען איהם בּעגלייט דעם גאַנצען וועג.

און געקומען צוריק אַהיים, אַוועקגעלעגט אָן אַ זייט די מתּנות מיט די אַדרעסען, וואָס מ'האָט איהם אין יענע שטעדט אונטערגעטראָגען פון אַלע זייטען, פערגעסען די ימים־טובים, פערגעסען די טיעפע עלטער — און ווידער זיך גענומען גאָר געשמאַק ווי אַמאָל צו דער אַרבּייט. און

ווידער טרעפט מען, קומענדיג צו מענדעלי'ן, דעם שענעם גרויען קאָפּ איינגעבויגען איבער'ן שרייב-טיש; ווידער זעהט מען דעם לאַנגען ווייסען בויגען פּאַפּיר מיט פריש אויסגעפּערלטע, אויסגעשליפענע שורות; ווידער הערט מען איהם דערצעהלען מיט יוגענד-פייער אין די קורציכ-טיגע ליכטיגע אויגען וועגען אַלטע און נייע פּלענער פון ווייטערדיגע אַרבייטען בעלעטריסטישע און אפילו פובליציסטישע איבער ברענענדיגע „צייט-פראַגען" ...

לאָז ער אונז מאריך-ימים זיין, דער ליעבער, טייערער זיידע, און נאך לאַנגע-לאַנגע יאָהרען שענקען דער יודישער ליטעראַטור, סיי אין פשוט-יודישען און סיי אין העברעאישען, די טייערע מתנות פון זיין גרויסען, רייכען אַלט-יונגען גייסט.

אַ פרייד, אַ שטאָלץ פאַר דעם פאָלק, אַ כבוד און רוהם דער ליטעראַטור, וואָס האָט אַ מענדעלי מוכר-ספרים

אָדעס, סוף נאָוועמבער 1910.

י. ל. פרץ

מענדעלע

די צייטען פון „איינציגען אין ווערקשטעל" זענען פאַר־
ביי. די ליטעראַטור האָט זיך דיפערענצירט. אַרטיקלען, קרי־
טיקען, ערינערונגען א. ד. ג. וועלען שרייבען אַנדערע; איך
וויל מענדעלי'ן עהרען. און דאָס טהוען אַלע, דאָס האָט שוין
דאָס פאָלק אין דער גרויסער מאַסע לאַנג געטהון. דאָס פאָלק
האָט אָנערקענט זיין אַרבייט, און רופט איהם אויף זיין אַרבייט.
נישט שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, דאָס איז אַ פריוואַט־נאָמען, אַ
נאָמען פאַר ווייב און קינד און פאַר'ן מעטריקול־שרייבער און
פאַספאָרטען־געבער; דאָס פאָלק רופט איהם „מענדעלי מוכר
ספרים", מאהבת הקצור—„מענדעלי", אויפ'ן נאָמען פון זיין בעס־
טער קרעאַציע.

און מענדעלי איז ווערטה דעם כבוד.

ער איז נישט נור דער עלטסטער צווישען די לעבע־
דיגע שרייבער, ער איז אויך, און דער עיקר—דער ערשטער.
בויט זיך אַ ליטעראַטור, האָט ער עס דעם עקשטיין געלעגט:
ער איז דער ערשטער, וואָס האָט, נאָך אַ קורצער צייט פון
זייטיגע פראָבען, אָנגעהויבען שרייבען לשמה, ריינע קולטור־
ווערטהען צו בעשאַפען...

און ער איז דער ערשטער, וואָס האָט נישט בעטראַכט
זיין אַרבייט אַלס אַ בריק (אום מעגליכסט מיט זיין לשון צו

*) געשריבען ספעציעל צום 75 יאָהריגען יובילעאום פון מענדעלי מוכר ספרים,
וואָס איז געפייערט געוואָרען אין יאָהר 1910 און פערעפענטליכט אין אַ ספעציעלער
אויסגאַבע פון „פריינד".

ריידען) „אַריבערצופיהרען די קליאַטשע, זי זאָל זיך פּאַשען אין אַנ׳אַנדער פעלד".

ער איז דער ע ר ש ט ע ר, וואָס האָט געהאַט ליעבע און אַכטונג צו זיין קינסטלערישען אינסטרומענט—צום יודישען וואָרט, און האָט עס געהאַלטען און ערצויגען ריין: נישט גערמאַניזירט, נישט רוסיפיצירט, נישט אַפילו אייראָפּעאיזירט, און ער איז דעריבער דער ע ר ש ט ע ר, וואָס האָט אַ יודישען סטיל בעשאַפען, זיין אינדיווידועל־יודישען סטיל. אַזוי רעדט מענדעלי אויפן לשון פון זיין פאָלק... און רעדט ער העברעאיש, ווי ער מיינט—צוליב דער אייביגקייט, אָן וועלכער ער וויל און האָט דאָס רעכט זיך צו קלאַמערן, שרייבט ער יודיש־העברעאיש. אַזוי וואָלט דאָס פאָלק גערעדט, ווען עס וואָלט גערעדט העברעאיש...

און ער איז דער ע ר ש ט ע ר, וואָס האָט מיט אָפענע, יודישע און מיט פרעמדע ברילען נישט פערשטעלטע אויגען אויפ׳ן יודישען לעבען געקוקט; יודיש־אייגענאַרטיג עס געצייכענט, די פאַרביגע שטעלען געמאָהלט, אָהן פּרינציפּען־און וואָלקען־און נעפעל־רייטעריי, דאָס אָרימע יודישע לעבען—דיווירקליכקייט...

און ער איז געווען דער ע ר ש ט ע ר, וואָס האָט דערזעהן און צו זיין דור משכילים און קולטור־טרעגער געזאָגט: „פון רעפאָרמען רעדט איהר, פון השכלה,—דאָס פאָלק דאַרף ברויט", און דער ע ר ש ט ע ר, וואָס האָט דערזעהן דעם קהל׳שען ב ע ל־ ט ו ב ה אין זיין ווירקליכער געשטאַלט און דעם אינטעליגענט פון זיין דור, בשעת ער כאַפּט זיך אַרויף ר י י ט ע ן אויף דער קליאַטשע...

און נאָך אין פיעל, פיעל זאַכען איז „מענדעלי" נישט נור דער ע ל ט ס ט ע ר צווישען די לעבעדיגע, נור אויך, און דער ע י ק ר—דער ע ר ש ט ע ר, דער ע ר פ י נ ד ע ר, דער ב ע־ ש ע פ ע ר...

מענדעלי מוכר-ספרים.

(שלום יעקב אבראמאָוויטש).

זיין לעבן און זיינע ווערק.

איך געדענק: מיט דער אייזעבאַהן, אין דער דריטער קלאַס, פאָהרט אַ יונגער-מאַן און האַלט אין דער האַנד אַ בוך. דער יונגער-מאַן איז זעהר פערטיעפט אין'ם לייענען. דרויסען ליעגט אויסגעגאָסען דער גליהעדיגער זומער אויף פעלד און באַרג, אויף בוים און שטיין און אויף די טעלעגראַפען-שטאַנגען, וועלכע לויפען פאַרביי, און די פינק-פייגעל און די לערך-פייגעל טשוויטשערען, אַז עס נעהמט אַזש אָן ביי דער נשמה — דער יונגער-מאַן אָבער זעהט נישט און הערט נישט. זיין גאַנצער זין איז געפאַנגען גענומען פונ'ם בוך. עפעס האָט ער דאָרט פאַר זיך איינעם, אַ ליב מלמד, וועלכער געהט זוכען פרנסה, דען ער איז געוואָהר געוואָרען, אַז עס זענען, ברוך-השם, פאַרהאַן פרנסות אויף דער וועלט אויך חוץ מלמדות. אַ וואונדערליכער בריה איז דער דאָזיגער מלמד. פון זיין זייט איז קיין מניעה נישט דאָ, ער זאָל זיך נעהמען צו וואָס פאַר אַ מלאכה עס איז: צו אַ שניט-קראָם אָדער צו אַ פאַבריק, צו ווערען באַנק-דירעקטאָר אָדער צו האַנדלען מיט אתרוגים. וואָס איז דאָ די נפקא-מינה? אַ איד איז, ברוך-השם, פעהיג צו אַלסדינג; השם-יתברך מוז נאָר געבען, ער זאָל האָבען אַ שטיקעלע מזל און אַזוי ווייטער. ליב מלמד שטעלט זיך אָפּ ביי אַ תבואה-שפּייכלער, נעהמט אַ האַנד פול ווייצען און זיפּט זיי דורך די פינגער, ווי איינער, וועלכער קוקט-דורך אַ פּראָבע, אום צו וויסען, וואָס זי איז

ווערט. א צוווייטער איד שפּרינגט־אונטער און פרעגט, אויב ער וויל קויפען, און ר' ליב דערלאנגט א שאָקעל מיט'ן קאָפּ און א ציה מיט דער נאָז, יענעם ציה, פון וועלכען עס הערט זיך א „ניין" אָהן ווערטער. ווער מיר ווייצען, וואָס מיר ווייצען — אלא וואָס דען האָט ער גע־זיפט? א קשיא אויף א מעשה! א איד דאַרף זיך קענען אויף אלסדינג. טאָמער מאכט זיך א מעשה, ער וועט אמאָל דארפען ווערען א תבואה־סוחר, זאָל ער קענען זאָגען: אין ווייצען האָב איך, ברוך השם, א שטאַרקע ידיעה; גענוג ווייצען איז מיר אין מיין לעבען דורך די האַנד גענאַנגען און אזוי ו. און אזוי ו. ר' ליב ליעגט אין דער אכסניא אויפ'ן בעטעל מיט'ן פנים ארויף, פערזונקען אין שלאָף, און בלאָזט און טראָמפּייטערט מיט דער לאַנגער און קרומער נאָז ווי א שופר, און זיין קאָלעגע שטעהט איבער איהם מיט א ליכט אין דער האַנד און בעטראַכט איהם און מעסט איהם מיט די אויגען אלע זיינע אברים. דער גוף, משטיינס־געזאָגט, עפּעס א שטיק שאַרבען, טרוקען ווי א טרוקענער בוים, דאַר און אָהן א כזית פלייש. די הענד, ווי די דינע אויסגעדאַרטע שפּענדלעך, און די בלויע אָדערען זענען אנגעשוואָלען און טרעטען שטאַרק ארויס. דאָס פנים איז א מין אלטע חורבה; איינגעפאַלענע באַקען, איינגעזונקענע אויגען, א לאַנגע נאָז מיט א נאַרב, וועלכע הויבט זיך אויף און שטאַרט ארויס פון דער מיט, ווי א קוימען פון א הויז נאָך א שרפה, אין וועלכען דער דאַך איז פערברענט גע־וואָרען, און נישט וויט פון דאָרט א אָרעמער, דאַרער בעזעם — דאָס קורצע, גראָה געוואָרענע בערדעל. דער חבר מיט'ן ליכט אין דער האַנד קוקט, און פלוצלינג פערשטעהט ער, און ער בעטראַכט איהם מיט א געפיהל פול פערראַכטונג און טראַכט זיך: „ווי שען איז דער דאָזיגער בריה, ווי גרויס איז די בריה'שקייט פונ'ם דאָזיגען „ארבייטער"! וואָס האָט עס געטויגט א זעלכען, צו געהען אין דער וועלט אריין און צו זוכען א נייעם לעבען? באַלד אָבער זאָגט דער דאָזיגער בעטראַכטער צו זיך אליין: „און דו אליין, צו וואָס האָט דיר געוואָלט דאָס דאָזיגע נאַרישקייט?" און אזוי ו. און אזוי ו. און אזוי ו.

ער יונגער מאַן האָט צופעליג אויפגעהויבען די אויגען פונ'ם בוך און האָט זיך פערחלומטערהייד ארומגעקוקט. עפּיס א איד, אויסגעוויקט און אויסגעדאַרט, זיצט אינ'ם וואגאָן אויף איינער פון די בענק און רעדט מיט זיינעם א חבר און איז איהם מסביר איין עסק וועגען א שטעל פון א דירעקטאָר פונ'ם עלעקטרישען טראַמוויי, צו וועלכער ער בעדאַרף

מאָר די האַנד אויסצושטרעקען, האָט ער זי שוין. אַ צווייטער איד זיצט אויף אַ צווייטער באַנק מיט זיינעם אַ בעקענטען און בשעת רעדען טאַפּט ער אים ביי דער פּאָלע פון זיין קאַפּאָטע און זאָגט איהם מבינות אויפ׳ן טוך און וויפיעל עס איז ווערט און, דרך-אגב, ווי לאַנג עס וועט אויסהאַלטען. אויף דער דריטער באַנק שלאָפט אַ איד מיט׳ן פּנים אַרויף און שנאַרכט און בלאָזט, און זיין גוף איז עפּעס אַ שטיק צעבראָכע-נער שאַרבען, דאַר און אָהן אַ כזית פלייש.

דער יונגערמאַן האָט געדאַנקענלאָז ווידער אַראָבגעלאָזט די אויגען אין בוך אַריין און האָט ווייטער געלייענט.

וואונדערבאַר! ער האָט גאָר נישט געפיהלט, אַז ער האָט גע-האַט אויף אַ מינוט מפסיק געווען. אַלעס, וועלכעס ער האָט דאָ גע-זעהען אינ׳ם וואַגאָן אַרום און אַרום, איז איהם פאָרגעקומען, ווי ווען עס וואָלט געווען גלייכפּאַלס נאָר אַ שורה פונם בוך אַרויס און דער זעלביגער מחבר האָט אויך זי געשריבען. ער האָט זיך גאָר נישט גע-פיהלט אונטערבראָכען.

און דער יונגערמאַן פאַרטיפט זיך ווידער אין זיין בוך און ער לייענט ווייטער: „... די היץ פלאַקערט. אַ הונד ציהט זיך אויס אויפ׳ן בויך און עטהעמט שווער פאַר גרויס וואַרעמקייט. צייטענווייז הויבט ער אויף דעם קאָפּ, שטעקט אַרויס דעם צונג און דערלאַנגט פלוצלונג אַ חאַפּ — און האָט אַ פליג אינ׳ם מויל. אַ הוהן מיט אויסגעשפּרייטע פליגלען קוירעט אין אַ ווינקעל, און פון אונטער איהר הערט זיך דאָס פּיפּטשען פון די יונגע היהנדלעך. די דאָזיקע משפחה האָט יעצט איהר אָברוה-צייט נאָכ׳ן אַרומלויפען און אַרומנאַרען אינ׳ם מיסט. עס זעהט זיך קיין לעבעדיג נפש, אַלעס איז שטיל און ווי פערגליווערט. קיה פּאַשען זיך אין פעלד, די קינדער זענען איינגעשלאָסען אין די חדרים און די גרויסע געהניצען און שטרעקען זיך, ווער אין דער היים און ווער אין קראָם, און געהען-אויס פאַר אַ טרונק קאַלט וואַסער. אויף אַ וואַנד קלעטערט אַ קאַץ, און פלוצלינג אין דער מיט אויף דער וואַנד שטעלט זי זיך אָב, דרעהט-אויס דעם פּנים און קוקט און טראַכט, אויב זי זאָל ווייטער קלעטערן אָדער זי זאָל צוריק אַראָב. פון ווייטען ציהט זיך אַ גרינער פּאַס פון בוימער דאָרט, וואו דער הימעל לאָזט זיך אַראָב...”

דער אייזענבאַן-צוג האָט זיך אין דער דאָזיגער מינוט אָבגע-שטעלט אויף עפּעס אַ סטאַנציע אויפ׳ן פעלד. דער יונגערמאַן לעגט אַוועק דאָס בוך אויף אַ ווייל׳ע, און קוקט ארויס דורכ׳ן פענסטערל.

עפּעס אַ הונד ליעגט אין דער זון מיט איין אַרויסגעהאַנגענער צונג און חאַפּט אַ פליעג. אַ הוהן קוירעט אויף איהרע היהנדעלעך. אין פעלד פּאַשעט זיך אַ קוה און שטעקט אַרוים דעם צונג און זוכט קאַלט וואַסער. אַ קאַץ קלעטערט אויף אַ וואַנד. פון ווייטען לייכט זיך אַ גרינער פּאַס פון בוימער דאָרט, וואו דער הימעל לאָזט זיך אַראָב...

און, וואונדערליך! ווען דער יונגער מאַן האָט ווידער אָנגעהויבען לייענען אינ׳ם בוך, האָט ער גאָר נישט געפיהלט, אַז ער האָט געהאַט מפסיק געווען. די גאַנצע סצענקע, וועלכע ער האָט דאָ געזעהען דורכ׳ן פענסטער, איז איהם פאָרגעקומען נאָר ווי אַ שטיק פונ׳ם בוך אַרוים. דערוועלביגער מחבר האָט אַ ודאי געמוזט אויך זי שרייבען...

און דער יונגער מאַן פערטיעפט זיך ווידער אינ׳ם בוך און לייענט ווייטער: — די גאַנצע ביטערקייט פונ׳ם אידישען לעבען, דאָס גאַנצע פערשאָלטענע גלות־לעבען פון מיליאָנען אידען אין רוסלאַנד וויבעלט און שוויבעלט איהם דאָ אַנטקעגען פונ׳ם דאָזיגען בוך אַרוים. און דאָס אומגליק איז אָהן אַ ברעג. און אַליין זענען זיי זיך שולדיג. און עס איז קיין אויסוועג און קיין רעטונג נישט פאַרהאַן. זאָלען זיי דאָרט אונטער־געהען אין זייער שמוץ! — די פירכטערליכע אָרעמקייט האָט זיי געמאַכט פאַר מנוולים, אַז עס נעהמט אָן איין עקעלהאַפטיגקייט. די גרויסע, אַלטע טאָרבע — דאָס איז דער הויפּט־עיקר פון אַלע זייערע חלומות און געשעפטען און פרנסות און בעגריפען און דער אינהאַלט פון זייער גאַנצען לעבען. און זייער לעבען — דאָס איז גאָר קיין לעבען נישט. אַ מפ׳ל־קינד ביי די אומות העולם האָט אין זיין קלענסט פינגערעל מעהר לעבען, ווי מיר געפינען אין אַלע רמ״ח גליעדער און שס״ה אָדערען פון דער גאַנצער כנסת־ישראל. ביי די כנסת ישראל אין דער ענגער גאַס איז קינדהייט אַ זעלטענקייט. די קינדער פון דער אידענגאַס, זענען אַלטע אידען אין יעדער הינזיכט: אין זייער קליידונג, זייער טרויריגקייט, זייער זאָרגען און מורא־האָבען און פאָרזיכטיג־זיין, וועלכע ליעגען זיי אויף די פּנים׳ער אויסגעגאָסען, נאָר מיט׳ן אונטערשיעד, אַז זיי זענען נאָך קליין און אָהן בערד און קינדלען נישט; און די קליינע אידישע מיידעלעך זענען אַלטע אידענעס הן אין זייער שפּראַך, הן אין זייער אויפפיהרונג און אונטערטעניג־זיין און איינגעהאַלטענקייט און לײדען־קענען און אפילו אין זייער קלוגהייט, נאָר מיט׳ן אונטערשיעד, אַז זיי זענען קליין און נאָך נישט חתונה געהאַט׳ע. קינדער אָהן אַ קינדהייט איז אַ טרויריגע און שרעקליכע ערשיינונג, וועלכע ברעכט דאָס האַרץ

און מאכט אומעטיג די נשמה, ערוועקט עקעלהאפטיגקייט און רחמנות צוגלייך!" — און פלוצלינג, צוזאמען מיט דעם דאזיגען בייסעדיגען און ביטערען שפאט, וועלכער פרעסט זיך איין ביז אין דער נשמה און גראבעלט זיך אריין ביז אין דעם אפגרונד און רייסט מיט אייזערנע צוואנגען שטיקער פלייש פון דער גאנצער אומה — פלוצלינג פלייצט אוים אויף א גאנצער ים פון רחמנות און פון מיטלייד און עס הערט זיך דער קרעכץ, וועלכער ערשיטערט, און עס בעוועגט דאס הארץ ביז צום וויינען...

דער יונגער מאן לאזט דאס בוך ארויספאלען פון דער האנד און פערמאכט די אויגען און הויבט־אן צו חלומ'ען: יענער גרויסער עקעל צום דאזיגען לעבען, צום הינטישען, אהן א ברעג און אהן א סוף און אהן א תכלית, נעהמט אויף איהם ארום. דער בייסעדיגער שפאט הויבט־אן צו קאכען אין איהם און פלאצט ארוים. פלוצלינג אבער גיעסט זיך אוים אין זיין גאנצעס אינערעס א שטראם פון א וויכען אונ־ענדליכען מיטלייד מיט דעם דאזיגען צעווייטאגטען און געקוועלטען פאלק, וועלכעס ליידט אזוי אונענדליך און פאר וועלכעס עס איז קיין אויסוועג און קיין רעטונג נישט פארהאן — און זיין הארץ וויל איהם פלאצען פאר גרויס וועהטאג...

און ווידער איז דאס וואונדער! דער יונגער מאן האט גאר נישט געפיהלט, אז ער האט געהאט מפסיק געווען. אויך זיין שפאט און אויך זיין מיטלייד זענען נאר געווען א מין „פארטזעצונג" פונ'ם איגהאלט פון בוך. ער האט נישט מעהר געשפירט קיין שום אונטערשיעד צווישען זיך און צווישען דעם מחבר פונ'ם בוך, און צווישען דעם בוך און צווישען דער וועלט, וועלכע איז ארום און ארום איהם — אלעס האט זיך דורכגעמישט און צונויפגעגאסען און איז געווארען איינס...

דער מחבר פון יענעם בוך האט געהייסען מענדעלי מוכר ספרים, און דער יונגער מאן, וועלכער האט געלייענט, דאס בין איך געווען.

איך האב דענסמאל פלוצלינג אנגעהויבען צו פערשטעהען, אז א קינסטלער, אזוי איינער ווי מיר האבען זיין גלייכען נישט, רעדט צו אונז פון יענעם בוך און פון אלע אנדערע ביכער, וועלכע ער האט אונז געשריעבען. ווען ביי'ם לייענען א בוך פיהלט דער לעזער נישט דעם אונטערשיעד צווישען דער שילדערונג פון טיפען און אויסען־

1 באנד — 4 בויגן

וועלט און אינער-לעבען און צווישען דער ממשות'דיגער וועלט מיט איהרע בעשעפּעניִשען און איהרע חיות און עופות און איהר זונען-ליכט און נאַכט-פינסטערניש און אַלעס, וואָס אַ מאָדערנער מענש טראַכט און פיהלט — איז עס אַ בעוויז, ווי קיין גרעסערער קען שוין נישט זיין, אַז מיר האָבען דאָ פאַר זיך אַ גרויסען קינסטלער. אַזאַ קינסטלער איז אין אונזער מאָדערנער ליטעראַטור נאָך נישט געווען.

זינט דענסמאָל זענען די ביכער פון מענדעלי מוכר-ספרים נישט מעהר אַראָב פון מיין טיש, און איך לייען זיי און לייען זיי אַלעמאָל אויפס ניי. אָבער וואונדערליך: וואָס מעהר איך לייען אין די דאָזיגע ביכער, ענטדעק איך אַלץ מעהר אין זיי נייעס...

I.

דאָס ערשטע, וואָס פאַלט אונז בעזונדערס אין די אויגען אריין ביי מענדעלי מוכר-ספרים, באַלד ווי מיר עפענען איינס פון זיינע ביכער און לייענען אין איהם עטליכע שורות, איז, אַז זיין קונסט איז איין אָריגינעלע קונסט, ווי מיר האָבען איהר גלייכען נישט ביי קיין שום אומה ולשון. בנוגע צו מענדעלי זענען מיר געוועהנט צו הערען די אָנזיכט, אַז ער היט נישט די אָנגענומענע געזעצען פון די ערצעהלונגס-שרייבער און איז אייגענטליך גאָר קיין „ערצעהלערנישט", דאָס הייסט, ער איז נישט קיין ערצעהלער אין דעם זין, ווי מיר זענען עס געוועהנט ביי'ם לייענען ערצעהלונגען אין אַנדערע שפּראַכען. אָבער דאָס אָט איז די גאַנצע הויפּט-זאַך, פון וועלכער עס רעדט זיך דאָ. ער האָט נישט קיין שום יניקה פון אַנדערע, ער האָט נישט פאַר זיך קיין שום מוסטער פון אַנדערע, ער אַרבייט נישט לויט קיין שום פאָרם פון אַ קינסטלער, וועלכער איז פאַר איהם געווען, נאָר אַלעס, וואָס ער טהוט, טהוט ער פון זיך אַליין. ער האָט זיין אייגענע אַרט פון בעטראַכטען, זיין אייגענע אַרט פון בעגרייפען און אויפפאַסען, זיין אייגענע אַרט פון טעכניק, פון מאָלען און בויען, פון צייכענען, פון ערצעהלען און פון פערשטעהן-געבען, און אפילו זיין אייגענע אַרט ווי זיך צו בעדיענען מיט דער שפּראַך — אַזוי אַז כמעט קומט ער אונז

פאַר ווי אַ נאַטור־קינסטלער. ווען מיר זאָלען נעהמען עפּעס אַיין ער־
צעהלונג פון איינעם פון די בעסטע שרייבער, וועלכע מיר האָבען, און
זאָלען זי איבערזעצען אין איין אַנדערע שפּראַך, בין איך זיכער, אַז
צווישען צעהן לעזער, וועלכע וועלען זאָגען „גוט", וועט אַלעמאָל זיין
איינער, אַ קריטיקער, וועלכער וועט טענה'ען: שען — אָבער סוף כל
סוף איז דאָך דאָס גאַנצע נאָר אַ נאַכאַהמונג פון אונזערע זאַכ... [illegible]
דעם ווי דער פּערפאַסער האָט זיך גוט צוגעקוקט צו אונזערע פאָ... [illegible]
און האָט זיך זיי אויסגעלערענט; העכסטענס, וועט ער זאָגען, איז דער
שטאָף אַ נייער. אָבער ווען מען וועט אי... איבערזעצען מענדעלי,
וועט ער אַ מינוט נישט וויסען, אויף וועלכער וועלט ער איז. אַ־לעס
וועט איהם פאָרקומען אַזוי ניי און אַזוי פרעמד, און נישט נאָר דער
שטאָף, נאָר אויך דער פאָרטראַג און די גאַנצע פאָרם און די גאַנצע
אַרט צו דערצעהלען — און פאָרט וועט ער פיהלען, אַז ער האָט דאָ
פאַר זיך אַ גרויסע קונסט. מעגליך, אַז צום סוף וועט ער קומען צו
דעם שלום: אפשר איז דאָס אידישע קונסט — אין דעם זעלבּיגען
זין, ווי מען רעדט פון אַ יאַפּאַנישער אָדער איין איסלאַמישער קונסט
וכדומה. און נישט נאָר צווישען פרעמדע, נאָר אויך צווישען אונז אַליין,
מען עס וועט זיין איינער, וועלכער האָט זיין געשמאַק אויסגעבּילדעט
אין דער פרעמדער שולע, וועט ער קומען צום זעלביגען שלום: אַלעס
וועט איהם פאָרקומען אַזוי פרעמד און אַזוי ניי און אַזוי וואונדערליך,
גאָר נישט ווי ער איז געוועהנט, און פאָרט וועט ער פיהלען אין
יע־ען וואָרט, אַז ער האָט דאָ פאַר זיך אַ שאַץ פון קונסט, ווי מיר
האָבען זיין גלייכען קיינמאָל פריהער נישט געהאַט אין אונזער ליטע־
ראַטור. מענדעלי איז אָריגינעל אינגאַנצען. ענדליך זענען מיר געקומען
צו דער קונסט פונ'ם אידישסטען איד. העכסטענס, ווען מיר
וועלען שטאַרק זוכען, וועלען מיר בּיי מענדעלי געפינען אַ קליינע
השפּעה פון צערוואַנטעס, און די דאָזיגע השפּעה איז נישט נאָר
אין דער עהנליכקייט צווישען איהם און דעם גרויסען שפּאַניער אין
בּעטרעף פון דער סאַטירע און פון דעם לירישען גייסט, נאָר אויך אין
אַ געוויסער הינזיכט אין דעם אופן פון דעם פאָרטראַג. העכסטענס וועט
דער, וואָס גריבּעלט זיך, קענען געפינען בּיי איהם אויך אַ געוויסע
איינווירקונג פון גאָגאָל; אַזוי ווייניג ווי יענער האָט זיך אין זיינע פאָר־
מען געלאָזט בּינדען פון אַלגעמיינע געזעצען, אַזוי ווייניג לאָזט זיך אויך
מענדעלי בּינדען. אפשר אויך אַ קליין בּיסעל איינפלוס פון טאָלסטאָי

וועט מען ביי איהם קענען דערגריבלען; אזוי ווי יענער, אזוי לאזט אויך ער זיך נישט אריין אין אבסטראקטע פסיכאלאגישע חקירות און גראבלענישען, נאר ער צייכענט איינפאך דאס אויסווענינע פונ׳ם מענשען, לאזט איהם רעדען עטליכע ווערטער, לאזט איהם שווייגען, לאזט איהם א זיפץ געבען אדער א לאך, און מיר וויסען אויגענבליקליך, וואס עס טהוט זיך אב ביי איהם אין דער נשמה. אינ׳ם גאנצען און גרויסען אבער איז מענדעלי דורך און דורך אריגינעל. און הויפטזעכליך איז ער מאלער. אזוי ווי ער מאלט, מאלט מען נישט אין אייראפא און מאלט מען נישט אין אזיען; העכסטענס מאלט אזוי דער קינסטלער אין דער אידען־גאס, וועלכע איז א סינטעזע פון אייראפא און אזיען צוזאמען; אזוי מאלט מענדעלי, דער אידישסטער איד, ווען ער איז צופעליג א קינסטלער.

די הויפט־מאמענטען, אין וועלכע מענדעלי׳ס קונסט און קענען ווייזט זיך בעזונדערס ארויס, זענען אייגענטליך די דאזיגע: ער קען מאלען דאס לעבען אין דער אידישער גאס אין אלע זיינע ערשיינונגען און מיט אלע זיינע איינצעלהייטען און מיט אלע זיינע טיפען, אזוי אז עס איז כמעט נישט פארהאן קיין טיפ, וועלכען ער האט אונז נישט פארגעשטעלט; ער איז א לירישעם געמיט און ער קען מאלען נאטור־בילדער, זומער־און ווינטער־לאנדשאפטען, פעלד און וואלד, חיות און עופות און אזוי ווייטער אין א מאס, ווי מיר האבען עס נאך נישט געהאט ביי קיין שום אידישען דיכטער ביז איהם. ער קען לאכען דאס ביטערע גאליגע געלעכטער פונ׳ם סאטיריקער, וועלכעס שניידט ביז אין הארץ אריין, און אבער — באלד דערויף קען ער דערלאנגען יענעם גרויסען געוואלטיגען קרעכץ, וועלכער איז אנגעזאפט מיט איין אונענדליך מיטלייד און וועלכער מאכט אונז ווינען. איך קען נישט קיין איינציגען דיכטער ביי אונז, ביי וועלכען עס זאל, אזוי ווי ביי איהם, פון יעדען ווארט ארויסשרייען יענעם אונבארעמהארציגע בעוואוסטזיין: אז ס׳איז נישט פארהאן קיין שום האפנונג און קיין שום אויסוועג און רעטונג. ווען עס טרעפט אונז עפעס א פירכטערליכער פאגראם, צום ב״ש ווי דער קישינאווער, איז אפשר מעגליך, אז מיר וויסען דאן נאך נישט, ווי זעהר אומגליקליך מיר זענען און ווי זעהר מיר זענען אהן א שום שטיקעל האפנונג, אבער ווען מיר ענדיגען לייענען איין ערצעהלונג פון מענדעלי, צום ב״ש דאס „ווינשפינגערעל״, דאן זענען פארהאן מינוטען, וואס אונזער גאנץ אונמענשליך אומגליק קומט אונז פלוצלינג צום

בעוואוסטזיין, אזוי קלאָר און דייטליך, אז חאָטש נעה און ווער משוגע פאַר גרויס צרות, און עס ווילט זיך אָפּט אַרויספּלאַצען מיט אַ יאָמער-ליך געוויין, ווי אַיין אומבעהאָלפען קינד — און גראָד די דאָזיגע ער-צעהלונג האָט אונז דאָך אַזוי אָפּט לאַכען געמאַכט מיט זיין הומאָר און זיין סאַטירע!

און ווי פערשטעהט מענדעלי דאָס מאָלען פונ׳ם לעבען אין דער אידישער גאַס! ער האָט אַרומגענומען דאָס גאַנצע אידישע לעבען אינ׳ם געסעל פונ׳ם קליינעם שטעדטעל אין רוסלאַנד אין דער ערשטער העלפט פונ׳ם פאָריגען יאָהרהונדערט, און אַ טייל אויך פון דער צווייטער העלפט פון יענעם יאָהרהונדערט, און האָט אונז דערפון געגעבען אַ גוואַלטיג בילד מיט אַלע איינצעלהייטען און מיט אַלע קלייניגקייטען און מיט אַלע ברעקעלעך, אַז ווען אפילו מיר זאָלען שוין זיין ווייט דערפון, צווינגט ער אונז, דאָס דאָזיגע פירכטערליכע לעבען צום צווייטען מאָל פון פאָ-רענט ביז׳ן סוף מיט דער פאַנטאַזיע ווידער דורכצולעבען. ווען מיר זאָלען צום ב״ש אָננעהמען, אַז עפּעס אַ מבול איז געקומען און האָט אַוועקגעווישט פון דער ערד די גאַנצע אידען-גאַס און דאָס גאַנצע לע-בען דאָרט און האָט נישט איבערגעלאָזט דערפון קיין שריד ופליט און קיין שום סימן, און נאָר דורך אַ צופאַל זענען אונז געבליבען די פיער גרעסערע ערצעהלונגען פון מענדעלי מוכר-ספרים: „פישקע דער קרומער“, „מסעות בנימין השלישי“, „דאָס ווינשפינגערעל“, און „שלמה ר׳ חיים׳ס“, און נאָך אַ צוויי-דריי פון די קלענערע ערצעהלונגען, — דאַן איז ביי מיר קיין שום ספק נישט, אַז לויט די דאָזיגע איבערבלייבעני-שען וואָלט דער קומעדיגער פאָרשער גאַנץ גוט געקענט ווידער צונויפזעצען זיך די גאַנצע קאַרטינע פונ׳ם אידישען לעבען אינ׳ם געסעל פונ׳ם קליינעם שטעדטעל אין רוסלאַנד אין דער ערשטער העלפט פונ׳ם 19-טען יאָהר-הונדערט, אַזוי אַז ס׳וואָלט איהם נישט פעהלען דערצו קיין קוצו של יו״ד.

ווילסט אפשר וויסען, ווי דאָס געזיכט און ווי דאָס גאַנצע גע-שטאַלט פונ׳ם איד האָט אויסגעזעהען? ביי מענדעלין קענסט דו עס גע-פינען! מענדעלי מאָלט אונז דעם איד מיט זיין געזיכט, זיין נאָז, זיינע אויגען, זיין געקנייטשטען און נישט-געקנייטשטען שטערען, זיינע הענד און פיס; ער מאָלט אונז, ווי אַזוי דרעהט ער מיט דער נאָז און וואָס יעדער דרעה בעטייט, ווי אַזוי קוקט ער מיט די אויגען, איין אויג אַהער און איין אויג אַהין, און וואָס יעדער קוק איז דער טייטש, ווי אַזוי מאַכט ער מיט די הענד און מיט די פיס און וואָס יעדער מאַך לאָזט אונז

הערצן, ווי אַזוי געהט ער און ווי אַזוי שטעהט ער און ווי אַזוי זיצט ער, ווי אַזוי שטעהט דאָס קינד און ווי אַזוי געהט עס און זיצט עס, ווי אַזוי שטעהט די אידענע און ווי אַזוי געהט זי און זיצט זי, ווי אַזוי שטעהט דער גביר און ווי דער אָרעמאַן, ווי אַזוי זיצט דער ראש הקהל און ווי אַזוי רעדט דער חאַפּער און ווי אַזוי שווייגט דער פּראָצענטניק, און אפילו אויך ווי אַזוי שלאָפט דער איד; איך קען נישט קיין איינציגע קערפּערליכע בעוועגונג פונ'ם אידען, וועלכע דער דאָזיגער מאָלער זאָל אונז נישט האָבען געמאָלט מיט זיין דינעם פּענזעל.

ווילסט אפשר וויסען, ווי דעם אידענס בגדים און מלבושים האָבען אויסגעזעהען? געה צו מענדעלין און גיב אַ קוק! איך קען נישט קיין איינציגען שריפטשטעלער, וועלכער האָט אונז אַזוי אויספיהרליך בעשריבען די אידישע קליידונגסשטיק, ווי ער. דו געפינסט ביי איהם די קאַפּאָטע און דעם סורטוק, דעם קאַרטוז און דעם שטריימעל, די צאָהל נעהט און די פּאָרם פונ'ם שפּאַלט ביים גאַרטעל, די פּאָרם פון די ביינערנע און האָרענע קנעפּ, די זיידענע שבת־קאַפּאָטע, דעם פּעלץ, דעם אויסגעקראָכענעם פוטער מיט דעם געלען אונטערשלאַג, וועלכער קוקט אַרויס פון די לעבער, און מיט דעם אויסגעקראָכענעם קראַגען און מיט די סטראָקעס אין די עקען אַרום און אַרום; דו געפינסט ביי איהם די פּאָרים פון דעם אידישען דאַמען־הוט מיט די וויינפּערלעך און מיט'ן פויגעל און מיט די פעדערען, די פּאָרים פון דעם האָר־באַנד פּאַר פרומע אידענעס מיט די בענדער, וועלכע זענען מיט אַ שפּילקע צוגעשטאָכען אָדער מיט אַ שלייף פערקניפּט אונטער דער גערבע, און די בענדער פּלאַטערען אויף אַלע זייטען; דו האָסט ביי איהם די פּאַ־רוקע, וועלכע גרייכט דער אידענע ביז טיעף אין די אויגען אַריין און ביז צו די אויהרען און דעם האַלז מיט די אויהרינגלעך און פּערעל און בראָשקעס און עכטע אָדער נאָכגעמאַכטע בריליאַנטען צוזאַמען מיט דער זיידענער פּעלערינע און מיט די קרויזען, איינע איבער דער אַנדערער, און מיט דעם גלאַטיגען אויסגעפּלעטען שאַל־טוך און מיט דעם טערקי־שען טוך — דאָס עפּעל־טוך — וואָס די מחותנים חתנ'ס צד שיקען דער כלה אַ מתנה; דו זעהסט ביי איהם די אידען מיט די באָרוועסע פּיס, אָפען אַרויס מיט די קניען און מיט די אָרעמעס און מיט'ן האַרץ, אַזוי אַז ס'איז נענוג פּאַר זיי נאָר אַ סימן פון קליידער — עפּעס אַ שטיקעל זאַק, אַ שטיקעל הויזען און אַ שטיקעל צעפּליקטע קאַפּאָטע, ווייל אין דער אידישער גאַס מעג זיך דער איד געהען אפילו אין אַ הויהלען

טלית-קטן, אַ־יוס מיט דער ברוסט און אין צעריסענע זאָקען מיט הויזען אָפּען פון פאָרענט, און דער גאַנצער בגד מעג זיין אויסגעשמירט מיט פעט פון קוגעל און טשאָלענט און פלעקען פון אייער-געלכלעך צוזאַמען מיט דעם, וואָס עס רינט איהם פון מויל און נאָז, און אַ קראַנץ פון בלאָטע הענגט אַרום אונטען אַרום און אַרום, ביז זי ווערט אויסגעטריקענט און פאַלט אַראָב פון זיך אַליין. בכלל האָט דער איד אויף זיך נישט קיין בגדים, נאָר סמאַטעס, געפליקטע, געלאַטעטע סמאַטעס, אַזוי אַז עס האָט זיך אויסגעבילדעט אין דער אידען-גאַס אַ טיפּ פון פליק-שניידערס, גרויסע בריה'ס, וועלכע בעווייזען קונצען אויסשליעסליך אין דער פליק-אַרבייט פון אַלטע הויזען, קאַפּאָטעס, היטלען, מענער-קליידער און דאַמען-קליידער, יאַרמאָלקעס, הילען, מענטעלעך און טיילמאָלם אויך פּאַנטאָפעל און שוך-וואַרג.

ווילסט אפשר ווּיסען, ווי די הויז-כּלים און ווי דאָס גאַנצע ביסעל אָרעמקייט פון אַ אידישער שטוב האָט אויסגעזעהען? פרעג-אָן ביי מענדעלי'ן. מענדעלי צייכענט אונז די אידישע שקאַפע, דעם וואַנדזייגער, דאָס בעטעל מיט זיין אייביגען חריקען; ער צייכענט די סאָפקע, די קרומע און לאָהמע, וואָס קוים זי האַלט זיך נאָך, ביי וועלכער דער צעראַטענער איבערצוג איז צעריסען און פון די לעכער קריכען אַרויס, ווי די קישקעלעך, שטיקער פּאַקולעס און באַוועלנע קאָלטענעס און עפּעס אַ דראָהט פון אַ צעבראָכענער ספּרענזשינע, און האָט אַ בייכעל מיט גאַנצע בערג און מיט אַיינגעזונקענע טהאָלען; ווען דער איד פּרובט אַרויפקריעכען אויף דעם דאָזיגען געלעגער, הויבט זיך אָן די מוזיק פון אַ מאָדנער סקריפּעריי, און ער מוז אַ מינוט לאַנג זיך אָבשטעלען און ער וואַגט זיך נישט אַ קעהר צו געבען, כּדי די דאָזיגע בייזע נישט מעהר נאָך צו דערבייזערען און דעדורך איבערצוועקען אַלע, וועלכע שלאָפען שוין. און אַזוי צייכענט אונז מענדעלי אויך אַלע מיני טישען און בענקלעך און בעזעמעס און שויפלען און לאָפּאָטעס און מולטערס און שטויסלען און די אַנדערע כּלי-מכשירים, וועלכע די אידישע בעל-הבית'טע האָט אין איהר קיך. ער פערגעסט אויך נישט די פּיער פּאָר קופערנע לייכטערס, דעם הענגעל-לייכטער מיט די זעקס רעהרען, די צוויי קופערנע טעפּ און די פינף קופערנע פּאַנען, די צינערנע טעלער, וועלכע זענען אויסגע'סדר'ט אויפ'ן געזימסעל, דעם טויץ טעמביקענע לעפעל, די צוויי קידוש-בעכער, דעם הדס, דאָס חנוכּה-לעמפּעל און נאָך און נאָך.

און ווילסט דו וויסען דאָס אויסזעהען פון דער אידישער גאַס אליין — קוק, זיי מוחל, זיך איין ביי מענדעלי'ן: די הייזער אליין האָבען עפּעס אַ מאָדנעם פּאַסאָן. לויט זייער פּאַסאָן און זייער שטעהען איז צו ערקענען, אַז זיי האָבען אפנים נישט קיין שלום צווישען זיך: שטעהסט דו דיר אַרויס אַביסעל פון דעם שערעג — שטעה איך מיר דערפאַר, אויף צו להכעיס, אַריין אינעווענינג אַביסעל פונ'ם שערעג; שטעהסט דו דיר אַזוי און אַזוי — שטעה איך מיר, אדרבא, אַזוי און אַזוי; האָסט דו דיר אַ טרעפּעל אינעווייניג אַריין — האָב איך מיר, אויף צו פּענ־קעניש, אַ לייטערעל פון אויסווייניג, נישט קשה, ווער עס בעדאַרף, איז נישט חולה אַרויפצוקלעטערען; און הויבסט דו דיין צעבראָכענעם און משונה'דיגען דאַך אין הימעל אַריין — לעג איך מיינעם דוקאַ אין דער ערד אַריין, און ווענען עס געפעלט נישט, האָט אַ ברירה נישט צו קוקען! — דאָס איז אָבער נישט אַלעס. פאַר די דאָזיגע הייזער אַליין האָבען מיר די רינשטאָקען מיט די משונה'דיגע ריחות פון אַלעם אומרייינעם, וואָס מען גיעסט יעדען אָווענד אין זיי אויס. סאַמע פאַר דער נאָז, ביי די טהירען פון די הייזער, ליעגען נאַנצע בערג און בערגלעך מיסט און ביינער און פער'עפּוש'טע איבערבלייבענישען פון עסענ־ווארג. די חזירים, יענע פיינע בריות, וועלכע געפינען, ברוך־השם, זייער פּרנסה בריוח אומעטום, נאָרען אַרום אין די דאָזיגע בערגלעך און מעלה־גרה'נען מיט אַ מאָדנעם חראַקען פאַר לויטער תענוג. נעבען זיי שטעהען אַלערליי הינט, אָרימע און הונגעריגע, בלינדע און לאָהמע און פערקאָלטענעוואַטע, און שנאַפּען אַרום אין יעדען ווינקעלע, און פּלוצלינג ווערט אַ גרויס געוואַלט, עפּעס אַ הונד האָט זיך צעוואָרטעלט מיט אַ חזיר און האָט איהם געביסען, און פון נאָהענט און ווייט קומען אָנצולויפען די קליינע הינטלעך און עס ווערט אַ געבילעריי אויף אַ האַלב שעה אַרויס. נאָך מעהר: לויט דעם אומרייינעם, וועלכעס שווימט אַרום אין דער נאָהנטער קאַלוזשע, קענסט דו אַלעמאָל וויסען, וועל־כער טאָג ס'איז אין דער וואָך. איז דער קאָליר פון דער קאַלוזשע געלבליך־גראָה און עס שווימען דאָרט אַרום שופּען פון פיש, קישקעלעך און שפּיץ־פּיסלעך פון היהנער און העהנער, אַ ביסעל האָר און אָבגעב־זענגטע קאָפּעטעס — זייד וויסען, רבותים, אַז ס'איז פרייטאָג; נעמט, זייד מוחל, אייער שפּעפעל און אייערע ריטער און געהט אין מרחץ אַריין! שווימען אַרום אין דער קאַלוזשע שאָלען פון אייער, פון ציבעלעס און פון רעטעך, אָדערען פון לעבער, בליעספּעדערען פון הערינג און

אויסגעשמאָטשקעטע ביינער — גוט שבת אייך, אידען, זאָל אייך דער קוגעל גוט בעקומען! און זעהט איהר דאָרט אָרומשווימען טשאָלענט־רעשטלעך, פערדאַרטע שטיקלעך טייג, אַ פערפוילטע סמאַטע און איין אויסגעקראָכענעם בעזעם — האָט איהר אַ סימן, אַז ס'איז זונטאָג און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער. דאָס אידישע עסענוואַרג פון דער גאַנצער וואָך שפּיגעלט זיך אָב אין דעם קאָליר און אינ'ם ריח פון דער קאַלוזשע; עס שפּיגעלט זיך דאָרט אָב דאָס אידישע לעבען.

און אַזוי ווי מענדעלי לאָזט אונז איבער לזכר עולם דאָס בילד פונ'ם אייסערן לעבען פונ'ם אידען אינם רוסישען שטעדטיל אין דער ערשטער העלפט פונ'ם 19־טען יאָהרהונדערט, אַזוי לאָזט ער אונז איבער, אין אַ פיעל גרעסערע מאָס, דאָס אַלגעמיין־בילד פון די אידען אַליין אין דער דאָזיגער צייט; ער מאָלט אונז אַלע זייערע געשעפטען און פרנסות און התנהגות און מעשים אינ'ם לויף פון די 24 שעה פונ'ם מעת־לעת דורך דאָס גאַנצע יאָהר, פון ראש־השנה ביז ראש־השנה—: אַלע יענע סוחרים און קבצנים און מעקלערס און קרעמערס און בעלי־טובות און תקיפים און ראשי־קהל און בעלי־טקסא און שתדלנים און חאַפּערס און חזנים און בעלי־תפלות און ישיבה־בחורים און משכילים און פּראַצענטניקעס און קליינע סוחרים און הענדלערס און הענדלערקעס מיט מענשען־פלייש און בעלי־בתים און לומדים און שוסטערס און שניי־דערס — עס איז כמעט נישט פאַרהאַן ביי אידען קיין איינציגער טיפּ, וועלכען מענדעלי זאָל נישט האָבען געמאָלט. מיר דאַכט, זייער צאָהל געהט אין די הונדערטער. און נישט נאָר טיפּען, נישט נאָר מענשען פונ'ם אַלטעגליכען לעבען — אָפט מאָלט ער אונז אויך אויסנאַהמס־פיגו־רען, „אָריגינאַלען" הייסט עס, מענשען, וועלכע מען זעהט זיי נאָר זעל־טען. מאַכען מיר די בעקאַנטשאַפט פון אַזאַ מענשען, ווילען מיר איהם קיינמאָל נישט מעהר פערגעסען.

ווען מיר קוקען זיך־צו צו דער רייכער געשטאַלטונגס־קראַפט פונ'ם דאָזיגען שריפטשטעלער, ווי מערקווירדיג לייכט ער טאָקט פיגורען און פיהרט זיי אונז פאַר, ווי אָפט עס איז גענוג פאַר איהם, ווען ער לאָזט עפּעס אַ פאַרשוין אַ מאַך געבען מיט דער נאָז אָדער אַ דרעה מיט'ן גראָבען פינגער אָדער אַ ציה מיט'ן שטערען און אַ לעבעדיגער מענש שטעהט פאַר אונז שוין פאַרטיג, — קומט אונז דאַן אַ מאָדנער געדאַנקען אין קאָפּ אַריין: ווער ווייס, אויב דער דאָזיגער מענדעלי איז נישט גע־בוירען געוועזען, אום צו ווערען איינער פון די גרעסטער שוי־שפּיעלער

פון דער וועלט. זעהען מיר אָבער זיין קראַפט אינ'ם מאָלען, הויבען מיר אָן צו גלויבען, אַז אפשר מעהר נאָך ווי אַ שריפטשטעלער שטעקט אין איהם דער מאָלער: אַ פּאָרטרעטיסט און אַ לאַנדשאַפט-מאָלער. ער האָט דעם מערקווירדיגסטען זין פאַר ליניען און פאַר פאַרבען.

אים גאַנצען און גרויסען זעהען מיר אָבער ביי מענדעלי נאָך איין אַנדערע וואונדערליכע ערשיינונג: זיין ענטוויקלונגס-צייט האָט וואונדערליך לאַנג געדויערט — ווי ביי קיין שום אַנדערען שריפטשטעלער נישט. מענדעלי איז נישט מיט אַמאָל געוואָרען דאָס, וואָס ער איז. ווען מיר דערמאָנען זיך, למשל, אַז דער דאָזיגער שריפטשטעלער האָט אָנגעהויבען מיט איין ערצעהלונג „למדו היטב" אָדער „האָבות והבנים", ווילט זיך כמעט נישט גלויבען, אַז פון אַ שריפטשטעלער, וועלכער האָט אַמאָל געשריעבען די דאָזיגע זאַכען, האָט זיך געקענט אַרויסוויקלען דער דאָזיגער, וועלכער האָט אונז צום סוף געשריבען „שלמה ר' חיים'ס". מיר גלויבען נישט זאָגאָר, אַז דער, וועלכער האָט געשריעבען „דאָס קליינע מענשעלע", און אפילו „די קליאַטשע", אין וועלכע ער איז נאָך גענוג פובליציסט און מוסר-זאָגער, זאָל קענען זיין געוואָרען צו לעצט יענער גרויסער קינסטלער, וועלכער האָט אונז אָנגעשריעבען „פישקע דעם קרומען" און „דאָס ווינשפינגעריל". וועלען מיר נישט אַ מינוט לאַנג זיך האַלטען ביי דער מיינונג, אַז, אום צו ווערען דאָס וואָס ער איז געוואָרען, האָט ער געמוזט צוערשט אַלט ווערען? „אַזוי ווי עס איז פאַרהאַן געבוירענע יונגע לייט — זאָגט טאַמאַס מאַן אין איין אָרט — וועלכע ווערען גיך פאַרטיג און וואַקסען נישט און מכל-שכן אַז זיי ווערען נישט אַלט, ווען נישט זיי האָבען זיך אַליין אינגאַנצען איבערגעלעבט, אַזוי איז פאַרהאַן, ווי עס ווייזט זיך אויס, נאַטורען, פאַר וועלכע די אַלטערס-צייט איז די איינציג ריכטיגע און פאַסענדסטע, אַ מין „קלאַסישע זקנים", וואָס זייער בערוף איז, צו ווייזען דער וועלט אויף דאָס פאָלקאָמענסטע אַלע אידעאַלע מעלות פון יענע עלטערע יאָהרען, דעם טיעפען בליק, דאָס פערשטענדנים פאַר אַלסדינג, דאָס שטרעבען געדעכט צו זיין אין אַלסדינג, דעם רייגעם הומאָר און די העבערע חכמה". צו די דאָזיגע זקנים, ווי עס ווייזט זיך אויס, געהערט מענדעלי. ער האָט געמוזט לאַנג לעבען, ביז זיין נאַטור איז אינגאַנצען פאַרטיג געוואָרען. עס איז כאַראַקטעריסטיש: זיין ל ע צ ט ווערק, וועלכעס ער האָט געשריעבען כמעט שוין אַלס אַ זיבעציגער, איז גלייכצייטיג אויך זיין ב ע ס ט ווערק.

איבריגענס איז די דאָזיגע שווערע און לאַנגע ענטוויקלונג אויך

דאָס פּראָדוקט פון דער צייט און פון דער אומגעבונג. שטעלט אייך נאָר פאָר: אין אַ העק, אַ גאָט-פערלאָזען שטעדטעל אין דער ליטאַ, ווערט ביי אידען געבוירען מיט אַזוי פיעל צעהנדליגע יאָהרען צוריק אַ גאָט-בעגנאַדיגטער גרויסער קינסטלער, איין אמת'ער דיכטער. קיינער ווייסט דאָס נישט, קיינער פערשטעהט דאָס נישט. ער אַליין, דורך אַ סך, אַ סך יאָהרען, פערשטעהט עס עבען אַזוי וועניג ווי די אַנדערע. ער ווייסט נאָר, אַז די וועלט איז אַזוי ענג. און אָפט גאָר ווייסט ער, אַז זי איז אַזוי ווייט. וויפיעל אַזעלכע דיכטער-נאַטורען, מאָלער, מוזיקער און קינסטלער זענען אין גרויסע יסורים דערשטיקט געוואָרען אין דער אידען-גאַס, און קיינער ווייסט אפילו נישט, אַז זיי זענען געווען? עס הענגט פון טויזענד צופאַלען אָב. דאָס קליינע אינגעלע האָט גע'חלום'ט און פאַנטאַזירט און געלאַכט און געוויינט — און דאָס לעבען האָט איהם געבראַכט צו גאָר וואָס אַנדערש. ער איז געוואָרען אַ אידישער בחור, אַ אידישער יונגער מאַן, ווי טויזענד אַנדערע, און נאָר דאָס הארץ האָט אָפט גענאָגט און מאָדנע געפּיקט. און געקומען איז אַ צייט, וואָס אַליין האָט ער געגלויבט, אַז דאָס דאָזיגע, וואָס לעבט ביי איהם פערבאָרגען אים הארצען, שטערט איהם אין לעבען, און ער האָט אַליין געפּרובט, עס צו דערשטיקען. יאָהרען-לאַנג ווערט ער נאָך גע-וואָרפען, ווי אין אַ כף-הקלע, איינמאָל אַהין און איינמאָל אַהער, און צום סוף ווערט ער אַ שרייבער ווי צעהנדליגע אַנדערע אין זיין צייט, און ער ווייסט נישט, אַז ער האָט אין זיין מינדסטן נעגעלע מעהר טאַלאַנט ווי יענע אַלע צוזאַמען. זיין העכסט שטרעבען איז דערנצמאָל, ער זאָל האָבען די זכיה און זאָל ווערען אַזוי גרויס ווי איינער פון יענע „גרויסע", ווי למשל גאָטלאָבער אַליין — און ער שרייבט מאמרים אינ'ם „המגיד" און ער רעדט וועגען דאָס, וואָס אַלע אַנדערע רעדען, וועגען דעם „חינוך", און ער טענה'ט וועגען דאָס, וואָס אַלע אַנדערע טענה'ן, וועגען די „בילדונג", און ער גיעט דעם עולם וויסענשאַפטען, ער גיעט זיי די „תולדות הטבע", און ער זאָגט מוסר טאָג ווי נאַכט און ער איז אויפ'ן בעסטען וועג צו ווערען אַ שטיקעל לייט: אַ אידישער שרייבער, ווי איינער פון די דעמאָליגע אידישע שרייבער. עס מאַכט זיך נאָר אַמאָל נאָך אַ שטיקעל סיבה, אַז דער דיכטער אין איהם ווערט צייטענוויז וואַך און מאַכט איהם אַ שטיקעל שטריך אין דער רעכענונג. עס קומט אין מיטען דערין איין עכטעס מייסטער-שטיק פון אַ קינסטלער-נאַטור. נישט קשה; ער זוכט עס צו דערשטיקען. ער ווערט איין ארט

ערצעהלער־פובליציסט, איין אַרט דראַמאַטיקער־פובליציסט, איין אַרט משורר־פובליציסט. ער קריעגט זיך מיט די בעלי־טובות און מיט דער טאַקסע און שרייבט אַלעגאָריעס און שרייבט זאָגאַר אַ „יודעלע״ און אַ „פּרק שירה״. איינמאָל, אין אַ שענעם פריה־מאָרגען אָבער, פאַלען אַראָב די דאָזיגע שלאַקען און עס קריעכט אַרויס דער קינסטלער פון גאָטעס גנאָד, דער גרויסער און גאַנצער, און מיר זעהען איהם פול און גאַנץ. אַ הויכגעוואַקסענע קינסטלער־געשטאַלט, ווי מיר האָבען ביז יעצט איהר גלייכען נישט געהאַט.

עס איז אַ מערקווירדיגע לעבענס־ענטוויקלונג. די איינצעלהייטען זענען בעלעהרענד.

II.

קאַפּולע. ווייסט איהר וואָס קאַפּולע איז? עפּעס אַ גאָט־פערלאָזען נעסט איז עס אין סלוצקער אויעזד, אין מינסקער גוּבערניע. דאָס איינציגע, וואָס אַבראַמאָוויטש ווייסט דערפון צו דערצעהלען, איז, אַז „די נאַטור־ערהאַבענהייט איז איהר געגעבען געווען, וועלדער־פּראַכט און טהעלער און שענע פעלדער האָבען זי אַרומגערינגעלט״. דאָרט איז ער געבוירען. ווען? — דאָס איז ווידער אַ ביסעל אידישליך. דעם טאָג ווייסט מען נישט גענוי, עס האָט איהם קיינער נישט פערשריעבען, דען „אויף אַ זעלכע קלייניגקייטען האָט מען דענצמאָל ביי אידען, און בפרט אין די קליינע שטעדטלעך, נישט געקוקט״. עס איז נאָר „אַ קבלה אַ זעלבע אין זיין פאַמיליע״, אַז ער איז געבוירען אינ׳ם יאָהר 1836 אינ׳ם 20־טען דעקאַבר. דער טאַטע, ר׳ חיים משה, איז אַ איד אַ למדן, און דערביי אויך קען ער גוט לשון קודש. דאָס קינד האָט אַ לעבהאַפטע פאַנטאַזיע און חלומ׳ט אַ סך און קלעהרט אַ סך. נאַטירליך ווערט עס אָוועקגעריסען פון די חלומות און אָבגעגעבען אין אַ חדר, וואו עס לערענט 12 שעה אַ מעת־לעת. די 8־שטונדען־אַרבייט איז אין אידישע חדרים נאָך נישט געווען איינגעפיהרט. ניין יאָהר אַלט זייענדיג, קען דער קליינער שלום יעקב דעם גאַנצען תנ״ך אויסווייניג. די ביבעל בעשעפטיגט טאָג און נאַכט זיין פאַנטאַזיע. פּלוצלינג אָבער ווערט ער

פון איהר אוועקגעפיהרט צו דעם „עוג מלך הבשן“ פון אלע ליטעראטורען — צו דעם תלמוד. „דארט אנקומענדיג, בין איך מיר פארגעקומען ווי איינער, וועלכער קומט צום ערשטען מאל אין זיין לעבען אויף א יריד: ער ווערט דערשראקען, זעהענדיג די טויזענד פערשיעדענע סחורות און כלים און געגענשטאנדען, און ער ווערט פערטויבט פון דעם גרויסען געטומעל און גערודער. קונים לויפען, סוחרים רעש׳ען, מעקלערס שרייען און אלעס לויפט און פילדערט... מיט מיין אנגעבוירענער נייגונג אלסדינג צו פערקערפערן, האב איך געפלעגט מיר לעבעדיג פארצושטעלען יעדען פערשוין, וועלכע קומט פאר אין דער גמרא. דער תנא־קמא און דער האי־מאן־דאמר האבען זיך מיר פארגעשטעלט ווי א פאר שטאלצע בייזע יודען מיט פלאמעדיגע פנים׳ער; די רישא, די סיפא און די מציעתא — ווי דריי אידענעס, וועלכע בייסען און רייסען זיך דעם גאנצען טאג ארום; און ערשט די בוגרת און די איילונית און די נערה שנתפתתה און דער חרש שוטה וקטן און דער זב מיט דער זבה, און אויך די צוויי, וועלכע האלטען פעסט דעם טלית, און דער אקס, וועלכער האט געשטויסען די קוה, און דער שור המועד מיט׳ן שור תם — אלע, אלע זענען מיר געשטאנען לעבעדיג פאר די אויגען, יעדער מיט זיין בעשטימטער, פעסטער געשטאלט“. — די הלכה האט אויף דעם יונגען קינד אנגעווארפען א טויט־שרעק, דען „איך האב מיך געשראקען פאר די טורעמס, וועלכע פליהען ארום אין די לופטען, און פאר די בערג, וועלכע הענגען אויף א האר, און פאר די איבעריגע איבער־נאטירליכע וואונדער אויפ׳ן פעלד פונ׳ם הארבען פלפול“. אבער „די אגדה איז פאר מיינעטוועגען געווען א וואונדערליכער שפאציער־גארטען, וועלכען איך האב ליעב געהאט. נישט א פארק איז געווען דער דאזיגער גארטען, וועלכער איז פיין אבגעטאקט און ווערט פיין אבגעהיטען, א פארק מיט א פארקאן ארום און מיט פערשלאסענע טהירען און טויערען און מיט פיין אבגעהיטענע פלאנצען, יעדעס פלענצעל אויף זיין ארט, וואו די נאטור איז געבונדען אין קייטען דורך מענשליכע הענד, נאר א ווילדער וואלד איז דאס געווען, א וויטער, ווייטער וואלד, אהן א צוים און אהן איין ארדנונג, אלע פלאנצען און געוואקסען ווילד צונויפגעמישט. דארט זענען פארהאן בלומען אהן א צאהל, ווילדע געוואקסען און צניעות׳דיגע פעלד־בלומעלעך, אלעם אויסגעמישט — די ליליע פון שרון און די רויז פון די טהאלען זענען ארומגערינגעלט פון שטאכעל־גראז, און טויזענד־פארביגע גרעזער

און צעהנטויזענד-קאָלירינע בלומען-טעפּיכע גיעסען זיך אוים פאַר'ן אויג. די פאַנטאַזיע שפּאַציערט זיך אין דעם דאָזיגען גאָרטען אַרום פריי און ווילד און בעווייזט וואונדער. צייטענווייז בייגט זי איין דעם הימעל און שלעפּט אַראָב אויף דער ערד דעם געטליכען שטאַאַט מיט זיינע צעהנטויזענדער מלאָכים, און צייטענווייז הויבט זי אַרויף אין דעם הימעל אַריין דעם גאַנצען ערד-קוגעל און לאָזט מענש און מלאָכים זיך קושען"

די אגדה, די מדרשים און די וואונדער-מעשה'לעך אין פערשיעדענע ספרים האָבען די פאַנטאַזיע פונ'ם איינגעל געהאַלטען אין איין אויפרעגען; אָבער אויך דאָס אַבסטראַקטע לערנען, די סברא און די שאַרפע לאָגיק פון דער הלכה האָבען געוועקט זיין שכל: „... פון איין זייט האָט זי (די גמרא) געשאַרפט מיין שכל דורך דאָס קלעהרען און דורך די גראַדע סברא און האָט מיך געמאַכט צום דענקער, וועלכער אונטערזוכט יעדע זאַך און ברענגט זי אַרוים אויפ'ן שכל הישר, און פון דער אַנדערער זייט האָט זי אין מיין נשמה און אין מיין פאַנטאַזיע אויפגעוועקט וואונדערליכע בילדער און האָט מיך פעהיג געמאַכט פאַר דעם היילינגען גייסט פון דער מליצה". נישט דער ערך מעהר האָט דאָס דאָזיגע לערנען געווירקט אויף זיין פאַנטאַזיע. זיין פאָטער האָט איהם געפלעגט וועקען פאַרטאָגס, איידער דער מאָרגענשטערען איז אויפגעגאַנגען, און זיי זענען ביידע מיט אַ זיסען חשק געגאַנגען אין בית-מדרש אַריין. דאָס פריה-אויפשטעהען, און בפרט אין דער ווינטער-צייט, איז אַ ביסעל שווער אָנגעקומען דעם יונגען קינד, דערפאַר אָבער איז דאָס פערגניגען אַ פּאָר מינוט שפּעטער געוועזען איין אונגעוועהנליכער. אַבראַמאָוויטש ערצעהלט אונז דעם איינדרוק, וועלכען דאָס דאָזיגע פריה-אויפשטעהען האָט אויף איהם געמאַכט. „אַ געטליכע שטילקייט אין אַלע גאַסען. די גאַנצע שטאָדט איז פערזונקען אין שלאָף. די לבנה און די שטערען אויף זייער וואַך אין הימעל סוד'ען זיך — און איך האָרך און האָרך. דערנאָכמאָל האָב איך געזעהען גאַנץ דייטליך דעם מלאך גבריאל, אויסרופענדיג און אָנזאָגענדיג אינ'ם טויער פון הימעל די שטונדען פון דער נאַכט. די מלאכי צבאות שוועבען און שוועבען, און הויבען-אָן זיך צו זינגען. באַלד דערויף ווערען די טויערען פון גן-עדן מיט אַ גרויסען רעש געעפענט, און דער גאָט פון כבוד קומט אָן. די בני-אלים דערבליקען דעם מלך פון דער היילינגקייט, בלייבען זיי פערציטערט שטיל, יעדער ביי זיין מחנה, יעדער ביי זיין פאָהן, עס ריהרט זיך נישט קיין

פליגעל, עס בעוועגט זיך נישט קיין ליפּ. פלוצלינג דערלאַנגט גאָט אַ שטורם מיט כּח, דער אייבערשטער לאָזט הערען זיין שטים אין אַ געוויין. ער וויינט ביי נאַכט אויף זיין בית=מקדש, וועלכער איז חרוב, אויף ירושלים זיין פּראַכט=שטאָדט, וועלכע איז פערוויסט, אויף זיין פאָלק, די טייערע ציונ׳ס קינדער, וועלכע בלאָנדזשען אַרום, און אויף די אָרעמע שכינה, וועלכע געהט מיט זיי צוזאַמען אין גלות און ליידט מיט זיי צוזאַמען. יעדעס אויג לאָזט אַרויס אַ טרעהר — און דאָס איז דער טוי אויף דער ערד און די נאַכט=ראָסע אויף מיינע לאָקען... און ווען עס דערהערט זיך דאָס דאָזיגע געוויין פון גאָט, ציטערען די צדיקי עולם און זיי וויינען ביטער צוזאַמען מיט די מלאכי השלום. איך אַליין אָבער בין פול מיט גרויס הייליגקייט און איך נעהם זיך צום לערנען מיט׳ן גאַנצען חשק. מיט אַ זיס קול׳כעל הויב איך אָן מיין גמרא און זינג מיר מיין שיעור. איך האָב ליעב גאָט׳ס תורה און וויל וויסען אַלע סודות פון דער גמרא, די אָדערען אויף מיין שטערענ׳דעל ווערען מיר אָנגעשוואָלען און איך קלעהר טיעף אַריין אינ׳ם לערנען״. — דער דאָזיגער איינדרוק מוז זיין געוועזן אַ זעהר מעכטיגער, דען נאָך אין איינעם פון זיינע לעצטע ערצעהלונגען, אין „שלמה ר׳ חיים׳ס״, קעהרט ער זיך צו איהם צוריק און שילדערט איהם נאָך ברייטער און שטאַרקער.

מיר אָבער קענען און פערשטעהען די דאָזיגע וואונדערליכע סימנים: די נשמה פונ׳ם דיכטער הויבט=אָן צו דערוואַכען.

און דאַן ווידער: ... „מיין ליעבסטע האָב איך אינ׳ם געדיכטען וואַלד געזוכט, אין דעם שטילען שאָטען, אויף דער גראָז=לאָנקע און ביים רוהיגען וואַסער׳ל, און זי האָט מיר דאָרט איהרען גאַנצען אוצר געוויזען און האָט זיך געשפּיעלט מיט מיר אומעטום. איך בין איהר נאָכגעשפּרונגען אויף די בערג, נאָכגעקלעטערט אויף די ביימער, און בין געזעסען מיט איהר ביי דער שאָף=פּאַשע און מיר האָבען זיך איינגעהערט צו דעם ליעבליכען בלעקענען פון די סטאַדעס. די נאַכטיגאַל האָט מיר איהרע ליעדער געזונגען און די טורטעלטויב האָט מיר, צוזאַמען מיט טויזענד אַנדערע פייגעל, די מוזיק געמאַכט; זיי האָבען מיר דאָס ליעבעס=ליעד געזונגען פאַר מיין שענסטע, די טאָכטער פון גאָט, וועלכער בעשאַפט דאָס אַלעס. און די ליעבע, וועלכע האָט מיר אין האַרץ געברענט ווי אַ פייער, איז געוועזן אַ ליעבע פון לויטער גייסט, אינגאַנצען אָהן אַ פליש, עפּעס הייליגעס, אינגאַנצען אָהן אַ קערפּער,

א פערבארגענע ליעבע צו אלדעם גוטס, צו אלדעם שענע און ערהאבע־נע, וועלבע דערפרייט דעם מענשען און מאכט איהם קליין און מאכט איהם גרויס און לאזט איהם ווערען גוט און עדעל און לאזט איהם ליעב האבען אלע מענשען״..

אוי, אוי, קענען מיר און פערשטעהען מיר די דאזיגע סימנים!

דאס שטעדטעל אבער, וואו דאס קינד האט געלעבט מיט זיינע עלטערען, איז געווען עפעס א פערוואָרפענער העק... „אין איינזאם נעסט אין א גאט־פערלאזענעם ווינקעל, און איך האב אין מיין תמימות געגלויבט, ווי א היהנדעל אין דער אייערשאל, אז באלד הינטער קאפוי־לע, פון ביידע זייטען, הויבט זיך אן דער מדבר מיט די „הרי חושך״ און דעם „סמבטיון״ און מיט די שלאנגען און עקדיבען און די איבריגע משונה׳דיגע חיות. די קליינע הייזער אין מיין שטעדטעל זענען מיר פארגעקומען ווי פאלאצען, און די שוהל און דער קלויז ביי אונז — ווי זיי וואלטען נישט האבען זייער גלייכען. די „פני״ אין שטאדט, האב איך געמיינט, זענען די עדעלסטע בעשעפענישען און די קלינגסטע אויף דער גאנצער וועלט, און ווער שמועסט, ווען זיי האבען געהאט לאנגע בערד און א שענעם שטעל, דען דענסמאל האב איך געגלויבט, אז וואו זקנה, דא תורה און חכמה, און ווער עס האט א קוה אדער א ציגע, דער איז רייך ווי קורח. דער שופר און די קאטערינקע, וועלבע האט זיך צופע־ליג פערבלאנדושעט צו אונז ווי עפעס א וואונדערליבע זאך, און די איינפאבע כלי זמר, מיט וועלבע מען האט געפלעגט שפיעלען ביי אונז אויף חתונות, האבען זיך מיר אויסגעוויזען ווי דאס שענסטע און העכ־סטע, און איך האב געמיינט, אז עפעס בעסערס איז שוין גאר נישט פארהאן. אוי, ווי ערהאבען מוז זיין דער בעל תוקע, וועלבער קען דעם קונץ פון בלאזען, און נעמט ביי יעדערען ארוים די נשמה מיט זיינע וואונ־דערליבע קשר״קען!...״

דער פאטער שטארבט איהם, ווען ער איז א אינגעל פון א יאהר 14—15, און די צייט פון עלענד און נויט הויבט זיך אן. ביי דער מאמען, דער ארעמער אלמנה, קען ער נישט לענגער בלייבען, און די נאהנסטע קרובים שיקען איהם אין די ישיבה אריין, „כדי עס זאל נישט ווערען פון איהם קיין פוסט־און־פאסטניק״. אין דער ישיבה אין סלוצק לערנט ער ביי דעם בעוואוסטען ר׳ אברהם ברוך, דאן ווערט ער דער תלמיד פונ׳ם ראש־ישיבה, דעם חריף ר׳ מיכל מ״ס. שפעטער לערנט ער אין

ר׳ יונה׳ס בית=מדרש בײַ ר׳ אברהם׳לע. ער מאַכט=דורך דעם גאַנצען
בעקאַנטען קורס: שלאָפט אויף דער באַנק אינ׳ם בית=מדרש, עסט ברויט
מיט זאַלץ און קריעגט אַמאָל אַ „טאָג" אויך. דאַן קומט ער קיין ווילנאָ
און לערנט בײַ דעם בעריהמטען ר׳ מענדערעל אין ר׳ מעלה׳עס ישיבה
און דאַן אויך אין גאונ׳ס בית=מדרש. דערווייל האָט די מוטער צום
צווייטען מאָל חתונה געהאַט; איהר מאַן האָט געהאַלטען אין אַרענדע
די מיהל אין אַ דאָרף נישט ווייט פון קאַפּולע — און שלום יעקב האָט
זיך אומגעקעהרט צו דער מוטער אין דאָרף אַריין און האָט דאָרט געלע=
דענט מיט דעם שטיעף=פאָטערס אינגלעך, אום נישט בחנם ברויט צו
עסען. און ווידער הויבט זיך אָן די אַלטע מעשה —: „דאָרט, וואו
מיין שטיעף=פאָטער האָט געוואוינט, זענען געווען וועלדער אַרום און
אַרום, גרויסע אַלטע וועלדער מיט אַלערליי חיות. בײַ נאַכט האָבען
די הונגעריגע וועלף געשריגען און אויך דער בער האָט זיך דאָרט אָפט
בעוויזען. פייגעל האָבען שטענדיג געזונגען, און דער ליעבעד און די
וואַסער=עופות האָבען פון געמוזעכץ ליעבליך אונטערגעהאַלטען. דורכ׳ן
וואַלד האָט זיך געשלענגעלט אַ גרויסער טייך און איז דערגאַנגען ביז צו
דער מיהל, דאָרט האָט ער זיך צעגאָסען אין אַ מעכטיגען וואַסער=
שטראָם און האָט מיט אַ געוואַלטיגען רוישען געדרעהט די רעדער, אז
פונ׳ם גערויש פון דער מיהל און דעם געברויז פונ׳ם וואַסער האָבען די
אויהרען געקלונגען".

און דאַן ווייטער: — „אין דעם דאָזיגען איינזאַמען, פערלאָזענעם
ווינקעל איז מיר מיין מוזע ערשיינט... מיט כשוף האָט מיך געצויי=
גען, איך זאָל איהר נאָכגעהען אין וואַלד אַריין ביז אונטער דעם גרי=
נעם בוים, וואו עס איז שטיל און הייליג. מיט די וואַלד=ביימער האָט
זי מיר אַ בונד געשלאָסען און מיט די פייגעל פון הימעל און מיט די
חיות אויף דער ערד און האָט מיך געלערענט זייער שפּראַך". — דענצ=
מאָל האָט דאָס אינגעל געמאַכט זיינע ערשטע ליטעראַרישע פּראָבעס:
אַ ליריש געדיכט איבער די שענקייט פון דער נאַטור, ווי „דער טייך
פלאַפּעלט צו איהם און דער ווידער=קול פון וואַלד ענטפערט". אָבער
אויך דער שפּאָט האָט איהם שוין אין יענע טעג גענומען און ער האָט
אָנגעשריבען אַ מין דראַמא אין גראַמען אין דער פאָרם פון לוצאַטאָ׳ס
„לישרים תהלה". אָבוואויהל „איך האָב דענסמאָל גאָר נישט געוואוסט,
וואָס אַ דראַמא איז, און איך האָב קיינמאָל נאָך אַזעלכע ספרים נישט
געהאַט געליענט". זעלבסטפערשטענדליך האָבען די אַלע פּראָבען קיין

שום ליטעראַרישען ווערט נישט געהאַט, אָבער אויך אין זיי איז שוין געווען צו דערקענען די צוויי גרונדשטריכען פון זיין אייגענט=ליכען טאַלאַנט: זיין נייגונג צום ליריזם און זיין נייגונג צו דער סאַטירע.

באַלד אָבער האָט עס איהם אָנגעהויבען ציעהען און ער האָט אַליין נישט געוואוסט וואו אַהין, און ער האָט נישט געקענט מעהר איינזיצען אויף איין אָרט. ער האָט זיך אומגעקעהרט קיין קאַפּולע. אין קאַפּולע האָט ער אָנגעטראָפען איינעם, אַ בעטלער, מיט'ן נאָמען אַברהמעל חראָמאָי (אַ זכר אויף „פישקע דער קרומער"). דער דאָזיגער בעטלער איז אוים געווען אַ האַלבע וועלט, און מיט זיינע מעשות וועגען ווייטע שטעדט און וואונדערליכע מדינות — למשל, וועגען וואָהלין — האָט ער אויפגעקאָכט די פאַנטאַזיע פונ'ם יונגען קינד. זיין נשמה האָט איהם געצויגען צו עפּעס אַ פאַנטאַסטיש=ראָמאַנטיש לעבען אין ווייסטע וועלדער און אין פעלדער, מיט אַ חברה בעטלערס, ווייט, ווייט צווישען פרעמדע בעשעפעניש, און ער האָט בעשלאָסען זיך צו לאָזען מיט'ן דאָזיגען ר' אַברהמעל אין די וועלט אַריין (איין אָנגעהערעניש צו „מסעות בנימין השלישי"). שטעדט און שטעדטלעך זענען זיי צוזאַ=מען דורכגעוואַנדערט, דורך ליטא און דורך דעם גאַנצען דרום=מערב=קאַנט פון רוסלאַנד, איבער וואָהלין, אוקריינע און פּאָדאָליע און גענעכ=טיגט האָט מען אין אַ „הקדש" אָדער אין אַ בית=מדרש (אַ ביסעל „פישקע דער קרומער" און אַ ביסעל „קליין מענשעלע") און געגאַנגען איז מען איבער די הייזער. אויף דער דאָזיגער נסיעה, אינ'ם צעבראָכענעם וועגעלע מיט דער אָבגעשונדענער שקאַפּע איז געלעגט געוואָרען דער גרונדשטיין צו מענדעלי מוכר=ספרים'ס ביידעל מיט דער קליאַטשע, מיט וועלכע ער פאָהרט=דורך איבער'ן גאַנצען אידישען תחום אין דער לענג און אין דער ברייט. דער אינגעל איז געוואָרען אין די הענד פונ'ם קרומען שנאָרער נישט קיין שלעכטער עסק, אום נדבות צו קלויבען, און, אום דעם געשעפט נאָך צו פערגרעסערען, האָט ער איהם געוואָלט פערקריפּען אויך פאַר אַ חתן (מאַטעריאַל פאַר פערשיעדענע עפּיזאָדען אין „ווינשפינגערעל"). „שפּעט ביי נאַכט האָט אַברהמ'על פערשלעפּט זיין פערשווין אין אַ פוסטע קרעטשמע, וואָס האָט זיך געפונען ווייט פון דער שטאָדט, אין אַ עק, וואו קיין לעבעדיגען מענשען האָט מען נישט געזעהען. די קרעטשמע איז געווען אָהן פענסטער, אָהן טהירען, נאָר עפּעס איין אַלטע חורבה, וואו קיין מענשען האָבען שוין קיין הונדערט

יאָהר דאָרט נישט געוואויהנט... פּליצלינג האָט אָנגעהויבען שטאַרק דונערען און בּליצען, דער הימעל האָט זיך געעפענט און עס האָט געחליאַפּעט דער רעגען ווי פון אַ צובער, די גאַנצע קרעטשמע האָט געשוואומען אין וואַסער, אַט־אַט־האָט, אויסגעזיזען, ווערען אלע דערטרונקען, און אָט פון איין ווינטעל פאַלט נאָר איין די גאַנצע קרעטשמע, וועלכע שטעהט אַזוי אויך אויף היהנערשע פיסלעך" — אין אַזאַ מינוט האָט דער בּעטלער געסטראַשעט דעם אינגעל, אַז ווען ער וועט זיך עקשנ'ען און וועט נישט ווערען אַ חתן פאַר דעם מחותן, וועלכען ער האָט פאַר זיינעטוועגען אויסגעזוכט אין דער שטאָדט, וועט ער איהם לאָזען דאָ אַליין אויפ'ן פעלד. אין עטליכע טעג אַרום איז דער קליינער שלום יעקב געבּליעבּען איינער אַליין, פערלאָזט אויפ'ן פעלד, נישט ווסענדיג, וואו איין און וואו אויס. מיט גרויס מיה האָט ער זיך געשלעפּט בּיז ער איז געקומען קיין קאַמעניץ־פּאָדאָלסק. דאָרט האָט ער געפּרובּט ווערען אַ משורר בּיי אַ חזן (עפּיזאָדע אויס „קליין מענשעלע"). דאַן איז ער אין דער דאָזיגער שטאָדט געזעסען אין בּית־מדרש און האָט געלערענט תורה, און אַלע לומדים אַרום און אַרום האָבּען געקוקט אויף איהם מיט גרויס דרך־ארץ. דאָרט איז ער בּעקאַנט געוואָרען מיט איין אַלטען מאַן, אַ זעהר אָנגעזעהענער אין דער גאַנצער שטאָדט וועגען זיין יראַת־שמים און זיינע מעלות און מדות (דער אָריגינאַל פון ר' אַברהם אין „ווינש־פינגערעל"). דער דאָזיגער אַלטער האָט דעם יתום ליעבּ בּעקומען, און האָט איהם גע'עצה'ט, ער זאָל, וויל ער קען גוט לשון־קודש, אַריינגעהען אַמאָל בּסוד צו איינעם אַ געלעהרטען משכּיל, וועלכער וואויהנט הינטער דער שטאָדט (עפּיזאָדע אויס „קליין מענשעלע"). דער קליינער אַבּראַמאָוויטש האָט איהם געפאָלגט און איז דאָרט אַהין געגאַנגען. דער דאָזיגער משכּיל איז געווען דער העבּרעאישער דיכטער אַ ב ר ה ם בּ ע ר ג אָ ט ל אָ בּ ע ר.

קיין גליקליכערער צופאַל האָט שוין נישט געקענט זיין אין דעם יונגען אַבּראַמאָוויטשעס לעבּען, ווי דאָס דאָזיגע אַריינגעהען אין דעם דאָזיגען הויז — אָבּער גליקצייטיג האָט פאַר איהם אויך קיין אומגליקליכערער צופאַל נישט געקענט זיין. פון איין זייט איז ער דעדורך געקומען דירעקט און אָהן אַ סך אומוועג צו דער ליטעראַטור, פון דער אַנדערער זייט אָבּער איז ער דעדורך פערשלעפּט געוואָרען אין אַ ריכטונג, פון וועלכער ער האָט זיך גאַנצע צעהנדליגער יאָהרען נישט געקענט בּעפרייען. ווער ווייס: ווען דער צופאַל וואָלט אַבּראַמאָוויטשען

דענצמאָל גראָד האָבען געבראַכט אין אַ קרייז אַריין, וואו מען וואָלט איהם האָבען אויפגעמאַכט די אויגען אויף זיין אייגענטליכען ווערט און אויף דעם אמת׳ען געטליכען פונק, וועלכער לעבט אין איהם, ווער ווייס, זאָג איך, אויב דער דאָזיגער אַבראַמאָוויטש וואָלט נישט האָבען אונז געגעבען זיינע מייסטער-ווערק שוין אין דער ערשטער פעריאָדע פון זיין שריפטשטעלעריי. אַזוי אָבער האָט ער ערשט געמוזט דורכמאַכען דעם גאַנצען גלגול-מחילות פון דעם אידישען מחבר-ליטעראַט פון דער דעמאָליגער צייט.

מיט דעם אַריינקומען אין זשיטאָמיר הויבט-אָן אַ נייער קאַפּיטעל פון אַבראַמאָוויטשעס לעבען. אין דעם דאָזיגען הויז האָט ער געפונען איין אוצר פון ספרים, וועלכע ער האָט געשלונגען ווי אַ הייס-הונגריגער. גאָטלאָבערס טאָכטער האָט איהם דעם ערשטען אונטערריכט געגעבען אין רוסיש און אין דייטש, און ביי איהר האָט ער געלערענט אויך די אָנפאַנגס-גרינדען פון אַריפמעטיקאַ. אים יאָהר 1856 האָט ער געמאַכט זיין עקזאַמען אַלס לעהרער, און איז אָנגעשטעלט געוואָרען אַלס קאַזיאָנע לעהרער אין דער שטאָדטישער שולע. אַרום יענע צייט האָט ער געדרוקט אינ׳ם „המגיד״ זיין ערשטע אַרבייט: איין אַרטיקעל וועגען חינוך און אַז אידען דאַרפען לערנען רוסיש און דאַרפען קענען וויסענשאַפט. דאַן איז ער אַריבערגעפאָהרען קיין בערדיטשעוו, און דאָרט האָט ער אָנגעהויבען זיין ליטעראַרישע קאַריערע. ער האָט גע-שריעבען זיינע קריטישע בראָשורען „משפט שלום״ און „עין משפט״. אינ׳ם נייסט פון יענער צייט האָט ער פערפאַסט, פריי לויט לענץ, אַ העברעאישע זאָאָלאָגיע אין דריי חלקים מיט׳ן נאָמען „תולדות הטבע״. אים יאָהר 1867 האָט ער אָנגעשריעבען זיין ערשט ערצעהלונגעל מיט׳ן נאָמען „למדו היטב״, און אַ יאָהר שפּעטער האָט ער עס פערגרעסערט און האָט עס געדרוקט מיט׳ן נאָמען „האָבות והבנים״ (1868) — די ערשטע בעלעטריסטישע פּראָבען.

אַ ביסעל שפּעטער געהט אַבראַמאָוויטש אַריבער צו אַ מין נייער טעטיגקייט. ער הויבט-אָן, אונטער דעם פּסעוודאָנים „מענדעלי מוכר ספרים״, צו שרייבען אויף אידיש פאַר די גרעסערע מאַסע, „אום נוצען צו בריינגען״: אום זיי אויסצובעסערען און אום זיי צו בעלעהרען. ער שרייבט „דאָס קליינע מענשעלע״ — איין ערצעהלונג, וועלכע ווייזט אין אָנהויב (די מעשה מיט דעם קליינעם מענשעלע, וועלכער זיצט אינ׳ם מענשענס אויג) די שענסטע פּאָעטישע קוואַליפיקאַציעס, און וועלכע

ווערט אָבער דאַן אַ שטרייטשריפט געגען די ראָשי-הקהל, די קליינע מענשעלעך, און די קליינע רוסישע שטעדט. דאַן שרייבט ער די ערשטע פּראָבע פון „פּישקע דעם קרומען", און דאַן „די טאַקסע" — די שאַרפע קריטיק געגען אונזערע תּקיפים, די שטאָדט-בעלי-טובות. צוליעב דעם דאָזיגען בוך מוז ער עוקר זיין פון בערדיטשעוו, וואו ער האָט דאַן געוואָהנט, ווייל די דאָרטיגע ראָשי-קהל האָבען זיך געפונען בעליידיגט, און ער בעזעצט זיך אין זשיטאָמיר, וואו ער האָלט עקזאַמען און ווערט לעהרער אין דער דאָרטיגער ראַבינער-שולע. אַרום יענער צייט שרייבט ער „די קליאַטשע" — דאָס מערקווירדיגע בוך, אין וועלכעם ער האָט, ווי נאָך קיין שום צווייטער שריפטשטעלער נישט בּיי אונז, דעם קאַמפּף געפיהרט קעגען אַלע אונזערע בעדריקער אין דרינען און אין דרויסען. עס איז די גיפטיגסטע סאַטירע אויף דעם לעבען פון דער כּנסת-ישראל. און דערבּיי ווערט דאָס בוך געטראָגען פון אַ דיכטער-פאַנטאַזיע, ווי זי איז בּיי אונז איינציג. דעם קינסטלער אָבער אינ'ם מאָדערנעם זין דערקענט מען נאָר אין דער וואונדערבאַרער קראַפט פון נאַטור-שילדערונגען און פּייזאַזשען. דאַן האָט ער געפּרובט שרייבען אויך עטליכע לייכטע זאַכען אין גראַמען („יודעל", „זמירות ישראל" און „פּרק שירה"). באַלד דערויף האָט ער געשריעבען די ערשטע פּראָבע פון זיין שאַרפער סאַטירע „מסעות בנימין השלישי" — די געשיכטע פון אַ אידישען מין דאָן קישאָט, און דאַן ווידער אַ דראַמע מיט'ן נאָמען „דער פּריזיוו". אים יאָהר 1881 איז ער אַריבּערגעפאָהרען קיין אָדעסאַ, וואו ער איז אָנגעשטעלט געוואָרען אַלס פיהרער פון דער דאָרטיגער תּלמוד-תּורה.

און ווידער איז אַבראַמאָוויטש אַריבּערגעגאַנגען צו עפּעס אַ נייעס. ער האָט אָנגעהויבען אין זיין ליטעראַרישער טהעטיגקייט זיך צו ווייזען פון אַ נייער זייט: פון אַ ריין קינסטלערישער. ער האָט אוועקגעלאָזען דאָס פּאָלעמישע און דאָס פּובּליציסטישע און דאָס ריין קריטישע און איז געקומען צו זיין העכסטער פאָרם, צום ריין קינסטלערישען. אַרום יענער צייט האָט ער געשריעבען, צום גרעסטען טייל אויף העברעאיש, די מייסטערהאַפטע קליינע ערצעהלונגען, פון דאַן האָט ער אויסגעאַרבּייטעט, גלייכצייטיג אויף אידיש און אויף העברעאיש, יענע פיער גרויסע ערצעהלונגען, וועלכע וועלען בּלייבען אויף אייביג אַ שאַץ אין אונזער ליטעראַטור: „פּישקע דער קרומער", „מסעות בנימין השלישי", „דאָס ווינשפינגערעל" און „שלמה ר' חיים'ס". צום ערשטען

מאָל האָבען אידישע לעזער געזעהען אַ זעלבעס, וואָס זיי האָבען נאָך קיינמאָל נישט געזעהען: אַ קינסטלער, ווי זיי האָבען נאָך קיינמאָל אַ זעלכען נישט געהאַט. און דער קינסטלער מאָלט זיי דאָס לעבען פון דעם עלענדען פאָלק אין קאַבצאַנסק און אין גלופּסק און אין טונעיאַ-דאָווקע — כל ישראל איז איין קבצן. די צרה איז אַ צרה, פון וועלכער עס איז קיין ענטרינען נישט דאָ. עס איז אַ פערשאָלטען גלות-לעבען, אַ הינטיש לעבען...

קוקט מען צוריק אויף די שריפטשטעלערישע טהעטיגקייט פון אַבראַמאָוויטשען, זעהען מיר זי פאַר זיך איינגעטיילט שטרענג אין דריי פעריאָדען.

אין דער ערשטער פעריאָדע: עס נוצט איהם נישט זיין גאַנצער טאַלענט און זיין גאַנצע פאָעזיע; די דעמאָליגע צייט מאַכט איהם פאַר אַ שרייבער, ווי זיי הונדערט אַנדערע זענען געווען, מיט די זעלבינע צילען און די זעלבינע וואונשען. ער שרייבט זיינע מליצות, ער האַלט מלחמה מיט די „מורדי אור" און מיט חסידים און חסידות, ער שרייט געוואַלט, אַז מען מוז לערנען וויסענשאַפטען, און וועלכע צרה עס זאָל נישט זיין געקומען אויף אידען אין זיין לאַנד, הייסט ער, אַז עס איז נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבען זיך נישט געבילדעט. זאָלען זיי זיך נאָר בילדען — וועלען זיי באַלד און גיך געהאָלפען ווערען. אַרום יענער צייט שרייבט אַבראַמאָוויטש זיין „משפט שלום", „האבות והבנים" און קאָמפּילירט אַ נאַטורוויסענשאַפטליך ווערק „תולדות הטבע".

אין דער צווייטער פעריאָדע ווערט אַבראַמאָוויטש בעל-מלחמה און מאָראַליסט. די אָנגעבוירענע פאָעזיע און דער מערקווירדיגער זין פאַר נאַטור-שענהייטען שטערען אפילו אַ ביסעל; אָבער נישט קשה, ער שטרענגט זיך אָן, זיי ענטשווייגען צו מאַכען, ווי וויט ער קען נאָר. „די קליאַ-טשע" — ווען מען זאָל בעזייטיגען פון איהר די פיעל שענע לירישע שטעלען, וועלכע זענען טיילמאָלס אמת'ע פערעל פון פאָעזיע, און די וואונדערבאַרע בעשרייבונגען פון נאַטור-שענהייטען, וועלכע זענען אָפּט-מאָל גאַנצע אוצרות פון קונסט, בלייבט אונז איבער איין אַפּאָלאָגעטיש-פובליציסטישע שריפט מיט מערקווירדיגע טענדענצען. „מיט וואָס פאַר אַ יושר קען מען — פרעגט ער פשוט — יענעם נישט לאָזען עסען, אַטעמען פריי, סיידען ביז ער וועט זיך אויסלערנען עפּעס קונצען? איטליכס בעשעפעניש, וואָס ווערט געבוירען, איז קודם-כל אַ לעבעדיגע זאַך, פערזאָרגט פון דער נאַטור מיט אַלע חושים, מיט אַלע אברים, טאַקי

נאָר פון זיינטוועגען, בכדי דורך זיי צו בעקומען אַלסדינג, וואָס עס בע־
דאַרף נויטיג האָבען צום לעבען"... „איך בין דיר מוחל דיין
רחמנות! — רופט ער אויס אין איין אַנדער אָרט — איך וויל נישט,
אַז דו זאָלסט אויסאַרבייטען, מען זאָל מיך נישט אַזוי פּלאָגען,
מען זאָל מיר געבען מיין בעדערפעניש צו דערהאַלטען די נשמה,
טאַקי נאָר גלאַט פאַר רחמנות, ווייל עס איז פּשוט אַ צער־בעלי־חיים.
איך וויל אפילו נישט, דו זאָלסט אויסבעטען פאַר מיר אַלע נויטי־
גע זאַכען צום לעבען אי מהאי טעמא, וואָס מען האָט און מען קען
האָבען פון מיר נוצען. דאָס זענען אַלטע מעשות, אַלטע ליעדלעך, וואָס
איך האָב זיי שוין געהערט אין דער וועלט זינגען אין פערשיעדענע
צייטען". דער שטאָלצער טאָן און די גאַנצע האַלטונג דערמאָנען אונז
אַ ביסעל גבריאל ריעסער, לודוויג באָרנע און זייער גלייכען. אַ ביסעל
ווייטער הערען מיר דאָס דאָזיגע אין נאָך אַ שאַרפערער פאָרם: „איך וויל
גאָר נישט הערען קיין רחמנות, קיין קונצען, איך בין ווי אַלע אַנדערע,
אַ לעבעדיג בעשעפעניש און האָב ווי זיי אַ פּראַווע, דאָס רעכט צו
לעבען. האָט יענער אויף מיר רחמנות, הייסט עס אַזוי פיעל, ווי איך
לעב נאָר אין זיין זכות, ער האָט יאָ דאָס רעכט צו לעבען און איך
נישט; אינגאַנצען וואָס איך האַלט מיך, וואָס איך זשיפּע, האָב איך
עס צו פערדאַנקען איהם, נאָר איהם, אין דער צייט, אַז מיר ביידע
זענען גאַנץ גלייכע בעשעפעניש מיט איינערליי בעדערפעניש. לאָזט מיך
יענער לעבען, ווייל איך ברענג איהם נוצען, הייסט עס אַזוי פיעל, ער
איז דער תכלית, דער עיקר, דען איך לעב נאָר, מחמת דערמיט טויג
איך איהם. פאַר מיר אַליין וואָלט איך נישט בעדאַרפט גאָר בעשאַפען
ווערען. איך וויל אָבער לעבען גלייך ווי אַנדערע, גלאַט ווייל איך בין
אויך אַ בעשעפעניש פאַר מיר"... „אין דער וועלט הערשט איין גע־
זעץ פאַר אַלע בעשעפעניש, פאַר אַלע מענשען גלייך, אַזאַ געזעץ,
וואָס קיינער, יהיה מי שיהיה, איז ניט אימשטאַנד עס איבערצומאַכען,
וואָס אַקעגען איהם העלפט נישט קיין שרייען, קיין רעדען, קיין דרשות
און קיין שום מיטעל; אַזאַ געזעץ, וואָס איז שטאַרקער פון אַלע שטאַר־
קע, מעהר עקשן פון אַלע עקשנים, וואָס אַז מען שטעלט זיך איהם
אַקעגען, זוכט עס זיך אויס טויזענדער אַנדערע וועגען, טויזענדער
המצאות און הסברות, כּדי זיך צו דערהאַלטען — איך מיין דעם דאָ־
זיגען בעקאַנטען געזעץ, וואָס אַלע ווילען עסען, וואָס איטליכער
וויל צו דערהאַלטען זיין לעבען, עס מעג זיך זיין אויף וועלכען

אופן, מיט וועלכע מיטעל עס וויל זיך". — אין דער דאָזיגער פעריאָדע רעדט אַבראַמאָוויטש נאָך אַלץ אין אַלעגאָריעס און משלים; זיין ליעבסט ווערטעל איז דענצמאָל: „נישט דאָס בין איך אויסען". ער האַלט וכוחים, ער זאָגט מוסר, ער שטראָפט, ער קריעגט זיך מיט דאָס ווייניגע און מיט פרעמדע, ער זוכט די סבות פון יעדער זאַך און יעדער ערשיינונג — און שטערט איהם אַמאָל זיין פּאָעטישער גייסט אין זיינע חקירות, דערשטיקט ער איהם. אין דער דאָזיגער פעריאָדע איז ער אונזער בעסטער פובליציסט. ער איז אַ שטרייטער און אַ מאָראַליסט.

און אַזוי קומט מענדעלי צו זיין דריטער און לעצטער פעריאָדע פון זיין שריפטשטעלעריי. דאָס קינסטלערישע אין איהם נעמט סוף=כל=סוף די אויבערהאַנד, און עס בעוויזט זיך דער ריינער קינסטלער, אַ זעלכער, ווי ביי אידען איז זיין גלייכען נישט געווען. ער זאָגט נישט מעהר קיין מוסר, ער קריעגט זיך נישט מעהר מיט אונזערע שונאים פון דרויסען און מיט אונזערע תקיפים פון דרינען, ער שרייבט נישט מעהר קיין אַלעגאָריעס, נאָר ער מאָלט דאָס לעבען אין דער אידישער גאַס, אַזוי ווי זיינע אויגען זעהען עס, און עס איז נישט פאַרהאַן קיין זאַך, וועלכע ער זעהט נישט, און עס בלייבט נישט קיין פונקט, וועלכער איז פאַר איהם פערבאָרגען. און עס איז נישט דאָ קיין בעוועגונג, וועלכע איז איהם אומבעקאַנט; אַלעס זעהט ער און ווייסט ער, און אַלעס מאָלט ער, און דער פאָן פון דעם דאָזיגען געוואַלטיגען געמאָלעכץ איז דער שרעקליכער, פירכטערליכער דלות, אין וועלכען אַ גאַנצע אומה, אַ צעבראָקעלטע און צעווייטיגטע, טרינקט זיך, און עס קומט אַרויס יענע געוואַלטיגע, פירכטערליכע טראַגעדיע, וועלכע נעמט־אָן ביים האַרץ און פער'סמ'ט די נשמה. עס איז שוין גענוג פאַר אונזערטוועגען די נעמען פון זיינע שטעדט, אום צו וויסען, וואו דאָס אומגליק הויבט זיך אָן: קאַבצאַנסק, גליפּסק און טונעיאַדאָווקע. די נעמען זענען סימוואָלען. כל=ישראל איז איין קבצן. די גרויסע אידישע אַלטע טאָרבע, דאָס איז אונזער אומגליק. דער איד מוז זיך לערנען מוותר זיין אויף דעם ביסעל עולם=הזה און ברעכען די תאוה פון עסען. „דער יצר=הרע פון עסען איז אַ געמיינע תאוה". ער טאָר נישט וויסען פון דער פרייד פון קינדער=יאָהרען און פון דער שענהייט פון דער נאַטור, און ער מוז לעבען אין דער וועלט פון פאַנטאַזיעס. די דאָןקישאָטען מעהרען זיך ביי איהם, יענע „בנימין השלישי'ס", וועלכע פאָהרען אין די וועלט אַריין, און דאָס לעבען אין דער „קבלה"=און

אין דער „זוהר”=וועלט ווערט פאַר איהם עפּעס נאַטירליכעס. די סאַטירע פון׳ם גרויסען דיכטער ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער, וואָס אַ מאָל גאַליגער, און עס צעשפּיעלט זיך דער גרויסער שפּאַט און ער ווערט אַזוי ביטער.

די פיגור פון אַבראַמאָוויטשען אין זיין אַלגעמיינעם כאַראַקטער שטעלט זיך אונז אַלזאָ פאָר אַזוי: אַ איד ווערט געבוירען אין עפּעס אַ פערוואָרפען שטעדטעל, ווי טויזענד אַנדערע פון זיינע ברידער. קיינער ווייסט נישט, וואָס עס לעבט אין איהם, און ער ווייסט עס אים אַלער=ווענינגסטען — און דערביי איז זיין נשמה אַ נשמה פון אַ גרויסען פּאָעט. ווען ער קומט אין די וועלט אַריין און הויבט=אָן זיך זיין וועג צו זוכען, ווערט ער אַזוי ווי די פיעלע אַנדערע צווישען זיינע ברידער, וועלכע עס איז אויסגעקומען צו ווערען שריפטשטעלער. ער ווערט אַ מוסר=זאָגער, אַ קעמפּפער פאַר אויפקלערונג, אַ מליץ=יושר, ער ווערט אַ ביסעל ריב״ל, אַ ביסעל צווייפעל און אַ ביסעל גאָטלאָזער. אין אַ געווינסער בעציעהונג שטעהט איהם זיין פּאָעטישער זין ווי אַ שטערעניש אויפ׳ן וועג, ער אָבער בעזיעגט זי און דערשטיקט זי. שטעלט אייך אָבער פאָר, ווי גרויס האָט געמוזט זיין דער דאָזיגער פּאָעטישער זין און די דאָזיגע נייגונג צו קונסט, אַז ער האָט זיי פאָרט נישט געקענט בעגראָבען, אַזוי אַז סוף=כל=סוף האָבען זיי זיך דורכגעבראָכען. ער איז שוין העכער פערציג יאָהר אַלט געווען, ווען ער האָט אָנגעהויבען אַלס ריינער קינסטלער, אַזוי אַז ער האָט נישט מעהר אויספּעיעט צו געהען אין פרעמדע פיס=טריט און ער איז געווען געצוואונגען צו ערפינדען פאַר זיך אַ נייע טעכניק און אַ נייעם פאָרם און אַ נייעם פאָרטראַג. און דאָס גרעסטע וואונדער איז, אַז דאָס בעסטע, וואָס ער האָט געשריעבען, האָט ער געשריעבען שוין אַלס זעכציגער, זיעבציגער! „פישקע דער קרומער”, „מסעות בנימין השלישי”, „דאָס ווינשפינגערעל” און „שלמה ר׳ חיים׳ס” זענען און בלייבען די גרעסטע מייסטער=ווערק פון אונזער ליטעראַטור.

III.

„פישקע דער קרומער". אַלס ספור־המעשה פאַר זיך איז „פישקע" שוין אַ ביסעל צו איינפאַך. בכלל צייכענט זיך דאָך נישט מענדעלי אויס אַלס מעשה־שרייבער מיט פערוויקעלטע און פערציקעלטע געשעהעני׳שען; על פי רוב האָבען מיר אין זיינע מעשות קיין שום „האַנדלונג" נישט, און זיי זענען אַזוי איינפאַך, אַז ווען איין אַנדערער זאָל קומען, וועלכער בעזיצט נישט דעם טאַלענט פון מענדעלי, וועט ער גאָר נישט וויסען, וואָס מיט דעם דאָזיגען שטאָף אָנצוהויבען. אייגענטליך געפינסט דו דאָרט גאָר נישט דאָס, וואָס מען רופט „קאָמפּאָזיציע", און געפינסט נאָר אַ צונויפשטעלונג פון בעזונדערע מעשה׳לעך, שטיקלעך, עפּיזאָדען, בעטראַכטונגען, נאַטור־שילדערונגען און וואונדערשענע שטעלען. די אייגענטליכע מעשה פון פישקע דעם קרומען איז אַ גאָר איינפאַכע: איינער אַ קרומער, וואָס הייסט פישקע, דיענט אין דעם מרחץ אין דער קהלה גלופּסק, און חברה מאַכט איהם חתונה מיט דער „בלינדער יתומה", וואָס בעט נדבות ביי דער „טויטער שול". דערנאָך לאָזען זיך ביידע, מיט אַ גאַנצע חאַליאַסטרע אָרעמעלייט, געהען איבער די הייזער און וואַנדערען פון שטאָדט צו שטאָדט און פון הקדש צו הקדש. דאָ קומען פאָר קאַרטינעס און סצענעס פון אידישע אָרעמע לייט. און דערנאָך: פישקע דער קרומער האָט עפּעס נישט אַזאַ שטאַרקען שלום־בית מיט זיין ווייב, וועלכע חבר׳ט זיך אַ ביסעל מיט איין אַנדערען אָרעמאַן, מיט דעם „רויטען ממזר", און ער אַליין, פישקע, דערטאַפּט צווישען חברה אַ האָרבאַטע מעדעל, און ביידע פערליעבען זיך מיט אַ מין פערליעבעניש, וועלכע איז פשוט גאָר נישט צו דערטראָגען, און יעדעס מאָל, ווען פישקע נעמט זיך דערצו, אָבצו׳גט׳ען זיין ווייב, קומט אַלעמאָל אַריין עפּעס אַ שטן אין דער מיטען, ביז טאַקי די האָרבאַטע איז נעלם געוואָרען פון איהם, דורך דעם רויטען ממזר׳ס אַ שפּיצעל, און אונזער פישקע פאָהרט דאָס איצט זי זוכען... און אַזוי ווי ער זיצט אויף דער בויד, פאָהרענדיג קיין גלופּסק, זי זוכען, ענדיגט זיך פלוצ־לינג דאָס בוך.

דאָס איז די מעשה גאָר אין גאַנצען. דאַכט זיך, עפּעס נישט אַזוי שטאַרק פערוויקעלט, און, מי יודע, ווי וואונדערליך אויסגעטראַכט. און אויך די פערליעבעניש איז עפּעס נישט אַזאַ נאַטירליכע זאַך און

אזוי ספּעציעל אידישליך בײַ אידישע אָרעמעלייט אין הקדש, אזוי אַז מען קען מיינען, דאָס דאָזיגע איז נאָר אַ צוטשעפּעניש, בכדי לקיים מצות-עשה פון שרייבען אַ ליעבעניש אויך. נאָר מען מוז זיין אַ מייסטער ווי מענדעלי מוכר-ספרים, אַז דאָס אַלעס זאָל ווערען רעכט. מען מוז קענען שרייבען ווי ער און דערצעהלען ווי ער, אַז דאָס אַלעס זאָל זיך אזוי לעגען גלייך אויפ'ן מוח און זאָל קריעכען גלייך אינ'ם הארץ, ביז מען זאָל אָנהויבען צו מיינען און צו פיהלען, אַז אַלעס איז אזוי נאַטיר-ליך און דאָס אַלעס מוז אזוי זיין.

נאָר אפילו דאָס דאָזיגע קליינע מעשה'לע מיט פישקע דעם קרומען, דאַכט זיך, איז בײַ מענדעלי מוכר ספרים גאָר נישט דער עיקר; דער עיקר איז די גאַנצע סביבה: דאָס לעבען פון אידישע אָרעמעלייט, וועלכע געהען איבער די הייזער שנאָרען — אַ בילד, וועלכעס נעמט אָן בײַ דער נשמה. די שנאָררײַ הערט פּלוצלינג אויף צו זיין אַ שנאָררײַ, און ווערט אַ מלאָכה, אַ מין פּראָפעסיע, אַ געשעפט ווי טויזענד אַנדערע געשעפטען, ווי למשל האַנדלען מיט תבואה אָדער מיט אתרוגים אָדער מיט מאַסקווער ציץ, און די מענשען, וועלכע בעשעפטיגען זיך דערמיט, זענען מענשען ווי טויזענד אַנדערע, ווי למשל די מענשען, וועלכע זענען וואלד-סוחרים אָדער פּערזיכערונגס-אַגענטען אָדער מלמדים אָדער ווינקעל-אַדוואָקאַטען, און צווישען זיי זענען פאַרהאַן גוטע און שלעכטע, און שטעלען גאָר נישט פאָר קיין שום בעזונדערען טיפּ. און אויך זייער עזות און זייער חיטראָסט און זייער גנב'יש לשון זענען זאַכען, וועלכע מיר געפינען בײַ יעדען סוחר. מענשען מיט ווייכע ווײַבערישע נשמות, ווי פישקע און ווי זיין האָרבאַטע מעדעל, זענען, דאַכט זיך, כלל וכלל נישט פאַרהאַן אין אַזאַ חאַליאַסטרע, און מען קען זיך גאָר נישט ערקלעהרען, בנוהג שבעולם, ווי זיי קומען דאָרט אַריין און ווי אזוי עס קענען אַ זעלכע ריינע נפשות דאָרט אויס-האַקסען און זיך דערהאַלטען אין זייער ריינקייט. און די אַלע איבריגע אָרעמעלייט — אוי, ווי עסט זיך אונז צו, צוקוקענדיג זיך צו זייער לעבען! מיר זענען קלאָמפּערשט פון דער היים אויס נאָך געוועהנט אַ ביסעל, רחמנות צו האָבען אויף עלענדע, אָרעמע מענשען, און דאָ זעהען מיר עלענדע אָרעמע מענשען, וואָס מיר טאָרען אויף זיי אפילו רחמנות אויך נישט האָבען. עס זענען לויטער עזות-פּנים'ער, גנבים, הולטייעס, געמיינע יונגען, וואָס מיר זעהען דאָ פאַר אונז, און די גאַנצע קדושה, וועלכע האָט אַ מאָל גערוהט אויף אָרעמקייט און אויף

עלענד, ווערט פערשוואונדען פאר אונז און פליהט אוועק ווי א לייכטער רויך... אונזערע חלומות און אונזער פאעזיע פון א „סאציאלע פראגע" שטארבען אויס, און קברים עפענען זיך פאר אונזערע אויגען — לויטער קברים, לויטער קברים.

זעלבסטפערשטענדליך: מיר ווילען גאר נישט זוכען ביי מענדעלי'ן א „מעשה" מיט אלע פליטערלעך, מיט פערוויקלונגען און מיט עכטע ליעבעס און מיט געטאקטע טיפען, און מיר ווילען גאר נישט פרעגען קיין לאנגע קשיות וועגען קאמפאזיציעס, דען פארדעם האבען מיר דאך עפעס איין עסק מיט מענדעלי'ן, מיט א איד מיט א שפיציגען געלען בערדעל, וואס הויבט שוין אן ביסלעכווייז גרוי צו ווערען. און אזא איד וועט מיך הערען ווי די גרויע קאץ, ווען איך וועל אנהויבען מיט איהם צו שמועסען וועגען דינים און חוקים. „נישט דאס בין איך אויסען" — וועט מיר מענדעלי א מאך טהון. פישקע דער קרומער איז אייגענטליך גאר נישט דער העלד פון דער ערצעהלונג „פישקע דער קרומער", און איהם מיט זיין הארבאטע מיידעל און מיט זיין חאליאס־טרע פטר'ט מען אב אין עטליכע בלעטלעך. איהם נעמט מען ארויף אויף א בויד, וועלבע פאהרט קיין גלופסק, און מען זעצט איהם אוועק צווישען צוויי אידען, צווישען מענדעלי מוכר־ספרים און צווישען אלטער מוכר־ספרים, און לאזט איהם ערצעהלען זיין מעשה'לע, און א סוף, איין עק, — דער עיקר איז דאס שטיק לעבען אינ'ם בוך, די פער־שיעדענע בילדער, די וואונדערליכע קארטינעס, די שענע שטיקלעך, דאס פיהלען פונ'ם אידישען הארצען און דאס דענקען פונ'ם אידישען מוח, וואס דאס דאזיגע בוך איז פול מיט זיי פונ'ם אנפאנג ביז'ן סוף. נישט די קייט איז דא דער עיקר, נאר די איינצעלנע רינגען. באלד דאס ערשטע בלעטעל ווייזט אונז, אז דער, וועלכער ערצעהלט, איז א מייסטער.

א בויד געהט זיך אויף דעם טראקט קיין גלופסק. דאס פערדעל איז גאנץ אידישליך, דאס הייסט הונגעריג און קראנק, מיט קאלטענעס און מיט אבגעריעבענע קניען; דאס אידעל, וועלכער זיצט אין דער בויד, איז אבער גאר נישט פערדיש — עס איז מענדעלי מוכר־ספרים, מיט א בייטש אין דער האנד און אנגעטאן אין טלית און תפלין, און א קאפ האט דאס דאזיגע אידעל, פשוט אויף רעדער. פערשטעהט מען דאך, אז אין מיטען דאוונען דרעמעלט מען א ביסעל איין. די בויד קריעכט דער־וייל אריין אין א קאלוזשע, און פערטשעפעט זיך בינתים אין דעם אקס

פון אַ צווייטער בויד, וועלכע איז אויך גראָד אָנגעקומען. דאָרט אויף דער צווייטער בויד זיצט אויך אַ איד אין טלית און תפלין מיט אַ בייטש.ביידע ווערען אין כעס און חאַפּען זיך איינער צום אַנדערען שלאָגען — אַך, מען דאַרף אָנקוקען די דאָזיגע גבורים, גבורי ישראל, מיט זייער כעס און זייער ווילען שלאָגען! פערשטעהט מען דאָך, אַז מענדעלי דערקענט באַלד דעם צווייטען, אַז דאָס איז נאָר ר׳ אַלטער יקנה״ז, אויך אַ מוכר־ספרים ווי ער, און ר׳ אַלטער דערקענט ר׳ מענדעלי׳ן, און איך פערשטעה, ביידע וואָלטען מסתמא אַרויפּפאַלען, איינער אויפ׳ן צווייטען, קושען זיך, ווען נישט די של־ראש׳ן וואָלטען שטערען. און דאָ הויבט זיך אָן די מעשה מיט די בוידען; ווי שלעפּט מען זיי אַרויס פון דער קאַלוזשע? מילא, פערשטעהט מען דאָך, אַז אידענ׳ס כח איז נישט צו אַזאַ אַרבייט. דאָ קומען גראָד אונטערגעפאָהרען גוים, פּראָסטע פּויערים, די ידים ידי עשו מאַכען שוין אַלעס רעכט, זיי שלעפּען אַרויס די בוידען, און לאַכען אפילו אָב אַ ביסעל פון די „פּראָקליאַטיע זשידי" מיט זייערע תפלין, נאָר „משטיינס־געזאָגט, פאַר ווען מען האָט זיך דאָ צו שעמען" — און די בוידען פאָהרען זיך זייער וועג.

און נאָך דער דאָזיגער הערליכער קאַרטינע, קומט אַ צווייטע: צוויי אידען, מענדעלי און אַלטער, וועלכע רעדען מיט זייער לשון, זייער דרך, זייער עהרליכקייט, זייער גנבה, און איינער גיט אַ „טאַפּ אין וואָגען" ביים צווייטען, צו דערגעהן, ווי דער מסחר זעהט־אויס ביי איהם — אָ, ווי כאַראַקטעריסטיש איז יעדעס וואָרט און ווי נאַטירליך יעדע בעוועגונג! מיר דאַכט, איך האָב ערשט נעכטען געזעהען דעם דאָזיגען מענדעלי דורכפאָהרענדיג אויף דער פראַנציסקאַנער־גאַס, און איך קען שווערען, אַז היינט נאָכמיטאָג וועל איך זעהען אויך אַלטער׳ן, דאָרט אונטען אויף דער גרזיבאָווסקא־גאַס, בשעת ער וועט געהען קויפען סמאָלע צו שמירען די רעדער, און וועט זיך איילען אום נישט עובר מנחה צו זיין, און וועט אַרייב טהון די הענד אָן דער וואַנד און וועט זיך אַוועקשטעלען נעבען וואָגען דאַוונען...

און דאַן אַנדערע סצענעס: ר׳ אַלטער ליעגט אויפ׳ן וואָגען ראַקום, „רויט ווי אַ צוויק" און שוויצט. „שוויצען איז אַ אידישע זאַך". די זון ברענט, און דאָ פאָהרט מען דורך פעלדער מיט תבואות, און עס שמעקט און מען הערט שפּיעל־פייגעלעך זינגען. ר׳ מענדעלי אין בלויסען טלית־קטן, ליעגט פערטראַכט — און דאָ הויבען זיך אָן נאַטור־שילדערונגען, פעלד־פּאָעזיע און וואַלד־פּאָעזיע, ווי נאָר אַ געניאַלטינגער

פּאָעט קען זיי שרייבּען. עס שמעקט און עס זינגט אַרויס פון יעדער שורה און עס „קיצעלט בּיי דער נשמה״ און מיר ווייסען נישט, וואָ דער כּישוף שטעקט. ר׳ מענדעלי זיצט אין דער בּויד, און כּדי ער זאָל מסיח דעת זיין פון זיין הונגער, קוקט ער זיך־צו צו גאָט׳ס שען וועל־טעל... „דער הימעל איז בּלוי, לויטער אָהן אַ פּיצעל וואָלקען. די זון בּראָט, סמאַלעט, עס ווייהעט נישט קיין ווינטעלע, מען פיהלט נישט קיין ליפטעלע. די תּבואָה אויף די פּעלדער, די בּיימער אין די וועל־דער שטעהען שטיל, ווי צוגעקאָוועט, קיין שאָקעל אפילו זיך נישט צו טהון. קיה אויף דער פּאַשע ליגען מיד, אויסגעשטרעקט די העלזער, שאָקלען צו־ווילען די אויערען, קייען און מעלה־גרה׳ן, אַנדערע גראָ־בּען אונטער זיך די ערד מיט זייערע הערנער, שאַרען מיט די קאָפּע־טעס און רעווען, שרייען פאַר גרוים היץ. דער בּוהיי פּערדרייסט דעם עק, לויפט גאַלאָפּ, וואַרפענדיג דעם קאָפּ אין אַלע זייטען, שטעלט פּלוצלינג זיך אַנידער, אָנגעבּויגען דעם שטערען האַרט צו דער ערד, שמעקט, פּאָכט מיט די נאָזלעכער, לאָזט אַרויס אַ בּרומען, סאָפּעט און דריגעט מיט די פיס. נעבּען איין אַלטער, אויסגעקרימטער און האַלבּ־פּערדאַר־טער ווערבּע, איבּערגעשפּאָלטען פון דער העלפט אַ מאָל פון אַ דונער, שטעהען פערד, איינער אויפ׳ן אַנדערען פּערלעגט די קעפּ, צו מאַכען חאָטש עפּעס אַ שאָטען, און שמייסען מיט די ווילדען, פּטור צו ווערען, ווי ס׳איז, פון די בּייזע פליעגען. — אויף אַ צווייגעל אין דער הויך וויעגט זיך אַ סאָראָקע, אויסזעהענדיג פון דער ווייטענס ווי אָנגעטהון אַ ווייס טלית׳ל, מיט פּאַסען תּכלת פּאָרענט, און דאַווענט שאָקלענדיג זיך, זי בּוקט זיך, פּאַלט תּחנון מיט׳ן קעפּעל, שפּרינגט אַ בּיסעל אונטער, אַ קליין קראַקעלע געבּענדיג אַ פּאָר מאָל, בּלייבּט דערנאָך ווייטער שטעהען אָהן לשון, שטרעקט אויס דאָס העלזעל און קוקט, גלאַט אַזוי, אין דער וועלט אַריין, מיט פערשלאָפענע איינגעלעך. אויף דעם גאַנצען וועג איז שאַ־שטיל, מען זאָל דאָס הערען ערגעץ אַ שאָרך, אַ פּיפּס, מען זאָל דאָס זעהען פליהענדיג ערגעץ אַ פויגעל, נאָר קאָמאַרען, מיקען טראָגען, ווי די רוחות, זיך אין דער לופט אַרום, פליהען טאַנ־צענדיג פאַרבּיי די אויערען, טהוען אַ גרילץ, אַ זשוזשע, אַיינרוימענדיג עפּעס אַ סוד, און בּאַלד טאַקי מאַרש ווייטער; נאָר צווישען היי, צווישען תּבואות דאָרט שמוצערען די גרילען, זומזען, צימבּעלען, און געהען מיט די טאַצען... ס׳איז היים, ס׳איז שטיל, וואונדערליך שעהן. שאַ! גאָט׳ס בּעשעפעניש רוהען״... פיעל אַ זעלבּע קאַפּיטלען קען איך נישט

אין דער וועלט=ליטעראַטור, און די דאָזיגע עפּישע ברייטקייט, וועלכע פערגעסט נישט קיין שום פּרט און קיין שום קליינינקייט, אפשר וועלעי מיר איהר גלייכען געפינען נאָר ביי די אַלטע דיכטער.

און דאַן מנחה=צייט. „אַ געשמאַק ווינטעלע הויבט=אָן צו בלאָזען און אויפ׳ן הימעל ווייזען זיך שטיקלעך וואָלקען, אויף וועלכע מען האָט, ווי אויף טייערע געסט, שוין אַ לאַנגע צייט אַרויסגעקוקט. די ביימער הויבען פּאַמעליך אָן זיך צו שאָקלען, איינער צום אַנדערען איינגעבויגען דעם קאָפּ, און פיהרען צווישען זיך אַ שמועס אויף זייער לשון, נאָכדעם אַז זיי האָבען אַזוי לאַנג געשוויגען שטיל. דאָס ווינטעלע האָט אויפגע=וועקט די שלאָפעדיגע תבואה, אַלע זאַנגען חאַפּען זיך, ווי יונגע קינדער, אויף מיט אַ קול און צעקושען זיך גאָר פריינדליך. גאָטס בעשעפעניש ריהרט זיך אומעטום: אויפ׳ן פעלד, אין וואַלד און אין דער לופט. איינס נאָך דאָס אַנדערע טרעטען שפּיעלפייגעלעך אַרויס, אויף צווייגלעך, ביימלעך, נידריג און גאַנץ הויך, פּוצען זיך די פעדערלעך, אַ וויש מיט דעם שנעבעלע, אַ טרעסע, אַ שאָקעל, און הויבען=אָן די זיסע זמירות, צו זינגען, צו שווישטשען. באַבעטשקעס רייך געקליידט אין אַטלעס, סאַמעט, מאָרע=אַנטיק מיט טייערע ציהרונג, חאַפּען אַ טענצעל, שוועבענ=דיג אין דער לופט, הויבען זיך, דרעהען זיך און מאַכען חן. צוויי בושלעס, גוואַרדייצעס, מיט לאַנגע, רויטע פיס שטעהען אויפ׳ן גראָז, פאַרדייסענדיג די קעפּ אין דער הויך און קוקען מיט גדלות. עפּעס אַ קונדעס, אַ פייגעל, שטיפט, פליהט פון איין בוים צום אַנדערען, מאַכט „קוקו, קוקו!״ ווי ער שפּיעלט זיך אין באַהעלטעניש. איהם ענטפערט אָב פון צווישען ווייץ און קאָרן איין אַנדער מין פייגעל עפּעס. „פּיק=בער=וויק, פּיק=בער=וויק!״ ווי גערעדט: אייביג וועסט דו מיך דאָ נישט חאַפּען, חאָטש שיט מיר אָן זאַלץ אויפ׳ן עק, פּאַקט זיך, ר׳ קרוב, ווייטער און אַוועק, אַוועק!... נישט ווייט זיין אַ וועלדערלע קנאַקט דער סאָלאָוויי, צולאָזט זיך אויף זיין העלזועלע, מאַכט זיסע שטיינער און שפּיעלט גאָר מחיה. איטליכער, וואָס קען נאָר עפּנען אַ מויל, האַלט דעם וועלט=בעריהמטען חזן אונטער. זשאַבעס אפילו פון די טייכלעך ערגעץ טערעלייקען, אַפילו פליגען, ביענען האָבען נישט געשוויגען, און דער זשוק, דער שוועגע, דער אָנחאַפּער, האָט פליהענ=דיג אויך געזשוזשעט. דאָס איז געווען אַזאַ קאָנצערט, וועלכען מען האָט געמעגט אויף בילעטען געהען הערען... די גאַנצע וועלט איז עפּעס ווי לעבעדיג געוואָרען און בעקומען אַ פרעהליך פּנים. אַ פריוד,

אַ פערגעניגען צו הערען, צו זעהען, צו שמעקען די זיסע ריחות פון אַלע זייטען. — ר' אַלטער, ס'איז גוט! ר' אַלטער, ס'איז שעהן! עס ציהט עפּעס בײַ דער נשמה, עס רעדט עפּעס צום הארצען: גאָטס וועלטעל איז שעהן, גאָטס וועלטעל לעבט! עס ציהט און גלוסט זיך אַריינוואַרפען זיך עפּעס אַהין, אַהין, מיט הענד און מיט פיס..."

און דאַן די וואונדערליכע סצענעס אין וואַלד און אין דער קרעטש־מע. דאָס לייכטע שכּרות מענדעלי'ס, ממש אויף אַזוי פיעל ווי אַ איד קען שכּור זיין. זיין אַריינקומען צום וואַלד־שרייבער. די אַכסניא און די לבנה־פּאָעזיע, דער מלמד און די בעל־הבית'טע, דער בעל־הבית, וועלכער איז אַ שטיקעל שמענדריק, און דאָס פערהערען דעם אינגעל — עס זענען לויטער סצענעס פון אַ מייסטער געשריעבען. און אַזוי פער־ציהען זיך די סצענעס ביז'ן סוף בוך, ביז מען נעמט אַרויף אויף די ביידלעך אויך פּישקע דעם קרומען, וועלכען מען טרעפט אים וואַלד, און מען זעצט איהם אַוועק, איינמאָל אויף אַלטער'ס בויד און איינמאָל אויף מענדעלי'ס בויד, און מען לאָזט איהם זיין מעשה'לע ערצעהלען. און אַזוי געהט עס ווייטער ביז מען קומט קיין גלופּסק, און אַזוי ענדיגט זיך דאָס בוך.

אין דעם דאָזיגען בוך האָבען מיר אַלזאָ נישט צו זוכען איין מעשה, נאָר אַ סך מעשה'לעך, אַ סך עפּיזאָדען, שטיקלעך סצענעס און קאַרטינעס. מענדעלי מוכר־ספרים איז נישט קיין מ ע ש ה־דערצעהלער — ער איז אָבער אַ מייסטער, ווי ער האָט צו זיך נישט קיין צווייטען, וועלכער צייכענט אונז אַלעס, וואָס אַ מענשען־אויג קען זעהען, און אַלעס, וואָס אַ מענשען־אויער קען הערען. אָבער דאָס, וואָס ער צײַ־כענט אונז, דאָס איז קולטור־היסטאָריע פון אַ גאַנץ פאָלק אין אַ געוויסען אָרט און אין אַ געוויסער צייט, צוזאַמען מיט טיפען־צייכנונגען אין אַלע זייערע איינצעלנהייטען. אָבער אויך די אַרט פון זיין פאָרטראַג איז איינציג; ער פערשטעהט שעהן און אַנגענעהם און מיט דער גאַנצער ביטערקייט פון אַ ליידענדע נשמה צו שרייבען. און אויס דעם גאַנצען שרייבען, עס מעג זיין נאָך אַזוי סאַטיריש און נאָך אַזוי וויציג, קלאָגט אָבער אַרויס דער טרויריגער ניגון, וועלכער זינגט זיך איהם אין הארצען, איבער דעם עלענד און די פירכטערליכע טראַגעדיע פון זיין פאָלק. מענדעלי זאָגט פון זיך אין דער הקדמה צו דער דאָזיגער ער־צעהלונג: „מיר חלומ'ט זיך נאָר בעטלערס וכו' וואָהין איך זאָל מיך

נישט קעהרען און ווענדען, זעה איך פאַר מיר די טאָרבע וכו׳ אוי, אַלץ די טאָרבע, די אידישע טאָרבע!״...

אין דער דאָזיגער ערצעהלונג, אין דער לעצטער בעאַרבייטונג, האָט אונז מענדעלי מוכר־ספרים צום ערשטען מאָל געוויזען, ווי ווייט זיין קראַפט גרייכט אַלס מאָלער און צייכנער און דיכטער, בשעת ער קומט אונז דערצעהלען דאָס אומגליק פון זיין פאָלק. דער שרעקליכער דלות פון אַ גאַנצער אומה פייפט אונז אַ קעגען פון יעדען ווינקעלע -- איין אומה, וועלכע טרינקט זיך און זינקט זיך אין א ים פון צרות, די צרות פון קבצנות, און דער דיכטער רייסט פון איהר פאַסעס פלייש לעבעדיגערהייד דורך זיין ביטערסטען שפּאָט, און דערביי צייכענט ער אונז, אַלס צולאָג, נאַטור־שענהייטען מיט אַ קונסט, וואָס האָט נישט איהר גלייכען. אָבער אין דער דאָזיגער ערצעהלונג האָבען מיר נאָך אַ סך אַלעגאָריעס און אָנשפּילונגען; דאָס ווערטעל „נישט דאָס בין איך אויסען״ שפּיעלט נאָך אַ גרויסע ראָלע; די טיפּען פון די מענשען זענען נאָך אַ ביסעל שוועבענדיג און פליהענדיג אין די לופטען און זענען נישט גענוג פעסט און בולט; מעהר פעסטע און מעהר בולט׳ע טיפּען האָט ער זיך געלאָזען פאַר שפּעטער.

שוין אין „מסעות בנימין השלישי״ זענען די געשטאַלטען מעהר פונ׳ם רעאַלען לעבען, אָבוואָהל דער אינהאַלט אַליין איז מעהר פאַנטאַסטיש. דער מדת הדין איז אָבער אין דער דאָזיגער ערצעהלונג פיעל גרעסער פון דעם מדת הרחמים; דער סאַטירישער שפּאָט איז דאָרט אומדערבאַרמליך און אָהן אַ גרעניץ. דאָס ווייכע און דאָס האַרציגע איז כמעט אינגאַנצען פערשוואונדען, און די בייטש שלאָגט אויף רעכטס און אויף לינקס...

דאָס שטעדטעל איז טונעיאַדאָווקע — ווידער אַ גאָט־פערלאָזען נעסט, וואָס קומט מיט דער וועלט אין דרויסען כמעט נישט אין בעריהרונג. קומט אַ מאָל אַ פרעמדער דאָרט אַהין, קוקט מען אויף איהם פון אַלע פענסטער אַרויס, ווי אויף אַ חידוש. דער גרעסטער טייל פון איהרע אַיינוואוינער זענען גרויסע אביונים, שרעקליכע קבצנים, רחמנא־ליצלן; דאָס גאַנצע גליק איז, וואָס זיי זענען משונה׳דיגע בעלי בטחון. פרעגסט דו אַ טונעיאַדאָווקער: רב איד, מיט וואָס אייגענטליך דערנעהרט איהר זיך און וואָס איז אַייער פרנסה. -- וועט ער שטעהן אַ פערדרעהטער און וועט דיר נישט וויסען, וואָס צו ענטפערן. און נאָר נאָכדעם ווי ער וועט זיך אַ ביסעל בערוהיגען, וועט ער דיר שטאַמעלדיג

ענטפערן כהאי לישנא: — דערנעהרען? מיט וואס איך דערנעהר מיך למשל? הבל הבלים! עס איז דאָ אַ גאָט, זאָג איך אייך, למשל, וועלכער זיצט און שפּייזט אַלע זיינע בעשעפעניש, און אין זיין גרויס גוטסקייט האָט אונז עסען נישט געפעהלט און וועט אונז קיינמאָל נישט פעהלען, זאָג איך אייך למשל. „פאָרט אָבער, וואָס איז אייער געשעפט? וועלכע אומנות אָדער וועלכע פּרנסה האָט איהר?“ — געלויבט און געבענשט זאָל זיין זיין הייליגער נאָמען. אַזוי ווי איהר זעהט מיך אַ לעבעדיגען פאַר אייך, למשל, האָט מיר השם־יתברך געגעבען אַ טייערע מתנה: איך האָב אַ שעהנעם קול נגינה און קען דאַוונען פאַר׳ן עמוד, דאַווען איך מוספים אין די ימים נוראים אין אַ שטעדטעל אין דער דאָזיגער סביבה. איך בין אַ קונציגער מוהל און אַ מצה־רעדלער, איינס אין דער וועלט, און טיילמאָלס שדכ׳ן איך שידוכים, שדכ׳ן איך. איך האָב אויך אויף עולמית — ווי איהר זעהט מיך, למשל, פאַר אייך אַ לעבעדיגען — אַ שטאָדט אין שוהל. אגב האָב איך בײַ מיר אין דער היים — בלייבען זאָל עס צווישען אונז בסוד — אַ ביסעל משקה למשל, אַ טאָפּ בראָנפען צו פערקויפען, פון וועלכען איך האָב אַ ביסעל שפע, און אויך אַ ציעג האָב איך אַ מעלקעדיגע, עס זאָל איהר קיין בייז אויג נישט שאַדטען. איך האָב אויך אַ שטיקעל קרוב, אַ נגיד, וועלכער העלפט מיר אַ מאָל, ווען עס איז ענג, מיט גוטען אָדער מיט בייזען. חוץ דעם זאָג איך אייך למשל, דער בורא יתברך שמו איז איין אב הרחמים און ישראל זענען רחמנים בני רחמנים, זאָג איך אייך למשל, און וואָס זאָל זיך אַ לעבעדיגער מענש בעקלאָגען?...

דער איד, ווען ער עסט דאָרט, עסט ער העכסטענס אַ שטיקעל שוואַרץ־ברויט און אַ קרופּניק; דאָס איז שוין דער פיינסטער מאכל. ווער שמועסט, ווען איינער האָט די זכיה און האָט גאָר אַ שטיקעל ווייסע חלה מיט אַ ראָסעלפלייש אין פרייטאָג; דאָס אַ ודאי ובודאי שוין אַ מאכל־מלכים, וואָס ס׳איז נישט דאָ קיין בעסערס. און ווען דו דערצעהלסט זיי, למשל, וועגען לאַקאָמסטוועס און עסענוואַרג, וואָס עס גיט אויף דער וועלט אַ חוץ פיש און יויך און טאָפּגעבראָטענס און צימעס, קומט עס אוים בײַ זיי אַזוי משונה־ווילד, אַז מען הויבט אָן אָבצולאַכען און חוזק צו מאַכען פון דיר, ווייל דו גלויבסט אַזוי לייכט אין אַלע שטותים און ווייל דיינעטהאַלבען איז אפילו רעכט, אַז אַ קוה זאָל זיין געפלויגען איבער׳ן דאַך און זאָל האָבען געלעגט איין איי!... און אַ מאָל האָט זיך געמאַכט, אַז עפּעס אַ איד האָט געבראַכט אין שטעדטעל

ארײַן אַ טײַטעל, איז דאָס גאַנצע שטעדטעל געלאָפען אויף חידושים, צו זעהען דעם דאָזיגען וואונדער. מען האָט גענומען אַ חומש און מען האָט מיט'ן פינגער אָנגעוויזען, אַז דער טײַטעל, דער דאָזיגער טײַטעל, שטעהט דערמאָנט בפירוש אין דער תורה! אַ קלײניגקײַט — די דאָזיגע פרי, דער טײַטעל איז פון ארץ־ישראל!... מען האָט איהם אָנגעהויבען צו בעקוקען — און ארץ־ישראל איז אַרויפגעשוואומען פראָסט פאַר זײערע אויגען: אָט געהען זײ אַריבער איבער'ן ירדן! אָט איז די מערת המכפלה! אָט איז דער מוטער רחל'ס קבר! אָט איז דער כותל מערבי! אָט קאָכען זײ זיך אָב אײער אין די הײסע חמי טבריא! און אָט בעשטײגען זײ דעם הר הזיתים, עסען באָקסער און טײַטלען אָהן אַ שיעור, און שיטען זיך אָן פולע זעקלעך ארץ־ישראל־ערד! אוי, אוי, האָבען זײ אָנגעהויבען קרעכצען און אין די אויגען האָבען זיך געשטעלט בײ זײ די טרעהרען...

אין יענער צײַט האָט דאָס גאַנצע שטעדטעל אַרומגעחאַפּט אַ מין ווילדע, משונה'דיגע תאוה קײן ארץ־ישראל, און זײ האָבען טאָג און נאַכט גערעדט נאָר פון משיח'ס קומען און האָבען טאָג און נאַכט געזעהען סימנים, אַז די גאולה געהט — און גאַנץ בעזונדערס האָט די דאָזיגע תאוה ארומגענומען בנימינ'ען, אַ יונגען מאַן פון טונעיאַדאָווקע, וועלכער האָט געהאַט זײַן פאַנטאַזיע צעהיצט מיט דעם אָנלײענען זיך ספרים ווי דער „צל עולם", „אלדד הדני", „מסעות בנימין מטודילה", „שבחי ירושלים" און נאָך אַ זעלכע. און דער דאָזיגער יונגער מאַן האָט זיך בעשלאָסען צו מאַכען אַ רײזע אַרום די וועלט, אַזש ביז'ן סמבטיון און די רויטע אידעלעך און ארץ ישראל און די בני משה און די עשרת השבטים און אַלכּסנדר מוקדון... תרגום־לשון קען ער דאָך — און וואָס בעדאַרף ער מעהר. אײ עסען? וועט ער געהן איבער די הײזער...

נאַטירליך, גלויבט דער איד פון טונעיאַדאָווקע, אַז טונעיאַדאָווקע איז די גאַנצע וועלט, און אַז אונטער דער שטאָדט, דאָרט איז שוין עק וועלט. דאָרט הויבען זיך שוין אָן די מדבריות און די סמבטיונ'ס מיט די שלאַנגען און עקדעסען און פיפערנאָטערס מיט די אויפגעריסענע משונה'דיגע פיסקער און מיט אַלע חידושים און נפלאות, וואָס שטעהען בעשריבען אין יענע הײליגע ספרים. אונזער בנימין השלישי האָט זיך מיטגענומען דעם גאַנצען פּאָראַט, וועלכען מען האָט נויטיג צו אַזאַ נסיעה, נישט כּלי־זין און נישט מאַשינדלעך מיט אינסטרומענטען, נאָר

טלית ותפלין מיט'ן רייזע־זעקעל, מיט'ן סידור „דרך החיים" און א „חק'על" און א „תהלים'על", און האָט אָנגערעדט א צווייטען יונגען מאַן, זיין חבר סענדערעל, וועלכען מען האָט גערופען „סענדערעל די אידענע", צו מאַכען מיט איהם צוזאַמען די נסיעה, און אַזוי האָבען זיך ביידע אַרויסגע'גנב'עט שטילערהייד פון דער שטאָדט און זענען אַרוים אין די וועלט אַריין... אמת, פון נאַטור איז אונזער בנימין, דער וועלט־רייזענדער, געוועזען א משונה'דיגער בעל־פחדן. ער האָט מורא געהאַט אַרויסצוגעהן איינער אַליין ביי נאַכט אין גאַס אַריין, און שלאָפען איי־נער אַליין ביי נאַכט אין א צימער וואָלט ער נישט פאַר קיין שום הון דעלמא. אַרויסגעהען א טריט אונטער די שטאָדט איז פאַר איהם שוין געוועזען בחזקת סכנה; ווער וויים, וואָס דאָרט קען זיך טרעפען חס־ושלום. פאַר א הינטעל, מעג עס זיין געוועזען נאָך אַזוי קליין, האָט ער מורא געהאַט אימת מות — אָבער זעלבסטפערשטענדליך איז אַזאַ משונה'דיגע בריה גראָד דער ריכטיגער, אום צו מאַכען א רייזע אַרום דעם ערד־קוגעל...

נאַטירליך: דערגעהענדיג ביז צום ערשטען דאָרף, האָבען זיי געמיינט, אַז זיי זענען שוין פון יענער זייט וועלט; דערזעהענדיג דאָס ערשטע פרעמדע שטעדטעל, האָבען זיי גערעכענט, אַז דאָס איז שוין דאָס בעריהמטע סטאַמבול; אָנקוקענדיג די גנילעפּיאַטקע אין גלופּסק, איז ביי זיי געוועזען פעסט, אַז דאָס איז דער סמבטיון אָדער דער אוקינוס מיט אַלע זיינע משונה'דיגע וואונדער; די לאָדקע, וועלכע שווימט אַרום אויפ'ן וואַסער, איז געוועזען ביי זיי א מין געוואַלטיגע שיף, און דער פיהרער פון דער לאָדקע — א מין קאַפּיטאַן, וועלכען זיי האָבען אויס־געפרעגט אויף האַלב תרגום־לשון וועגען אַלע חיות און עופות און וואונדערליכע בעשעפעניש, וואָס זענען פאַרהאַן אינ'ם דאָזיגען פירכ־טערליכען ים. און אַזוי זענען אונזערע לייט אַרומגעפאָהרען און געמאַכט זייער נסיעה אַרום די וועלט, גלויבענדיג, אַז משיח'ס צייטען זענען שוין געקומען...

די סאַטירע איז שטאַרק און בייסענדיג, אָפט אפשר שוין גאָר צו בייסענדיג. די גאַנצע פוסטקייט פונ'ם אידישען לעבען אינ'ם קליינעם שטעדטעל קומט אונז אומדערבאַרעמדיג צום בעוואוסטזיין: דאָס גרויסע עלענד, וועלכעס ציעהט דעם מענשען אַוועק דאָס לעצטע ביסעל רע־אַלען באָדען פון אונטער די פיס און לאָזט איהם נישט מעהר איבער ווי נאָר דאָס פוסטע פאַנטאַזיע־לעבען, נאָר הוריות און חלומות. און

נישט נאָר איינער — ניין, אַ גאַנץ פאָלק איז פער׳משפּט צו לעבען אַזאַ לעבען פון לויטער פאַנטאַזיעס און הוריות און חלומות. עס געהט אַ שוידער אַריבער איבער די ביינער. און דערביי איז דאָס בוך פול מיט די הערליכסטע נאַטור־שילדערונגען און מיט די מייסטערהאַפטעסטע בעשרייבונג פון אידישע טיפען און אידיש לעבען, פון׳ם ערשטען בלע־טעל ביז צום לעצטען.

מיר פערלאָזען אָבער דאָס דאָזיגע בוך און קומען צו דער גרעס־טער קאַנווע, וועלכע מענדעלי מוכר־ספרים האָט אונז אויסגעשטיקט: צום „ווינשפינגערל“. די דאָזיגע ערצעהלונג איז די איינציגע אין אונזער ליטעראַטור, וועלכע האָט געפּרובט אונז געבען אַ פאָלשטענדיג און אומפאַסענד בילד פון אונזער גאַנצען גלות־לעבען מיט אַלע אונזערע מענשען, גרויסע און קליינע, יונגע און אַלטע, מענער און פרויען און סוחרים און קרעמער און לומדים און דאָס גאַנצע כּלי־קודש און אַלעס, וואָס מיר פערמאָגען אין אונזערער אידישער גאַס. אין דער דאָזיגער ערצעהלונג האָבען מיר שוין רעאַלע טיפען, ממש פון טעגליכען לעבען, און עס איז דאָרט קיין איינציגער טיפּ נישט פאַרהאַן, פון וועלכען מיר זאָלען זיין גלייכען נישט האָבען געזעהען אין אונזער געסעל געכטען אָדער אייערנעכטען. אויב אין „פישקע דער קרומער“ האָט מענדעלי מוכר־ספרים נאָר געמאַכט דעם אָנהויב: געמאָלט דעם איד פון דער טאָרבע, וועלכער האָט אין זיין לעבען קיין אַנדער אידעאַל נישט, ווי נאָר דאָס שטיקעל ברויט, האָט ער אונז אים „ווינשפינגערל“ שוין געוויזען דעם איד אויך אויף דער העכערער מדרגה: דעם איד מיט זיין גאַנצען רוחניות און מיט זיין גאַנצען נשמה־לעבען. די דאָזיגע ערצעהלונג איז דער גאַנצער כּולל, וועלכען מענדעלי מוכר־ספרים האָט אונז געגעבען. אַט די דאָזיגע ערצעהלונג האָב איך געהאַט אין זינען, ווען איך האָב אויבען געזאָגט, אַז ווען אַ מבול זאָל אַוועקווישען פון דער ערד דעם גאַנצען בעשטאַנד און בלייבען זאָל אונז נאָר דאָס דאָזיגע איינציגע בוך, וועלען מיר גאַנץ גוט לויט איהם זיך קענען צוריק אויפשטעלען דאָס גאַנצע אַלגעמיין־בילד פון׳ם אידען און פון אידישקייט אין רוסלאַנד אין קליינעם שטעדטעל אין דער ערשטער העלפט פון׳ם פאָריגען יאָהרהונדערט. די פאָרם, וועלכע אַבראַמאָוויטש האָט זיך אויסגעוועהלט אין דער דאָזיגער ערצעהלונג, איז די איינפאַכ־סטע: די פאָרם פון אַ ביאָגראַפיע פון אַ איד, פון הערשעלע, זייט זיין געבורט — און אין אַ געוויסער הינזיכט, נאָך איידער ער איז געבוירען

געוואָרען — ביז ער ווערט אַ פּאַרטיגער מענש. איין אַרט „דוד קאָפּערפעלד“. און ביי'ם מאָלען דאָס לעבען פון'ם דאָזיגען אידישען קינד, מאָלט ער אונז דרך-אַגב אויך די גאַנצע אומגעבונג און די שטאָדט און די מענשען און זייערע געשעפטען און זייער פיהלען און טראַכטען, און אויך אַלע כלל-געשעהענישען, וועלכע פלעגען פאָרקומען ביי אידען אין דער דאָזיגער צייט; נישט פאַרהאַן קיין איינציגע זאַך, וועלכע איז דאָרט נישט געמאָלט. און וואָס דעם אופן פון שרייבען בעטרעפט — האָט די דיכטערישע קראַפט דאָ איהרע וואונדער געוויזען נאָך מעהר ווי אין די פריהערע ווערק.

דער אָרט פון דער מעשה איז קאַבצאַנסק. וואָס מען וויל, מעג מען אויף קאַבצאַנסקער אידען זאָגען: זיי זענען עפּעס נישט אַ זעלכע גרויסע בריות, טהוען אין דער וועלט נישט-אויף עפּעס אַ זעלכע גרויסע חכמות, משטיינס-געזאָגט, זייער לעבען, שטערבען-אָב די וועלט עט. אַזוי, מיט גאָרנישט, און קומען אָב מיט שהי-פהי — דאָס און נאָך אַ זעלכעס מעג מען זאָגען. נאָר אין דעם ענין פון פרובפערען און מעהרען זיך, קען מען צו זיי חלילה נאָר נישט האָבען. זיי זענען דרינען געוואָהרענט, נישט ערגער פון אַלע אנדערע אידען. שונאים אפילו קענען נישט לייקענען, אַז איטליכער קאַבצאַנסקער איד איז אַ מטופל, אָהן עין-הרע, מיט אַ סך קינדערלעך. ווען דאָס קינד ווערט געבאָרען, פאַלט זיינע עלטערען נישט איין, צו טראַכטען אפילו אַ ווייַלע, צו וואָס האָבען אַ זעלכע קבצנים ווי זיי אַראָבגעבראַכט אויף דער וועלט אַ לעבעדיג בעשעפעניש, אויף צרות נאָר פאַר זיך און אויך פאַר איהם. די מאַמע האָט געטהאָן איהר זאַך, איהם געטראָגען און געהאַט, פשוט, אָהן חכמות. אויף דערויף איז זי דאָך אַ אידענע, זי זאָל קינדערען. אפילו אַ הוהן, להבדיל, טהוט דאָך, וואָס גאָט האָט געבאָטען: לעגט זיך, קוואָקעט, נישט צו פרעגען קיין קשיות. דעם טאַטען ווידער האָט עס אויך נישט אַזוי שטאַרק אויסגעמאַכט. מילא, איז דאָ נאָך אַ נפש. אי וואָס, ער איז אַ קבצן, און נאָך אַ צוגעקומען מויל בעדאַרף דאָך פּיקען? נישמעהר, גאָר נישט, לאָז קהל זאָרגען. וואַרטען אויף דרך-ארץ, ביז מען וועט פאַר אַ אידישער נשמה אָנגרייטען דאָ פריהער אַלסדינג, וואָס נייטיג איז צום לעבען, און דערנאָך ערשט זי אַבאַבטען אַהער צום גרייטען — דאָס קען אַ איד נישט. אַ איד, אַז ער וועט זיך נישט שטופּען מיט געוואַלט, וועט ער מעגען אייביג טאַקי דאָרט וואַרטען. עפּעס נישט אַזאַ מציאה, די וועלט זאָל אָהן איהם, חלילה,

זיך נישט קענען בעגעהן. האָט ער זיך אָבער שוין דורכגעשטופט און איז שוין דאָ מיט ביידע פיס, שטופּט ער זיך מיט גאַנס כח ווייטער, ווייטער. ער שטופּט זיך, קוועטשט זיך מיט אַלע קרעפטען, פּאָרענט־אַרום, הינטען־אַרום, אַלץ איינס, דורך טהיר אָדער דורך פענסטער, שטופּט אַזוי אָב דאָס גאַנצע לעבען און גאָרנישט. בקיצור: — איז צו־געקומען אַ נײַ בעשעפעניש, וועט די וועלט פּאַר איהם שוין זאָרגען. אמת, די קאַבּצאַנסקער בעלי־בתּים זענען גרויסע אביונים, האָבען נישט, איהר זאָלט זאָגען, אַ צעבראָכענעם גראָשען בײַ דער נשמה. און קאַבּצאַנסק אַליין איז פּאַר זיי נישט דאָ קיין שום פּרנסה, סיידען איינער צום אַנדערען מיט אַ טאָרבע אין די הייזער אַרומצוגעהען. זאָל פּרובּען איינער מאַכען עפּעס אַ געשעפטעל, באַלד טאַקי טהוט איהם דער איבּריגער עולם נאָך, איינער ביים אַנדערען דעם ביסען פון'ם מויל אַרויסצונעהמען — מיר נישט, דיר נישט. די גאַנצע יניקה זייערע איז פון דער פּרעמד. קאַבּצאַנסק שיקט קיין גלופּסק געוועהנטליך אַרויס אַלערלײַ סאָרטען סחורות: מלמדים, בעהעלפערס, מעקלערס, בטלנים, צוגעלעגערטע, אויך פריש־צאַפּעלדיגע איידעמלעך אַ זעלבע, ערשט אַראָב פון קעסט, אידען אַזוינע און אַזוינע, וועלכע דאָס האַרץ נאָר גלוסט: מיט כתבים, מיט מיחושין, זיידענע, גילדענאָדערדיגע, בעלי־תפלות, שופר־בלאָזערס, אידענעס כל המינים: זאָגערנס, וויינערנס, שפּרעכערנס, אויסגעקינדערלטע, ווייבער מיט אייער, מיט פּסח'דיג געגזיג־שמאַלץ, פּעדערן־פליקערנס, נאָך אין רעכטען קינדלען. היינט אַ מיש־מאַש בחורים, דיענסט־מיידלעך, מיידען מיט צוגעדעקטע קעפּ, ווייבלעך אַזוינע און אַמען אַזוינע, אָהן אַ שיעור. די דאָזיגע לעבעדיגע סחורה גילט אין גלופּסק משונה שטאַרק, האָט דאָרט אַ גרויסען אָבּ־גאַנג, און קאַבּצאַנסק פון איהר זייט, וואָס אַרבייט געשמאַק לטובת הכלל, פּאַבּריצירט אַזאַ סחורה צו בעגליקען די וועלט, איז דערמיט זיך זעהר מיחס. דעריבּער הייסען אַלע קאַבּצאַנסקער אידען מיוחסים. אַז מען בעגעגענט אַ אידען, עפּעס אַ ווילדען בעל־גאוה, האָט מען דעם בעסטען סימן, אַז ער מוז זיין אַ קאַבּצאַנסקער...

אָט אין אַזאַ מין שטעדטעל איז הערשעלע געבוירען געוואָרען, בײַ זיין טאַטען דעם מלמד לייזער־יענקיל און זיין מאַמען מלכה־טויבע. זייענדיג אַ קינד, האָט ער געמיינט, ווי אַ וואָרעם זיצענדיג אין חריין, אַז קיין בעסערעס פון קאַבּצאַנסק איז גאָר נישט דאָ. קאַבּצאַנסק אַליין טאַקי איז איין שטאָדט אויף דער גאַנצער וועלט, דער פּופּעק איהרער,

פונקט אין רעכטען מיטען. ווייטער אין דער זייט, איז שוין מדבר, פאַרלענגטע ערטער מיט ווילדע חיות. מענשען, וואָס מענשען הייסען, אתה־בחרתנו׳קעס, סאַמע צימעס, זענען נאָר דאָ. פאַר זיי אַליין שיינט די ליכטיגע זון ביי טאָג, די לבנה און שטערען ביי נאַכט און גאָט גיט זיך אָב, האָט מעהר נישט צו טהון נאָר מיט זיינע קאָבצאָנסקער אידען. ער גיט רעגען — אידישע ציגען זאָלען האָבען פאַשע; קאַליזשעס וואַסער — בכדי זיי זאָלען פערשפּאָרען אָבפּרעסען דאָס שטרוי פון אידישע דעכער; ער גיט טרוקענע שענע פאָגאָדע — כדי די ווייבער זאָל גוט זיין צו געהען פרייטאָג אין יאַטקע, אין מאַרק אריין, איינצו־קויפען אויף שבת; ער מאַכט אַ גרויס געראַטעניש אין קאַרטאָפלעס, ציבעלעס און קנאָבעל — כדי אידעלעך, נעבעך, זאָלען האָבען, וואָס צו עסען. הכלל, ער דרעמעלט נישט און שלאָפט נישט, דער היטער פון ישראל, ער אַרבייט מעשים, קעהרט אַ וועלט, נאָר צוליעב זיי, צוליעב זיי. דערפאַר בלאָזען איהם אידען שופר, זינגען איהם אַ מלך־עליון, שפּרינגען קדושה, מאַכען פון זיין כבוד וועגען אַ לאָקשען־קוגעל אויף שבת, קניידלעך און חרעמזלעך פסח און געהען אַ טענצעל צו די הקפות שמחת־תורה... נאָך איין שטאָדט, אמת איז אמת, איז איהם געווען בעקאַנט, וועלכע האָט געשוועבט פאַר איהם עפּעס ווי אין דער לופטען, געשוויבעלט און געגריבעלט מיט גאַנצע מחנות מלאָכים, פליגעל־אַדיוטאַנטען און קוריערען פון גאָט ברוך־הוא צו די קינדער ישראל — דאָס איז די הייליגע שטאָדט ירושלים, וואו אידען האָבען אַ פייג, איילבערטען, טייטלען, מילגרוימען, און ציגען עסען דאָרט באָקסהאָרן. נאָר, אוי־וועה! ירושלים איז אַצינד וויסט און חרוב און אוים שטאָדט, און אידישע קינדער זענען אין גלות. ווען ער האָט גע־זאָגט דאָס וואָרט גלות, האָט ער געמיינט דערמיט גאַברילא דעם שבת־גוי, וואָס שנייצט־אָב שבת די ליכט, נעמט אַראָב פונ׳ם טיש די מעשענע לייכטער און הייצט ביי אידען די רובעס; אָדער טעקלע, וואָס וואַשט גרעט, שווענקט־איבער געל־גרינע ווינדעלעך פאַר אידישע קינדער און מעלקט די קיה; אָדער קאָנדראַט דעם שכור, וואָס פאַר אַ גלעזעל בראַנפען פערקויפט מען איהם דעם גאַנצען קאָבצאָנסקען חמץ; אָדער דעם פּריץ, וואָס אידען האַלטען ביי איהם אַרענדעס, דערנעהרען זיך דערפון מיט ווייב און קינדער, און מוזען געבען פון יוצא וועגען איהם צאָהלען אַמאָל ראַטע; אָדער, ערגער נאָך פון אַלע, מיטקאַ, דעם קליינעם שייגעצעל, און זשוקעל, זיין קליין הינטעל, פאַר וועלכען נישט

פאר קליינע אינגלעך האבען געציטערט, נאר אויך אידען מיט בערד, בעווייבטע, גרויסע תקיפים, פלעגען פאר איהם האבען דאס ניין=יעהריגע און פאר איהם פאר א מייל ענטלויפען. נאר ווען זיי פלעגען איהם ווארפען א ביינדעל און זשוקעל פלעגט סלוזשען, שטעהען אויף די לאפקעס און דרעהען מיט די [illegible] ווידעל, פלעגען די דאזיגע אידען ווערען א ביסעל דרייסטער, און בשעת קנאקען דאס ביינדעל מיט די שארפע הינטישע צייהן, פלעגען זיי זיך מאכען קוראזש, פלעגען איהם אנצוריהרען פון דער ווייטענס מיט א שפיץ פינגער, א גלעט צו טהון איהם בײם קעפעל, און, אז מען איז יא שוין א שטיקעל חשוב, פלעגען זיי פרובען דערוויל טאקי אנצורייצען איהם אויף אנדערע: אטו=נא, קוסיי! — ווי דער שטייגער איז פון אידען תקיפים...

און עס הויבט זיך אן א רייה פון סצענקעס, איינע שענער פאר דער צווייטער: **די** בעציהונג לייזער=יענקעל׳ס צו הערשעלי; דאס שטרענגע געזיכט, דער שטרענגער טאן — און די גרויסע ליעבע אין הארץ. דאס פאמיליענלעבען אין די דאזיגע קרייזען; אין הארצען איז לייזער=יענקעל געווען גוט צו זיין ווייב, גוט ווי די וועלט, נאר ארויסוויזען עס בעשיינפערליך האט ער עס זיך געהאלטען פאר איין אום=כבוד, „עפעם פריקרע, נישט שען פאר א אידען. ער — איז דאך ער, א מאנספערשוין, א א י ד, און זי איז ז י, נאך אלע זאכען פארט נישט מעהר ווי א נקבה, א א י ד ע נ ע". לייזער=יענקעל און זיין ווייב מלכה=טויבע אלס מלך און מלכה אין די סדרים=נעכט — דאס אלעס זענען אמת׳ע פערעל. די קינדער=יאהרען הערשעלע׳ס זענען וואונדערליכע קינדער=יאהרען — כמעט ווי די קינדער=יאהרען פון מענדעלי׳ן אליין, א קינדהייט מיט א לאנגער שורה פון א גרויסער פאעזיע און פון גרויסע חלומות און פון א גרויסער שענער אויסגעלאסענקייט. בכלל זענען א זעלכע סצענעס פונ׳ם קינדער=לעבען עפעס נייעס אין אונזער ליטעראטור, און זיי בערוישען מיט זייער שענקייט. א מייסטער=שטיק איז דאס קאפיטעל, ווי הערשעלע טרעט אריבער די שוועל פון די קינדער=יאהרען און ער ווערט א „קליין אידעל". א וועלט פון פאנטאזיעס און חלומות וואקסט=אויף פאר זיינע אויגען: גאנץ בעזונדער די וואונדער=מעשות וועגען דעם אלטען ר׳ שמעלקע מיט זיין ווינשפינגערעל, אין וועלכען ס׳איז געווען איינגעקריצט דער שם המפורש — א שלח=מנות פון אליהו הנביא צו ר׳ שמעלקען — אזוי אז וואס ר׳ שמעלקע האט זיך געווינשט, איז זאפארט מקוים געווארען. גאנץ קאבצאנסק זיצט און הונגערט, קיין

פּרנסה איז נישט דאָ, האָטש צעריים זיך, און עס בלייבט נישט איבער־ זי נאָר איין מיטעל: צו האָפען, אז השם־יתברך וועט זיי צושיקען אַ גיינשפינגערעל — און זיי פערברענגען אַ לעבען, צעהיצט און צעפלאַ־ קערט די גאַנצע פאַנטאַזיע, און זיי וואַרטען אויף אַ ווינשפינגערעל. און דאַן די מייסטערהאַפטע סצענע, ווי די קאַבצאַנסקער זיצען אין בית־ מדרש און דערצעהלען מעשות: וועגען גוג־ומגוג, וועגען אַרמילוס הרשע, וועגען משיח בן־יוסף און דעם שבט אפרים, וועגען דער מלחמה פון משיח בן יוסף מיט דעם רשע אַרמילוס, וועגען די ערשטע תקיעה, װען די טויטע שטעהען־אויף תחית־המתים — דער דלות אין קאַבצאַנסק שווישטשעט אַ שרעק, און די אידישע קינדער זיצען מיט פערלעגטע הענד און חלום'ען און קרעכצען און זוכען וואונדער פון הימעל; זיי װאַרטען אויף אַ מופת. און דאַן דאָס וואונדערליכע פערהעלטניש פון הערשעלע צו אַ קליין מיידעל, אַ שכנ'טע, ביילע — אַ מין שטילע ליעבע, וואָס נאָר זיי ביידע האָבען זי געפיהלט און קיין מענש האָט פון איהר נישט געוואוסט. וויל מען אָבער וויסען, ווי וויט די קראַפט פון אַ מייסטער גרייכט, אַ סצענע אויסצומאָלען, איין אידיליע, וועלכע מען גיעט זי קיינמאָל נישט מעהר פערגעסען, ווען מען האָט זי אַ מאָל גע־ לייענט, מוז מען זיך בעקאַנט מאַכען מיט דער פאָלגענדער סצענע:

„אין די הייזער ברענט נישט קיין ליכט. טהיר און טויער זענען אָפען. מען עסט וועטשערע פאַר דער לבנה. נאָך דער וועטשערע שי־ טען זיך, ווי די מורעשקעס, אַרויס פון די הייזער מאַנסבילען אָהן קאַפּאָטעס, אין די איינע טלית־קטנ'ס, ווייבער צושפּילעט, נאָר אין די אונטערשטע קליידלעך, קינדער אויסגעטהאָן האַלב־נאַקעט. שכנים, אַ גאַנצע קופּה, לעגען זיך אוים אין דרויסען, יונג און אַלט, קינד און קייט, אַלע אינאיינעם. גילדענע כּאַזען פון דער לבנה שלאָגען זיך דורך ערגעץ צווישען דעכלעך, ציהען זיך איבער קעפּ, איבער פּיס אין דער קופּה מענשען, קריכען ווייטער, ווייטער, טאַנצענדיג אויף װענט, אויף פּליטען, און ווייזען־אָן דאָ אַ קאַץ, אַ קאַץ, וואָס דראַפּעט זיך, ניסטערט אויף אַ דאַך, דאָרט קיה אויסגעשטרעקט אויף דער גאַס, מעלה־גרה'ן, אונטערשמייסענדיג זיך פּאַמעליך מיט די ווידלען, און קייבען, זיפצען מיט אַ חריפ, טפעם ווי פונ'ם בויך. די ערשטע עטלי־ כע מינוט איז איטליכער בעשעפטיגט מיט זיך, מען געהניצט, סלוקערצט, מען טרייבט פליהה און מען קראַצט זיך. ווייבער הויבען דערווייל אָן

דעם שמועס וועגען דער היינטיגער וועטשערע, איטליכע מיט איהר'ס: בײ דער זענען די שטשיפּקעס בע'טעמ'ט געוועזען אזוי, אַז דער מלכות האָט עס געמעגט עסען, בײ יענער איז דער אַרבעס צעקאָכט געוועזען פייך, ווי מאַרך, אַז מען האָט געלעקט די פינגער. איינע דערצעהלט דאָס גרויסע גליק, וואָס זי האָט געטראָפען: פאַר אַ גראָשען האָט זי געהאַנדעלט אין מאַרק אַ מציאָה — אַ רעטיך, גרויס ווי דער קאָפּ, פון וועלכען מען האָט געגוג געגעסען אין דער פריה, אויך אַצונד אויף דער נאַכט, און ס'איז נאָך איבערגעבליבען אַ היבשער שטיק אויף מאָרגען, מען זאָל לעבען און געזונד זיין! אַלע רעדען הויך אויף אַלערלײ דינע, קוויטשעדיגע קולות. די מאַנען ברומען לעת־עתה אונטער, מישען זיך אַריין נאָר, ווי פון יוצא וועגען, גלאַט אַזוי מיט אַ וואָרט. זײ לעגען זיך דערנאָך מיט דעם בויך אַרויף, און, פערקוקענדיג זיך אויף דעם אויסגעשטערנטען בלויען הימעל, נעמט מען זיך געשמאַק שמועסען, וואָס טהוט זיך אַזוינס דאָרט אויבען. די לבנה ווייזט זיך אויפ'ן אָרט, וואו דער עולם ליעגט; מען קוקט אין איהר אָן די ליכטיגע צורה פון יהושע און איטליכער מאַכט: אוי, אַ נאָז מיט אויגען!... איציק און בעריל, וואָס האַלטען זיך פאַר שטיקלעך שטערענזוהער, חקרנים, טייטען מיט פינגער אויף דעם „אַלף בית“ פון די שטערען און האַמפּערען זיך וועגען דעם „תיו“ און „חית“. דער איבעריגער עולם טהוט צוליעב זײ ביידע. איטליכען פון די צוויי חקרנים, וואָס טייטעלט איהם מיט אַ פינגער, גיט מען גערעכט, שווערענדיג זיך: יאָ, אמת טאַקי, איך זעה, זעה, ווי איך בין אַ איד! — אַי, אַי! צעשרייט זיך שטאַרק פערוואונדערט אַ איד, עפּעס אַזוי פיעל שטערען דאָרט, דאָרט איז די געפלעקטע, ווייסליכע פאַסען, אָנגעזועצט ווי מאָהן! אַזוי פיעל רענדלעך ווינש איך מיר צו האָבען... געהט שוין, געהט! מאַכט דער אַנדערער, איך לאָז פאַר וועלוועלער, פאַר איטליכעס שטערענדעל אַ קאָפּעקע. עס געפינען זיך בעלנים אויף נאָך וועלוועלער, צוויי, פינף, צעהן פאַר אַ גראָשען. און בשעת אידען טאָרגעווען זיך דאָ אַזוי, רעכענען, צעהלען, לאָזען אַראָב די מקחים און וואַרפען דעם קורס פון די שטערען, זיצט דאָרט אין דער זייט איינער עפּעס אַ ליץ, דרשה'נט און זאָגט גלייכע ווערטלעך. די ווייבער אַרוט איהם שרייען קלאָמפּערשט: פע, געגוג! פאַרשטעקענדיג זיך די אויהרען, הערען זיך אָבער זעהר גוט צו און קייכען פאַר געלעכטער... קינדער זיצען אויך נישט לעדיג, קיצלען זיך, דערלאַנגען איינער דעם אַנדערען אַ קלאַפּ,

אַ שנעל אין דער נאָז הינטען אַרום. דער פון דער נאָז טהוט אַ קוויטש, יענער פונ'ם שנעל מאַכט זיך צום תּם, נעביך גאָר אַ צדיק אין פּעלץ, און בּייזוערט זיך קלאָמפּערשט: שאַ, שאַ! — מאַמעס שעלטען די קינ־דער: בּענומען זאָלען זיי, הלואי, ווערען, און אגב טאַקי זיי מכבּד מיט אַ קניפּ. די טאַטעס וואַרפען אַוועק די טאַרגעס און פאַלען פלוצלים פונ'ם הימעל אַראָב אויף דער ערד. דעם האָט אַ זשוק זיך אַריינגעפּלאָנטערט אין בּאָרד, יענעם — אין די פּאות, דעם דריטען קריעכט עפּעס אונטער'ן העמד דאָרט אויפ'ן רוקען. אַ רויטע קוה, אַ פּרעסעריין, פון וועלכער עס האָט זיך אָבּגעטהון דער שלאָף, פאַרקריכט, בּיי שטשיפּען גראָז, אין דער זייט נאָם בּיז צו דער גאַנצער עדה אידען, דרעהט זיך צו זיי אויס מיט דעם הינטען, מחילה, און פיהרט זיך עפּעס אויף, פע, נישט מיט דרך־ארץ. אַלע זידלען זי מיאוס אָב, טרייבּען זי און שרייען: היידאַ! אין איין קול. זי דרעהט זיך געשווינד אויס פון אידישע הענד און לויפט אַהין אין איהר רוה אַריין. דערפון שפּינט זיך עפּעס אַ לאַנ־גער שמועס: וועמענס קוה איז דאָס? וויפיעל מילך גיט די קוה? ווי־פיעל איז די קוה ווערט? „שאַ, וויפיעל, מיינט איהר, אידען", טהוט פלוצלים איינער אַ פרעג, „זאָל ווערט זיין די גאַנצע קאַבּצאַנסקער טשערעדע, שוין מיט די ציגען אינאיינעם?" איינער שאַצט עס אַזוי פיעל, דער אַנדערער — אַזוי פיעל, דער דריטער ווינשט זיך דאָס צו האָבּען, וויפיעל עס איז ווערט מעהר. איטליכען בּעזונדער חאַפּט אָן אַ ווינשעניש, און מען ווינשט, ווינשט, בּיז די צונג ווערט מיד רעדענדיג און מען הערט פון דער ווייטענס ווי איינער חראָפּעט שוין אָהן עין־הרע געשמאַק. די מאַנען טרייבּען די ווייבּער: קומט שלאָפען! די ווייבּער מיט זייער חן קווינקלען זיך קלאָמפּערשט: עס גלוסט זיך זיי גאָר ניט געהען אין בּעט אַריין און וואָלטען די גאַנצע נאַכט גערען דאָ אין דרויסען געשלאָפען. אַ יונג פּאָר־פאָלק געהט אַוועק בּאַלד טאַקי, די איבּעריגע מאַכען שיהות, דינגען זיך, בּיז פון ערגעץ אַ ווינקעלע שפּרינגט אַרויס פלוצלים אַ ציג, וועלכע אַ פּאָר ווייסע־חברה'ניקעס האָבּען איבּערגע־שראָקען, אונטער'גנבה'נענדיג זיך שטילערהייד צו איהר אויף דער פּריז־בּע דאָרט; זיי נאָך איהר, און זי אין גרויס אייעניש, יאָגעניש, פּוץ אַריין צווישען די קופּה אידען. עס ווערט אַ מהומה, אַ קאָכעניש, מען גיט זיך אַ הייב אויף גיך, און בּטלנ'דיג חלומות, צעלויפט מען זיך געשווינד, איינער נאָך דעם אַנדערען, נישט צו זאָגען אפילו אַ „גוטע נאַכט"! —

דאָס איז איינע פון די מייסטערהאַפטסטע סצענעס, וועלכע אַבראַמאָוויטש האָט אונז געמאָלט.

אין דער דאָזיגער ערצעהלונג פּאַסט־אָן און מאָלט אונז אַבראַמאָוויטש אויך די אידישע נשמה, דעם שווער־פּונקט פון דעם אידענס גייסטיגען לעבען. וועהרענד ער האָט אין די ביז איצטיגע ערצעהלונגען געזעהען נאָר דעם דלות און ווי ווייט דער דאָזיגער דלות האָט פערקרומט דעם אידענס גוף, האָט ער דאָ אַריינגעבליקט אין די טיעפעניִשען פונ'ם אידענס נשמה און האָט דערבליקט די ליכטיגקייט פון איהר. דער איד מיט זיין תורה, דער איד מיט זיין תפלה, דער איד מיט זיינע בענקענישען, דער איד מיט זיין זינגען, וועהרענד ער זינגט זיך און דערקלעהרט זיך אַליין דעם פּירוש־המלות פון „הבן יקיר לי אפרים, אַ טייער זוהנדעל איז מיר אפרים לעב, אם ילד שעשועים, אַ קינד אַ טרייסט, כי מדי דברי בו, ווען איך רעד פון איהם, זכור אזכרנו עוד, קומט ער מיר אויפ'ן זינען אַלץ מעהר, על כן המו מעי לו, דאָס־האַרץ געהט מיר אויס נאָך איהם, רחם ארחמנו נאום ה', אַ גאָטס רחמנות, נעבעך, אויף איהם", דער איד אין סליחות־צייט און דער איד אין די ימים נוראים — דאָס אַלעס האָט אַרויסגעריסען ביים קינסטלער פון האַרצען טענער, וואָס לאָזען אונז דערציטערט ווערען, הערענדיג זיי.

און בילדער יאָגען בילדער, און איינס שענער פאַר'ן אַנדערען.

הערשעלע פאָהרט מיט'ן פאָטער, וועלכער דאַווענט אין גלופּסק מוספים די ימים נוראים, אַהין קיין גלופּסק. הערשעלע בלייבט דאָרט לערנען אין בית־מדרש, און דער פאָטער פאָהרט צוריק אַהיים קיין קאַבצאַנסק. הערשעלע ווערט אַ יתום, און ער לערענט און לערענט און די גאַנצע שטאָדט האָט איהם ליעב. „רבונו של עולם! וואָס ליעגט אַזוינס אין דיין האַרטער באַנק אין בית־מדרש, אַז דער, וואָס נעכטיגט אויף איהר איבער אַ נאַכט מיט דעם קולאַק צו־קאָפּענס, שטעהט דעם אַנדערען טאָג אויף, עפּעס גאָר איין אַנדערער מענש, ווי ניי געבוירען? שוין יעקב אָבינו, אַז ער האָט אין וועג דערנסטמאָל, ביי זיין אַוועקלאָזען זיך פון דער היים, אונטערגענעכטיגט אין „יענעם אָרט" אויף אַ האַרט געלעגער, צושפּאַרענדיג דעם קאָפּ אויף אַ שטיין — האָט באַלד ביים אויפשטעהען אין דער פריה געשפּירט: אין זה, נישט אַנדערש, כי אם בית־אלהים, דאָס איז אַ בית־מדרש, וזה שער השמים, און דאָ איז אַ טויער צום הימעל! ליגענדיג אויפ'ן האַרטען געלעגער גאָר אין דעם

ערשטען בית־מדרש, נאָך אָהן ווענד, אָהן אַ דאַך און אָהן אַיין אונטער־אויבען, האָט ער שוין דערזעהען — פייערדיגע מלאָכים, וואָס האָבען איהם אין די אויגען זיך גערדרעהט אַרויף און אַראָב, עפּעס אויף אַ הויך לייטערעל פון דער ערד ביז העט־העט אין הימעל אַריין״...

אַזוי זאָגט אַבראַמאָוויטש שירה לכבוד דעם אַלטען בית־מדרש...

און דאַן: „עס ציהט זיך גאָטס גרויסע וועלט אין דער לענג, אין דער ברייט, אָהן אַ סוף, אָהן אַיין עק. אין דער מיט וועלט, אויף דער קיילעכדינער ערד, איז דאָ אַ קליין פלעקעלע, ווי אַ פליג האָט איבערגעלאָזט — דאָס איז גלופּסק. אין דעם דאָזיגען פלעקעל איז דאָ אַ פּינטעלע — אַ קלייזעל. אין דעם פּינטעלע איז דאָ נאָך אַ ברעקעל פּינטעלע — אַ באַנק. און אין דעם ברעקעל פּינטעלע ליעגט נאָך אַ פּיצענקעלע פּינטעלע — אַ מין בעשעפעניש אַזוינס, וואָס הייסט הערשעלע״ — און פון הערשעלעס נשמה געהען אַרויס פעדעמלעך, און ציהען זיך, און ציהען זיך, העט־העט, אַזש קיין קאַבצאַנסק, און די נשמה קלעטערט, קאַראַבקעט זיך אַהין, אַהין — אַ היים. עס סוד׳עט זיך אַ האַרץ מיט אַ האַרץ, שושקעט זיך אַ נשמה מיט אַ נשמה, גיעסען זיך איינער פאַר דער אַנדערער אויס און שמועסען זיך איבער שטיל אָהן ווערטער...

און נאָך אַ סצענע: ביי אַיין אָרעמאַן, אַ טאַנדעטניק, אין דער היים. די מאַמע מיט די טעכטערלעך זענען ביי דער הויז־אַרבייט, ווען דער מאַן איז אין דער היים נישט דאָ, און די מיידלעך העלפען דער אָרעמער מאַמע אין דער אָרעמער ווירטשאַפט און מאַכען דעם שרעקליכען דלות אַ ביסעל ווייניגער שרעקליך. אַ גרויסער העלער ליכט־שיין ברעכט זיך אַריין אין דעם דאָזיגען אָרעמען הויז. אַ הערליכע אידיליע, ווי די דאָזיגע, לייענט מען זעלטען.

הערשעלע אָבער ענטוויקעלט זיך דערווייל מעהר און מעהר און ווערט אַ הערשעל. אַ הערליכער מענש וואַקסט אויס. ער פאָהרט קיין אויסלאַנד און ווערט אַ געלערענטער. קומענדיג צוריק אַ היים, פאָהרט ער אויך אין זיין געבורטס־שטאָדט. נאַטירליך קומט ער דאָרט אָן נאָך אַ פּאָגראָם — אַ פּאָגראָם אין קאַבצאַנסק, ווייל די קאַבצאַנסקער עקספּלואַטירען דאָס לאַנד!...

אין דער דאָזיגער ערצעהלונג האָט אַבראַמאָוויטש אַרומגענומען נישט נאָר דאָס גאַנצע אידישע לעבען פון עק ביז עק מיט אַלעם, וואָס טהוט זיך אָב דערין אין לויף פון 24 שעה, ביי טאָג און ביי

נאַכט, אין דער וואָכען און שבת און יום=טוב, נאָר ער איז אויך
געוואָרען דער מאָלער פון טיפען, — אַ גאַנצע מחנה פון אָריגינעלע,
מערקווירדיגע מענשען. פיגורען ווי רייזע די בעל=אַכסניא'טע, טריינע=
סאָסיע די קעכין, דער אַלטער ר' אברהם מיט'ן „זהר" און מיט דער
לירישער נשמה, דער איינגעל משה'לע, שמואליק דער טאַנדעטניק —
הויפטזעכליך ווי ער ברענגט־צו דעם שבתדקודש אין דער היים
בקדושה ובטהרה — שניאור=וואָלף דער חאַפער, ר' רפאל לובלינסקי
דער משכיל'דיגער סוחר — אַ מין למד=וואָווניק פון די בעהאַלטענע
משכילים — ר' אשר דער מעקלער מיט זיין מין רעדען און זיין גאַנג
און זיין פרנסה, לייבצי דער רויטער, וועלכער באָרגט געלד אויף פראָ=
צענט, ער און זיין ווייב און זיין איידעם און זיין שענע טאָכטער, וועלכע
ווערט אַ געלערענטע, האָדעל די מעקלערין פון לעבעדיגע סחורה,
מענדי, וועלכער איז אַ מין „אַלפאָנס", לוי בחור מיט'ן גוטען הייזעל,
זיין ווייב שיינצע די „מומע", די „טערקין" און די „פירשטין" און
מאַלווינקע און די איבריגע מעדלעך אין איהר הויז, רחלין דער אַקציז=
ניק און ריבקין דער סטודענט און מיכאל סאַפיר דער פאָדראַטשיק —
דאָס זענען אַלעס טיפען, אַ גאַנצע מחנה פון אָריגינעלע, מערקווירדיגע
מענשען.

נאָך מעכטיגער אָבער ווייזט זיך אַבראַמאָוויטש אין זיין לעצטער
ערצעהלונג, אין „שלמה ר' חיים'ס" — אַ בילד פון אידישען לעבען
אין דער ליטאָ".

אַלעס וואָס מיר געפינען אין די פריהערדיגע דריי ערצעהלונגען
בעזונדער, געפינען מיר אין דער דאָזיגער איינער ערצעהלונג צוזאַמען:
די שאַרפע, בייסעדיגע סאַטירע געגען די פירכטערליכע הויהלקייט
אינ'ם לעבען פון די איין עדה פון אומגליקליכע; דאָס גרויסע, הייסע
רחמנות אויף דעם אונענדליכען אומגליק פון אַ גאַנץ פאָלק; דער ריינער
לירישער טאָן, וועלכער צעגיעסט זיך ווי אַ פיעדעל און לאָזט דערצי=
טערען אַלע פעדים פונ'ם האַרץ, און יענע ווייכקייט און זיסקייט, וועלכע
בערוישען דורך זייער עכטקייט; די נאַטור=שילדערונגען און זייער אונ=
ענדליכער פראַכט; די פערשיעדענסטע טיפען, אַלטעגליכע און אויס=
נאַהמליכע, מיט זייער חיצוניות און זייער פנימיות — נאָר איז דאָס
בילד פונ'ם „דלות", ווי מיר קענען עס פון „פישקע דעם קרומען",
געוואָרען דאָ אַ סך בולט'ער, און דער שפּאַט, וועלכער שניידט אומ=
ברחמנות אויף רעכטס און אויף לינקס אין „מסעות בנימין השלישי"

איז דאָ געוואָרען אַ סך שאַרפער, און דאָס גרויסע מיטלייד מיט דער אידישער נשמה און מיט דעם עלענד און אומגליק פון אַ גאַנץ פאָלק האָט דאָ געפונען איהר אויסדרוק טויזענד מאָל שאַרפער ווי אין „ווינש-פינגערעל". דאָס איז דאָס בוך איבער אַלע ביכער, וואָס אבראַמאָוויטש האָט אונז געשריבען.

די ערצעהלונג האָט די פאָרם פון איין אַוטאָביאָגראַפיע. די מענשען, וועלכע קימען דאָרט פאָר, דערקענט מען זאָפאָרט, אַז זיי זענען לויט לעבעדיגע מוסטערען: ר' חיים דער טאַטע פונ'ם קליינעם שלמה און שרה זיין מאַמע און ליפּא דער מלמד. אַ פאָרטרעפליך געצייכענטע פיגור איז די פיגור פון יאַחנע-סאָסיע אָדער „לייבציכע", אַ אידענע אַ מייסטערין אויף וואונדערליכע מעשות צו דערצעהלען, און אַזוי אויך פראַדעל דאָס קליינע מיידעלע (זעהר עהנליך צו דער הערליכער ביילע אין „ווינשפינגערעל"), אָדער די פיגור פון אייזיק חקרן און זיין אייביגע מחלוקה מיט דעם צווייטען חקרן, מיט לייזקע, און ר' נחום רויזעווער מיט זיין נסיעה קיין ארץ-ישראל, און הערציל קיילעס דער סכּאָליאַר, אין וועלכען עס לעבט אַ קינסטלער-נשמה, וואָס רייסט זיך תמיד אַרויס צונ'ם ליכט, און נאָך און נאָך — לויטער מערקווירדיגע פיגורען. דער גאַנצער שאַץ פון מענשען, וועלכע די אידען-גאַס האָט אַרויסגערופען, איז דאָ אויפגעצעהלט.

און בילדער — און מוז איינס פון זיי דאָ ברענגען. דער איינדרוק פונ'ם דערלעבטען מוז זיין געוועזען זעהר שטאַרק אין דער נשמה פונ'ם קליינעם אבראַמאָוויטש אַלס קינד, אַז נאָך אין די שפּעטסטע יאָהרען און נאָכדעם ווי ער האָט שוין דאָסזעלבע אין איין אַנדער אָרט אַמאָל געצייכענט, האָט ער זיך געפיהלט געצוואונגען, עס נאָך אַמאָל צו דערצעהלען:

„נאָך דעם ערשטען משמר אַרום האַלבע נאַכט, אַזוי שטעהט געשריבען, וועהעט אַ צפון-ווינטעלע און די וואַכען פון די מלאָכים בייטען זיך דאָרט אין הימעל. עס גיט, אָט דאָס ווינטעלע, דעם מלאך גבריאל אַ ריהר, און ער שרייט אויבען זעקס קולות אויס, לייענט דערנאָך פון אַ בוך אַרויס די מענשענס אַלע מעשים, וואָס ווערען אָבגעטהאָן בייטאָג. פון איהם דאָרט גיט עס אַ טאָרע אונטער די פליגעל דעם האָהן דאָ — ער חאַפּט זיך אויף און קרעהט הויך אויף אַ קול. אי אויבען אי אונטען ווערט אַ געטימעל: דער האָהן קרעהט אויף דער ערד און גבריאל אויפ'ן הימעל. דענסטמאָל לאָזט זיך גאָט פון דריי הונדערט נייינציג

הימלען אראָב אין גן־עדן אריין. כיתות מלאָכים לויפען פאַראויס און זאָגען שירה: „עפענט, טויערן, ברייט זיך אויף — עפענט הויך זיך ביז ארויף — אָ, איהר אייביג פעסטע טירען — קומען לאָז דאָ גאָט שפּאַצירען!“ — עס זינגען אויך די בוימער אין גן־עדן, גיבען פון זיך ארויס זיסע שמעקענדיגע ריחות פון בשמים. אָט איז ער שוין אריין, גאָט דער מלך, מיט זיין כבוד אליין — שאַ! מלאָכים אויף זייערע ערטער שטעהען מיט גרויס דרך־ארץ און שווייגען. פול מיט רחמנות קוקט ער אויף די הייליגע נשמות פון צדיקים און קדושים דאָרט, קוקט און שאָקעלט מיט דעם קאָפּ. פלוצלים לאָזט ער ארויס אַ געשריי, אַ ברומען ווי אַ לייב; דאָס וויינט ער, קלאָגט אויפ'ן חורבן בית־המקדש, אויף ירושלים, די וויסטע שטאָדט, אויף ציון, די ביטערע אלמנה, אויף די קינדער ישראל זיינע, וואָס אין גלות — און צוויי הייסע טראָפּענס טרעהרען פאַלען איהם אויס די אויגען גלייך אין דעם גרויסען ים אריין... אזוי וויינט גאָט דריי מאָל אַלע נאַכט אין זיינע הימלען. גוטע־פרומע אידישע קינדער לאָזט עס נישט איינליעגען; זיי שטעהען־אויף ביי נאַכט פון די געלעגערס, ריכטען־אָב חצות, וויינען זיך אויס פאַר דעם זיסען בארמהערצעדיגען פאָטער אין הימעל — און דאָס אידישע הארץ פיהלט עפּעס דענסטמאָל אַ מין בעזונדערן טעם, זיס־ביטער און זויער אינאיינעם... שלמה'לע געהט פאַרטאָג איבער דער גאַס, דאָס שטעדטעל שלאָפט. לבנה און שטערען שטעהען אין הימעל אויף דער וואַך. עס דוכט זיך איהם, דאָרט, אויבען, טהוט זיך עס אַצינד עפּעס גאָר אַ שרעק. טהוט פון ערגעץ אַ בלאָז, דאַכט זיך איהם, יענס צפון־ווינטעלע, דאָס גוטע ווינטעלע, וואָס וועהעט אונטער די פליגעל פון מלאכים, וואָס האָט אַמאָל אַיך געבלאָזען אויף דוד־המלך'ס פידעלע, איהם צו־קאָפּענס ביי נאַכט אויפ'ן געלעגער, און עס האָט זיך געשפּיעלט זיסע געטליכע ליעדער. זשווישען ערגעץ בוימער אין אַ גאָרטען — דאָס זשווישען דאָרט די בוימער אין גן־עדן. קרעהט ערגעץ אַ האָהן — דאָס זאָגט ער שירה. און זעגען איהם די האָר דאָס פּנים, פייכט פון טוי־טראָפּען — דאָס זענען גאָטס טרעהרען, דאָס וויינט ער, יאָמערט אויף זיינע פערוואָגעלטע קינדער. עס שלאָפט נישט, עס דרעמעלט נישט דער היטער פון ישראל!... עס צעשפּיעלט זיך שלמה'לען די געבליטען, זיין כח־הדמיון איז פלאַם־פייער, דאָס האַרץ צענעהט איהם שיעור פאַר גרויסע געפיהלען — און ער נעהמט זיך לערנען מיט חשק, נעשמאַק אויף אַ ניגון“...

עס איז דער גרויסער טרוימער אין דער אידען-גאַס, דאָס אידי-שע קינד, וועלכעס איז געבוירען צו זיין אַ דיכטער און וויים עס אליין נישט.

און נעהמט מען דאָן אַוועק פון דעם דאָזיגען כ-סטערהאַפטען ווערק צו די קלענערע ערצעהלונגען אַבראַמאָוויטשענס, וועלען מיר זיך נישט וואונדערן, וואָס די טיפען און די סצענקעס דאָרט זענען אַרום און אַרום די זעלבינע, וועלכע מיר האָבען שוין טיילוויז געהאַט אין דער גרויסער ערצעהלונג. די קלענערע זענען פאַר אונז נאָר אַ מין „תּיקון ליל שבועות״ — און מיר וואונדערן זיך נאָר אויף די געשיקליכקייט פונ׳ם דאָזיגען מייסטער ווי ער האָט געקענט אַזוי פיעל געשטאַלטען און בילדער צונויפדרענגען אין אַזאַ ווינציגע פאָרם.

און הויפּטזעכליך מוז מען בעוואונדערען די איינפאַכקייט פון דער מעשה און פון דעם טעמא ביי מענדעלי׳ן. מענדעלי אליין פּרובט אונז צו געבען די ערקלעהרונג דערפון: — „באמת טאַקי, וואָס האָט מען צו דערצעהלען פון אונזער לעבען אין מיינע צייטען? איבערראַשט די וועלט מיט גרויסע וואונדערליכע זאַכען האָבען מיר נישט; קיין גראַפען, פּריצים און יענעראַלען און גרויסע שיסערם זענען מיר נישט געווען; קיין דאַמאַנען מיט „יפיפיות״ האָבען מיר נישט געשפּיעלט. שלאָגען זיך אויף דועלען ווי די בעק, אָדער זיין ווי עדות, צו קוקען ווי צוויי פּערני-עסען זיך דאָס בלוט, האָבען מיר נישט געפּרובט, און טאַנצען קאַדרילען מיט נקבות אויף בעלער האָבען מיר נישט געקענט, און אויף נייעג אין פעלדער, אין וועלדער, צו חאַפּען בערען, זענען מיר נישט געגאַנגען. נערייזט אויף אייגענע שיפען איבער ים׳ען, אויפצודעקען נייע אינזלען, האָבען מיר נישט. מיט טענצערינס און אַקטריסעס האָבען מיר קיין געשעפטען נישט געהאַט, און איבער פּרימאַדאָנעס און אָנטהון זיך די גרויסע פאַרגעניגענס האָבען מיר זיך נישט אויסגעבראַכט. בקיצור, אַט די אַלע צימעסלעך צום ספור-המעשה, ער זאָל זיין געשמאַק און נעהמען דעם עולם — אַט דאָס אַלסדינג איז נישטאָ ביי אונז. און אָנ-שטאָט דעם האָבען מיר אַ מלמד מיט אַ חדר, מיט אַ בעהעלפער, שדכנים, חתנים, כּלות מיט ווייבער, קליינוואַרג, חלוצות און עגונות, אַלמנות און יתומים, נשרפים, געפאַלענע און אָבגעקומענע, אַלע סאָרטען אָרעמע לייט, אַרומגעהענדיגע איבער די הייזער ערב-שבת, ערב-יום-טוב, ראש-חודש און גלאַט אַזוי זיך מאָנטאָג און דאָנערשטאָג.

בטלנים, גבאים, מקבלים און צדקה־פושקע, אלע מיני פורעניות, דלות, קבצנות און אלערליי מיני משונה'דיגע פרנסות — אט דאס איז אונזער לעבען, אז אך און וועה איז צו אונז! א לעבען, משטיינס־געזאגט, אהן נחת, אהן א רוהיג געמיט ... א פינסטערעס אהן א שיין, אהן א שטראהל־ליכט, א לעבען, וואס האט א טעם ווי א געקעכטס אהן פעפער און אהן זאלץ — — — אבער דערפאר האט עס אין זיך א מין אידישען טעם, וואס ס'איז נישט דא זיין גלייכען. ס'איז דא א מין קעז, וואס ער איז מיט ווערים, און די מבינים, וואס פערשטעהען זיך אויף דער אכילה, צאהלען דערפאר אין טאג אריין און עסען דאס מיט א מאדנעם אפעטיט. אט די ביטערקייט, וואס איז אין אונזער לעבען, אט דאס איז טאקי די גאנצע חשיבות זיינע —". א, די דאזיגע ביטערקייט, וואס איז אין אונזער לעבען!

און ווידער זאגט אונז מענדעלי: „עס איז נישט דא קיין איינציגער פון אונזערע לייט, וועלכער זאל נישט האבען א שטיקעל שייכות, מעהר אדער ווייניגער, צו גלופסק, און עס זאל נישט שטעקען וועניגסטענס א הונדערטסטעל אדער א טויזענדסטעל פון איהרע איינגעשאפטען אין איהם."...

* *

*

פאר פינף און צוואנציג יאהר בערך, ווען מען האט אנגעהויבען צו איבערזעצען מענדעלי מוכר־ספרים'ס ווערק אין אנדערע שפראכען און איינער פון די פוילישע שריפטשטעלער האט עקסטרא זיך אויסגע־לערנט אידיש, כדי ער זאל קענען איבערזעצען אויף פויליש דעם „מסעות בנימין השלישי" און „די קליאטשע", דענסטמאל האבען די פוילישע שריפטשטעלער געהאט איינגעלאדענט אבראמאוויטשען, ער זאל קומען צו זיי, כדי איהם אבצוגעבען כבוד, און ווען ער איז גע־קומען, האבען זיי איהם געמאכט א באנקעט און האבען רעדען געהאל־טען, גרויסע, פייערדיגע רעדען, און האבען איהם אינ'ם הימעל גע־הויבען, און די פוילישע צייטונגען האבען ארטיקלען וועגען איהם געשריבען, גרויסע, פייערדיגע ארטיקלען, און האבען איהם זיין כבוד אבגעגעבען — פין אידען אבער איז דענסטמאל נישט געווען קיין איינציגער

מענש, וועלכער זאָל האָבען פערשטאַנען, ווי גרויס דער דאָזיגער שריפטשטעלער איז, און עס האָט זיך קיינער נישט געמישט אין די דאָזיגע שמחה. זינט דענסטמאָל זענען אַוועק פינף און צוואַנציג יאָהר און אבראמאָוויטש איז ווידער געקומען צו פאָהרען אין די זעלבינע מקומות — און ווי זענען די צייטען אַנדערש געוואָרען! דאָס פאָלק האָט פּלוצלינג אָנגעהויבען צו פערשטעהען, ווער און וואָס מענדעלי איז איהם.

זיין רייזע איז געווען, אין גאַנצען זין פונ'ם דאָזיגען וואָרט, א טריאומפף-רייזע פון א העלד, וועלכער קומט צוריק פון דער מלחמה. דאָס טריאומפף-טויער האָט געגרייכט פון ווילנאָ ביז ביאַליסטאָק, פון ביאַליסטאָק ביז וואַרשא און פון וואַרשא ביז לאָדז. צו אַזאַ נסיעה האָט נישט זוכה געווען נאָך קיין שום שרייבער, און נישט נאָר א אידישער. ס'איז געווען די רייזע פון א פירשט. טויזענדער מענשען האָבען געוואַרט ביי יעדער סטאַנציע, טויזענדער מענשען האָבען זיך געדרענגט און געשטופּט נעהנטער צו איהם און זענען גליקליך געווען, ווען ס'איז זיי געלונגען א מינוט איהם די האַנד צו דריקען אָדער אויך נאָר א קוק צו געבען איהם אין פּנים אריין.

און איך געדענק: אין לאָדז זענען געשטאַנען צעהנטויזענדער מענשען פערזאַמעלט אויף דער גאַס און האָבען געוואַרט פאַר'ן האָטעל, וואו אבראמאָוויטש האָט געוואָהנט. דאַמען זענען געשטאַנען אין זייערע העלע קליידער מיט בלומען אין די הענד. פון מינוט צו מינוט האָט זיך געהערט דאָס שרייען: „עס לעבע מענדעלי! עס לעבע דער זיידע!" און ווען דער שריפטשטעלער האָט זיך געוויזען אויף א מינוט ביי'ם פענסטער אָדער אויפ'ן באַלקאָן, איז דאָס שרייען געווען כמעט אָהן א סוף. שטונדען-לאַנג האָט נישט מענדעלי און נישט זיינע מענשען, וועלכע זענען מיט-געווען מיט איהם אינ'ם האָטעל, געקענט אַרויס אויף דער גאַס. ס'איז פראָסט געווען לעבענ'ס-געפעהרליך. מיר האָבען פערשיעדענע מיטלען געזוכט און מיר האָבען זיך, ווי עס איז, דורכגעשלאָגען און מיר זענען אריין אין א וואָגען. פּלוצלינג אָבער האָבען זיי איהם דערקענט — און וואָס איך האָב דענסטמאָל געזעהען, וועל איך נישט מעהר אַזוי גיך זעהען. צוזאַמען מיט איהם בין איך געזעסען אינ'ם וואָגען, און טויזענדער מענשען זענען געווען אַרום אונז, און זיי האָבען געפּרובט, דעם וואָגען, צוזאַמען מיט'ן אַלטען, אויפצוהויבען. ענדליך האָבען

זיי איהם געהויבען — און א שרייען: „עס לעבע מענדעלי!
עס לעבע דער זיידע !״ האט זיך ארויסגעריסען פלוצלינג פון
טויזענדער קעהלען. און ווי זיי האבען איהם געהויבען — האב איך
געפיהלט, אז איך בין מיט איהם מיטגעהויבען געווארען.

דוד פרישמאַ

ווארשא, דעצעמבער 1910

בעל = מחשבות

אנ׳אייניקעל דעם זיידען

אנ'איינִיקעל דעם זיידען.

I.

דאָס פערפלויגענע יאָהר האָט זיך געענדיגט מיט א גרויסען ליטעראַרישען יום־טוב ביי יודען. אָנגעהויבען האָט ער זיך אין אָדעסאַ און ציעהען ציעהט זיך דער יום־טוב איבער אַלע יודישע שטעדט.

שלום יעקב אַבראַמאָוויטש איז דער בן יחיד אין אונזערער ליטעראַטור, וואָס האָט דערלעבט צו אַזאַ שעהנעם עלטער. ער איז דער געליעבטער „זיידע" נישט נור פון די איינִיקלעך ליטעראַטען, ער איז אויך דער געליעבטער זיידע פון אונזער דור, וועלכער האָט קלערער און קינסטלערישער, ווי אונזערע ליבליכע זיידעס בעגריפען און בעשריעבען זיין צייט, וואָס איז נאָך טיילוויז אונזער צייט.

שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט אונז צוגעצויגען מיט זיין חוזק'ל, מיט זיין סאַטירע, מיט דעם כח זיך צו דערהויבען איבער דעם גראָבען גשמיות'דיגען יודישען לעבען דורך אַ שמייכעלע, אַ פיינעם געלעכטערעל, דורך אַ סאַטירישען וואָרט. צוגלייך מיט די גרויסע שריפטשטעלער אין אַנדערע ליטעראַטורען — האָט ער אונז אויסגעלערנט אָבצולאַכען פון אַ נאַרישען לעבען און דורך די אָבלאַכערייַ זיך אויף אַ ווילע צו בע־פרייען פון דער לעבענס־ענגקייט.

מיר שעצען און ליעבען אַבראַמאָוויטשען פאַר זיין נאַטירליכען צובונד צו אַלץ וואָס איז יודיש, צו אַלץ וואָס צייכענט זיך אויס מיט אַ יודישער תנועה'לע, גרימאַסעלע און אַ יודישען ריטהמוס.

מיר בעוואונדערען אין אַבראַמאָוויטשען זיין פיינעם געהער, וואָס האָט דערהאָרכט אין דעם מיש־מאַש פון דעם יודישען זשאַרגאָן די נאַטירליכע, וואָרצעלדיגע טענער פון דער יודישער שפראַכע.

אפילו די, וואָס האַלטען נישט פון דער צוקונפט פון יודיש, ווערען נשתומם און שטאַרק נתפעל פון דעם וואונדער, דאָס דער זשאַרגאָן, וואָס איז אפילו פאַר טאַלענטפולע פּאָעטען נאָך געווען אַ משל צו אַל־דער ווילדקייט פון אידישען לעבען — איז מיט איינמאָל אַרויס פון אַבראַמאָוויטשעס פעדער מיט אַ יחוס־בריעף פון אַ קלאָרער ריינער שפּראַך.

„די אַלטע באַבעניו״, — ווי דער פּאָעט פרוג האָט אַמאָל גע־שילדערט דעם זשאַרגאָן, — „מיט אַ צורים־ענער־צוביסענער וואַטואווקע אין אַלע מיני משונה קאָליערען, אויף איין פּוס אַ חליצה־שיכעל, אויף דעם צווייטען — אַ ווייסע יום־כפור־זאָק און אויפ׳ן קאָפּ אַ קאָלטען״ — האָט מיט אַמאָל זיך צורעדט אויף אַ לשון, וואָס האָט פערנומען ביי׳ן האַרצען מיט די ריינקייט און לויטערקייט פון די געפיהלען.

שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט אונז געוויזען דעם וואונדער וואָס מיר געדענקען נאָך פון חומש, בשעת בלעם׳ס אייזעל האָט געעפענט זיין מויל. ווער האָט דאָס געקענט גלויבען, אַז דער זשאַרגאָן וועט בכח זיין אונז אַרויסצוגעבען דעם העכסט קאָמפּליצירטען טיפּ פון אַ ר׳ מענדעלע, וועלכער האָט גע׳ירשה׳ט פון פאָלקס־גייסט אַלע זיינע קנייטשען, אַלע זיינע געפיהלען, סיי די אומעטיגע ווי די פרעהליכע, סיי די איראָנישע און סאַטירישע, סיי זיין ליעבשאַפט צו דער נאַטור און צו אַלץ וואָס פּויזעט אין דער נאַטור.

ווי פערוואונדערט שטעהען מיר פאַר די קלאַסישע זייטען פון זיינע ספּור־המעשות, ווען ער שילדערט אונז אַזוינע זאַכען, צו וואָס אויך די נייע העברעאישע ליטעראַטור האָט זיך נאָך לאַנג נישט דער־וועגט צו־צוריהרען.

ווען מיר לייענען די נאַטור־שילדערונגען פון ר׳ מענדעלי — גלויבט זיך גאָר נישט, אַז דאָס איז געמאָלט געווען צו בעשאַפען אין זשאַרגאָן, אין דער פּעראַכטעטער שפּראַכע פון „דינסטמויד און משרת׳ל״.

אויך די וואָס שאָקלען זיך אָב היינט פון יודיש, אויך די וואָס זעהען פאַר׳ן יודיש נישט קיין לאַנגע צוקונפט — מוזען דאָך מודה זיין, אַז אין לויף פון הונדערטע יאָהרען איז יודיש געווען די איינציגע שפּראַכע, אויף וועלכע עס האָבען גערעדט, אַלע, אַלע קלאַסען פון פאָלק. און עס וואָלט געווען אַ גרויסע עם־הארצות, ווען מען וואָלט מיינען, אַז דאָס פעהיגסטע און גייסטיגסטע פאָלק האָט זיך בעו

נוצט מיט אַזאַ איידעלע זאַך ווי אַ שפּראַך, ווי מיט אַ טויטען שייט האָלץ, נישט ווי מיט אַ לעבעדיגע נשמה־הייטעל פון דער כלל׳שער נשמה.

אום אָבער צו בענעהמען די שפּראַך, פיהלען די ציטערדיגע און לייכטע פעדעמלעך פון אַ נשמה־הייטעל, האָט מען געמוזט זיך טובלען יאָהרען לאַנג אין דער נשמה פון דער יודישער מאַסע, האָט מען גע־מוזט האָבען אַ פיינעם אויער, אום צו דערהאָרכען, ווי דאָס נאַטירליכע געפיהל נעהמט אָן דעם פּאַסיגען מלבוש פון דעם געשפּראָכענעם זאַץ, אום צו דערהאָרכען דעם קלאַנג פון די שטומע געפיהלס־ווע לען פון הארצען, וואָס קלאַפּען זיך אָן אָן דעם פעלזען פון גערעדטען וואָרט.

אַלע די וואָס האָבען פאָרגעוואָרפען דעם זשאַרגאָן, אַז דאָס איז די שפּראַכע פון „דיענסטמוידען", האָבען אין זייער בלינדקייט פערגעסען דעם פשוטען אמת, וועלכער איז היינט בעקאַנט איטליכען חדר־יונגעל. זיי האָבען פערגעסען, אַז די דיענסטמויד און דער משרת׳ל זענען די סאַמע געדיכטע מאַסע פון פאָלק, וועלכע קומט אַמווינִיגסטען אין מגע ומשאָ, אין בעריהרונג מיט פרעמדע קולטורען, און השפּעות, וועלכע קאָנסערווירען זיך, ענטוויקלען זיך פיעל נאַטירליכער ווי די קלאַסען פון פאָלק, וואָס זענען דאָס אויבערשטע פון שטויסעל און בעקומען צוערשט דעם קלאַפּ פון טוקאַץ, ד. ה. נעהמען אָן צוערשט די פרעמדע זיטען, מנהגים, ווערען צוערשט בעגאָסען פון די ווע לען פון דער אַלגעמיינער פּראָסטער קולטור, וועלכע מאַכען צונישט דעם חאַראַקטעריסטישען פנים פון איטליכער נאַציאָן.

עס איז געוועזען אַ צייט, חען די פערטרעטער פון דער נייער ריכ־טונג אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, ווי למשל באָדלער, ווערלען, האָט מען געגעבען אַ מיאוסען צונאָמען „דעקאַדענטען" ד. ה. קאַליקעס. די קאַליקעס האָבען זיך אָבער פאַר׳ן צונאָמען נישט דערשראָקען. זיי האָבען געזוכט דעם מיאוסען צונאָמען צוגעבען אַזאַ אינהאַלט, אַז ער זאָל אויפהערען צו קלינגען מיאוס. און דער צונאָמען „דעקאַדענט" האָט מיט דער צייט אויפגעהערט צו זיין אַ זידעל־וואָרט. ביי׳ן נאָמען דעקאַדענט האָט זיך אָנגעהויבען צו דערמאָהנען אָהן די זעלטען פיינע ליעדער פון אַ באָדלער און אַ ווערלען און אין גאַנצען פערגעסען זיין געוועהנליכע מיאוסע בעדייטונג.

דאָס אייגענע איז מיט „דער שפּראַך פון די דיענסט־מוידען".

א דאנק צו ש"י אבראמאוויטש, פרץ, שלום עליכם, פרוג, מאָרים ראָזענפעלד, אש, האָט אונזער יודישע ליטעראַטור בעקומען אַזוינע טיעפע כאראקטעריסטיקען פון אונזער יודיש לעבען, אז מען הייבט שוין אָן גאָר צו בעקומען אנ'אכטונגס-געפיהל צו דער „מויד", וואָס בעזיצט אַזאַ שאַץ, וואָס בעזיצט אזא שפראך, אויף וועלכע די אבראַמאָוויטשעס, פרץ'עס, שלום עליכם'ס קענען אויסדריקען די פּאָעטישע געפיהלען, די קינסטלערישע זעהונגען פון זייער געמיט. ביי'ם זידעל-וואָרט „די שפּראך פון דער דיענסט-מויד" זעהט שוין נישט אונזער אויג די פערשלומפערטע קליינשטעדטעלדיגע „דיענסט-מויד" מיט'ן טשעבער בײ'ן פלומפּ, נאָר א וועלט יודישע מענשען ביי דער אַרבייט, ביי די דאַגות זייערע, ביי זייערע יום-טובים און חתונות, ביי זייערע מסחרים און מסחר'לעך, ביי זייער געדריקטהייט און רחבות הנפש, די יודישע מוטער בײ'ן וויעג, דאָס יודישע מיידעל, ווען עס שפּראָצט אין איהר הארצען א ליעבעס-בלום, דעם פערטראכטען פערחלומ'טען יונגען מאַן, וועלכער זויגט איין די פּאָעזיע פון א שטומער נאַטור.

די „דיענסט-מויד" איז שוין איצט א „קאמער-קעצעלע", ווי די בערלינער רופען דאָס ציכטיגע, ענערגישע, קאָקעטע און פראַנטאָוואַטע דיענסט-מיידעל פון די רייכערע בעל-הבתי'שע הייזער. זי זעהט שוין אוים היינט ווי דאָס שטוב-מערעל אויף פּלאַקאַטען פון די גרויסע שאָקאָלאַדען-פאַבריקען — אין א קלאָר-ווייסע הייבעל אויף דעם גוט פריזירטען קאָפּ און א שנעע-ווייסען פארטוך אויף די שלאַנקע, געזונדטע היפטען. נישט זי יאָגט זיך נאָך דער „מאַדאַם", נאָר די מאַדאַם יאָגט זיך נאָך איהר, און עס זענען שוין פאַרהאַן אין אמעריקא אַזוינע „קאמער-קעצעלעך", וואָס פערלאַנגען אנ'אייגענעם צימער פאַר זיך, און למען-השם א גרויסען צימער, אז מען זאָל קענען אריינשטעלען א פּיאַנאָ. און אין פינלאַנד האָט מען שוין דערלעבט דערצו, אז די קאמער-קעצלעך האָבען ביי זיך אין קעמעריל אנ'אייגענעם טעלעפאָן.

אויך דער זשארגאָן, „די שפּראַך פון די דיענסט-מוידען" איז שוין היינט א גרויסע תקיפות. נישט זי יאָגט זיך נאָך דער גבירה'טע (די העבר. שפּראַך), נאָר פּונקט קאַפּויער. כמעט אין אַלע העברעאישע ליטעראַרישע אויסגאַבען וועט איהר געפינען די נעמען פון די, וואָס זענען גרוים געוואָרען צוליעב דער דיענסט-מויד, וואָס האָבען קונה שם געווען, צוליעב דעם וואָס זיי זענען איינגעדרונגען אין דער שפּראַך פון דיענסט-מויד.

אַנ'אייניקעל דעם ווידען,

ווען אַ יודיש טהעאַטער־שטיק געהט אַרויס פון דער יודישער ענג־שאַפט אויף דער ביהנע פון אַ וועלט־טהעאַטער, — האָבען מיר דאָס צו פערדאַנקען דער דיענסט־מויד, מיט איהרע געזונדע קרעפטיגע אויסלענבויגענס. און ווען איהר וועט אַמאָל זעהען אַ יודישען ליטעראַטאָר מיט אַ פּיאַנאָ און אַנ'אייגענעם טעלעפאָן, האָט מען דאָס אַלץ צו פערדאַנקען דער מויד, מיט וועמען דער ליטעראַטאָר האָט געהאַט שטאַרקע מחזקות.

און דער צונאָמען פון יודיש „די שפּראַך פון דער דיענסט־מויד" האָט היינט בעקומען גאָר אַ נייע בעדייטונג. דער צונאָמען האָט אויפגעהערט צו זיין אַ זידעל־וואָרט ווי אַמאָל „די געלע מיטעלאַלטער־ליכע לאַטע" האָט דאָס אויפגעהערט צו זיין אַ בזיון. דאָס ג ע ל ע איז, אדרבה, געוואָרען די פאַרב, מיט וועלכע מיר שטאָלצירען, ווייל זי דערמאָהנט אָהן די יודישע עקשנות, געזונדע לעבענס־עקשנות. ד"ר הערצל ז"ל, וואָס האָט געגרינדעט די ציוניסטישע בלאַט „די וועלט", האָט מיט אַ כּיון גענומען פאַר דעם בלאַט די ג ע ל ע פ אַ ר ב.

שוין אַוועק די צייט, ווען פרוג האָט זיך געבייזערט אויף דעם האַרטען זשאַרגאָן און האָט געשריעבען:

„איך האָב מיט דעם לעצטען צאָהן
געביסען און געריסען דעם זשאַרגאָן,
געקייט די ליעבע שפּראַך פון אונזער מאַמען,
געפּעפּערט מיט צעזור, געזאַלצט מיט גראַמען,
צו מאַכען זי אַביסעלע האָטש ווייך,
און צו פערדושען יענעם ריח
פון ווילנער מאַרק און דינאַבורגער יאַטקעס
מיט אַלערליי פערוואַלגערטע אַסטאַטקעס,
וואָס שמעקט אויף דרייצעהן מייל אַרום דעם אָרט,
וואו נור עס בליהט האָטש איין זשאַרגאָניש וואָרט..."

איצט פערמאָגען מיר שוין די שטאַרקע פּאָעזיע פון אַ ביאַליק, אין יודיש, און צוגלייך די בלייבע, פאָרעם־רינע, ווייכע פּאָעזיע פון דוד איינהאָרן, דעם קורצען קנאַפּען ליעד פון רייזענען און דעם יונגען ליידענשאַפטליכען ליעד פון שניאור.

אפילו פרוג אַליין האָט אונז בחוש בעוויזען, ווי אַ גוט געבענטש־

טער פּאָעט קען וויך מאַכען דעם זשאַרגאָן און אַרויסטרייבען פון איהם
דעם „ריח פון די יאַטקעס״. זיין ליעד „זאמד און שטערן״ בעווייזט
דייטליך, וואָס פאַר אַ שטראָם פון לירישע געפיהלען עס איז בכח אַרויס-
צורופען די האַרטע שפּראַך פון דער דיענסט-מויד.

ווער איז אָבער געווען דער ערשטער, וועלכער האָט געהאַט
אַ ריכטיגען בליק אויף דעם פעראַכטעטען יודיש? ווער איז אָבער גע-
ווען דער ערשטער, וואָס האָט געהאַט ד'ם מוט, זיך צו גט'ן מיט דער
„מאַדאַם״ און זיך צו פער'קנס'ען מיט דער שפּל'דיגער מויד? ווער איז
צום ערשטען מאָל-צו — צו דעם אָרעמען יודיש אָהן שום כונות, אום זי
אויסצובעסערען, אָדער זיך צו בענוצען מיט איהם אַלס אַ גראָב מיטעל
פאַר דידאַקטישע, מלמדות'ע ציעלען? ווער איז געווען דער ערשטער,
וואָס האָט דערשפּירט אין די גראָבע מלבושים פון דיענסט-מויד און
משרת'ל אַ נשמה פון אַ גרויסען יודישען קבוץ מיט אַנ'אייגענטהימליכער
שפּראַך? ווער איז דאָס געווען, ווען נישט ש. י. אַבראַמאָוויטש, וואָס
האָט שוין דענמאָלסט גע'שמ'ט אין דער יודישער ליטעראַרישער וועלט
אַלס אַ גרויסער העברעער און אַ טאַלענטפאָלער שרייבער.

אַבראַמאָוויטש, ווי בעקאַנט, דערצעהלט אין אַנ'אויטאָביאָגראַ-
פישער נאָטיץ, ווי אַזוי ער איז אַריבער פון דער „מאַדאַם״ צו דער
„שפחה״. ער שרייבט: „אָט בין איך דער, וואָס האָט געזוכט איינצודרינ-
גען אין אינערליכען לעבען פון אַ פאָלק, אום צו שילדערען עס דער-
נאָך אין דער שפּראַך פון די נביאים. צי איז דאָס נישט אָבער אַנ'אמת,
אַז דער גרויסער טייל פון פאָלק פערשטעהט נאָר נישט די שפּראַך און
קען נור דעם זשאַרגאָן? צו וואָס ניצט די גאַנצע גייסטיגע אַרבייט פון
אַ שרייבער, ווען דאָס פאָלק פערשטעהט איהם נישט? און מיך פער-
פאָלגט כסדר די פראַגע! פאַר וועמען אַרבייט איך דען? אונזערע
ליטעראַטען בעטראַכטען דעם זשאַרגאָן פון אויבען אַראָב און האָבען איהם
נור פעראַכט. און ווען איינער לאָזט זיך שוין אַראָב אַזוי ניעדריג, דאָס
ער שאַפט עפּעס אין דער פעראַכטעטער שפּראַך, — טהוט ער אַלעס
מעגליכע, אַז עס זאָל בלייבען די מעשה בסוד, ווייל דאָס קען אָפּ-
שוועכען זיין כבוד ביי לייטען. דער געדאַנק, אַז שרייבענדיג אין יודיש,
וועל איך אויפהויבען געגען מיך די עפענטליכע מיינונג, האָט מיך זעהר
בעאונרוהיגט, נאָר דאָס בעוואוסט-זיין, אַז מיין טהאַט איז ניצליך, האָט
סוף כל סוף אַרויסגערופען ביי מיר אַ טיעפע בושה, וואָס איך טראַכט
נאָר וועגען אַזעלכע זאַכען, און איך האָב צו זיך אַליין געזאָגט: זאָל

זיין, וואָס עס וועט זיין! איך וועל אַרבייטען צווישען די ערשטע פּאַר'ן זשאַרגאָן, און איך וועל ניצליך זיין מיין פאָלק״.

די ציטירטע ווערטער צייגען, חוץ דעם וועג, ווי אַבּראַמאָוויטש איז געקומען צו יודיש, נאָך אַ זאַך. זיי דריקען אויס דעם געדאַנקען, אַז איטליכער שרייבער מוז זיין אַ דיענער בּיי'ן פאָלק, מוז שטענדיג האָבּען דעם געדאַנקען, אַז די ליטעראַטור האָט נאָר דאַן אַנ'עקסיסטענ'ץ-בּערעכטיגונג, כּל זמן זי דיענט אַ גרויסען קבוץ, זי גיעט זיך אָבּ די אינטערעסען פון אַ גרויסען כלל.

און אַזאַ בּעציעהונג צו דער ליטעראַטור איז פאַר 50 יאָהר בּיי יודען אין רוסלאַנד געווען אַ גאָר נייע בּעציעהונג. מיט ווייניגע אויסנאַהמען, האָבּען די שרייבּער זיך מעהר געשפּיעלט מיט דעם געדרוקטען וואָרט, זיי האָבּען נישט בּענומען דעם סאָציאַלען ווערט פון דער ליטעו'אַטור, האָבּען איבּערהויפּט נישט פערשטאַנען, אַז מיט דעם בּכבודיגען נאָמען „שרייבּער בּיי יודען״ זענען פערבּונדען ערנסטע פליכטען און אַ געוויסע פעראַנטוואָרטונג.

שלום יעקב אַבּראַמאָוויטש איז אויפגעוואַכסען און האָט זיך ענטוויקעלט אין אַ צייט, ווען אויף דעם דונקעלען הימעל פון רוסישען לעבּען האָבּען געלויכט אַזוינע שטערן, ווי בּעלינסקי, פּיסאַרעוו, גאָגאָל, טורגעניעוו און אַנדערע, בּשעת עס איז געבּאָרען געוואָרען בּיי די רוסען אַ דור, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע פעראַנטוואָרטונגס-געפיהל פאַר זייער פאָלק. און די צייט מיט איהרע אידעען און גרויסע קונסט-בּעגאַבּונג האָט אויך בּעריהרט דעם יונגען שלום יעקב אַבּראַמאָוויטש, וועלכער איז צוערשט אויפגעטרעטען אין דער ליטעראַטור אַלס פּובּליציסט און קריטיקער און שפּעטער אַלס קינסטלער. ווי פּערצייטען טורגעניעוו האָט אַראָבּגענומען דעם כּשוף פון די אויגען מכּח דעם רוסישען פאָלק, דאַדורך וואָס ער האָט איהם פאָרגעשטעלט אין זיינע „זאַפּיסקי אָחאָטניקאַ״ אַלס אַ פיעל בּעגאַבּטערע, קליגערע, איידעלערע מאַסע, ווי מען האָט זיך בּיז אַהער פאָרגעשטעלט די רוסישע פאָלקס-מאַסע, אַזוי האָט אַבּראַמאָוויטש דורך זיינע פיינע אַנאַליזע און דורך די נייע אָריגינעלע אַרט, צו זעהען, וואָס עס טהוט זיך בּיי'ן יודען אין האַרצען, — ענדעקט פאַר'ן לעזער גאָר אַ נייעם שטייגער יודען, מיט גאָר אַ נייע אַרט דענקען און פיהלען. אַלס בּיישפּיעל פון דעם נייעם אַרט זעהען וועלען מיר נור נעהמען בּיי אַבּראַמאָוויטשען די נאַטורשילדערונגען, וואָס זענען גע-

פיהלט מיט א יודיש הארץ און בעשריעבען געווארען אין די ווערטער פון א נאטירליכער פאלקס־שפראכע.

די דאזיגע שילדערונגען זענען אנ׳אמת׳ע ענדעקונג געווען פאר׳ן לעזער. דען אייביג איז מען געווען געוועהנט זיך פארצושטעלען דעם יודען מיט א פערקאטערטען נאז, א שוואכען אויג אויף צו זעהן די שענקייטען אין דער נאטור. און מיט א מאל גיעט אונז אבראמאוויטש א בילד פון א שטענדיג הייסען זומער־טאג און שטעלט אונז פאר א נאטור־פייזאזש, וואס הייבען זיך אן מיט די קלאר געמאלטע יודישע ווערטער:

„דער הימעל איז בלוי, לויטער אהן א פיצעל וואלקען. די זון בראט, סמאליעט, עס וועהט נישט קיין ווינטעלע, מען פיהלט נישט קיין ליפטעלע. די תבואה אויף די פעלדער, די בוימער אין די וועלדער שטעהען שטיל ווי צוגעשמידט א. ז. וו. (זעה פישקע דער קרומער).

אדער באלד דערויף אין אייגענעם בוך דאס בילד פון א זומער־פארנאכט, נאך א שטיקענדיג הייסען זומערדיגען נאך־מיטאג.

דאס קלאסיש געמאלטע בילד פון די בהמות און חיות אין „פישקען”, וואס האבען זיך פערזאמעלט ביי די פויערשע וועגלעך פאר א יודישער קרעטשמע, דאס שטומע און צוגלייך דאס בערעדעווענדיגע אין דעם אריגינעלען געמעל — ווייזען, אז דער יודיש פערמאגט אזעלכע אויסדרוקס־מיטעל פאר די שטומע לעבעדיגע נאטור, פון וואס פאר אבראמאוויטשען האט מען נאך קיינמאל נישט גע׳חלום׳ט אפילו. און די בעשרייבונג פון שטורם מיט א שלאקס־רעגען אין דער „קליאטשע” בעווייזען, דאס די יודישע שפראכע פערמאגט אויך גענוג אויסדריקען, אום צו מאלען עלעמענטארע סטיכישע נאטור־קרעפטען.

אבראמאוויטש איז דער ענטדעקער פון דער יודישער נאטור־בעטראכטונג פון יודישען פייזאזש, וואס פליעסט אפט צוזאמען מיט דער טרויעריגער נשמה פון מעלאנכאלישען יודען. ער האט, קען מען זאגען, מגייר געווען די נאטור, ער האט זי אונז געשילדערט מיט א שפראכע, וועלכע איז ביז איהם נאך אויף דער וועלט נישט געווען, און וועלכע פאסט אזוי צום פאלקס־גייסט פון דער גרויסער יודישער מאסע. מ. ראזענפעלד, טיילווייז פרוג און כמעט אלע אונזערע היינטיגע פאעטען שטעהען אין דער נאטור־שילדערונג אונטער דעם איינפלוס פון אבראמאוויטשעס שפראכע. ער האט ווי ענטפלעקט פאר אונזער ליטעראטור דעם

שליסעל צו אַ פערמאַכטער טהיר, אַ צייט לאַנג פערמאַכט פאַר די בעסטע פון אונזערע ליטעראַטען.

ר' מענדעלי האָט אונז בחוש בעוויזען, אַז דער יודישער שפּראַך־שאַץ האָט אַ גאַנצע רייה פון פּאָעטישע בילדער און פערגלייכונגען, וועלכע עס זענען נור מעגליך ביי אַ פאָלק, וואָס איז נישט בלינד צו דער ברייטער שטומער נאַטור, וואָס איז בכח זי אָנצופילען מיט איהרע אייגענע געפיהלען, וואָס מעסטען די אייגענע נשמה מיט דער נשמה פון דער נאַטור, מעסט זיך מיט איהר, און לאָזט זיך מעסטען דורך איהר.

דען וואָס איז דער גרויסער שרייבער און פּאָעט, ווען נישט דער גרויסער האָרכער, דער אויפמערקזאַמער פיינפיהלענדיגער אויער פון פאָלק, צו וועמען ער געהערט אָן. און אויך ש. י. אַבּראַמאָוויטש איז אַלס ערשטער און גרעסטער שרייבער ביי יודען אין 19־טען יאָהרהונדערט געווען דער האָרכענדיגער אויער פון זיין פאָלק, וואָס האָט צוערשט ריכטיג בענומען די אייגענאַרטיגקייט פון זיין שפּראַך און צוגלייך מיט זיין שפּראַך, זיין פערשטעלטע נשמה, דעם שליסעל צו אַ פערשלאָסענער טהיר.

צו די פיעלע ענטדעקונגען, וואָס ער האָט געמאַכט בנוגע צום יודישען כלל — האָט ער נאָך געפונען אין זיין נשמה אַ פעלבעלע, וואָס איז אפילו פאַר'ן כלל אַליין געווען אַ וואונדערליכער חדוש

און לייכט איז איהם געוואָרען דער דאָרניגער וועג פון אַנ'ענטדעקער, וויל איידער ער איז געגאַנגען אַ טריט ווייטער אויף דעם וועג פון דער שילדערונג פון גלות־אידען, האָט ער פאָרויס־געשיקט זיינע גאָטגעבענשטע אויערען, אום צו דערהאָרכען די שטילע פיינע גערוישען פון אַ קאָלעקטיווער נשמה. דען סוף כל סוף איז איטליכער טאַלענט, איטליכער גרויסער פּאָעט אַנ'אויפמערקזאַמער האָרכער. ער איז דער גייסטיגער אויער פון זיין פאָלק. און קודם כל האָרכט ער זיך צו צו דער נאַטירליכער שפּראַך פון זיין פאָלק.

שלום יעקב אַבּראַמאָוויטש איז דער ערשטער גרויסער האָרכער דער ערשטער, וואָס האָט מיט גאונישען געהער זיך צוגעהערט צו דער שפּראַך פון זיין פאָלק.

די שפּראַך פון יעדען קבוץ איז דאָס דינסטע לעצטע הייטעל פון זיין נשמה. און ר' מענדעלי, וואָס האָט זיך שטענדיג צוגעהאָרכט צו דער יודישער שפּראַך, זיך אייביג גע'טובל'ט אין דער יודישער פאָלקס־נשמה — האָט זיך ממילא בעצויגען מיט דעם דאָזיגען הייטעל.

מענען דורות פערגעהען, שטענדיג וועלען מיר מוזען געהען צו ר׳ מענדעלין לערנען די שפראך, אויף וועלכע עס רעדט און טראכט די יודישע מאסע, דער יודישער כלל.

II.

שלום יעקב אבראמאוויטש האט אנגעהויבען צו שאפען אין דער צייט, ווען די אינעוועניגסטע צוריסענקייט בנוגע צו דער שפראך האט נאך נישט בעקומען ביי יודען דעם טראגישען כאראקטער, וואס היינט. די מאסע פון אלע קלאסען האט געלעבט מיט׳ן זשארגאן און מיט׳ן לשון־קודש. דער פראסטער יוד האט גערעדט אויף מאמע־לשון, און ווען ער האט געוואלט, זיין וואכענדיג שפראך בעפוצען מיט פליטער־לעך, האט ער אריינגעבראקט לשון־קודש׳דיגע ווערטער. דער יודישער בעל־הבית האט געשריעבען זיינע סוחרישע בריעף אויף א לשון־קודש, וואס איז געווען א צוזאמענגעוואקסענע פערזעהעניש פון יודיש־דייטש און העברעאיש. די לערנער, די לומדים, די כלי־קודש האבען זיך אויסגעארבייט א בית־מדרש־שפראך, א משונה׳דיגע שפראך פון ספעציא־ליסטען־פאבלייט, און וואו דער תרגום־גמרא־און משנה־לשון האבען גע־מאנצט א קארערארד אינאיינעם מיט עברי־טייטש און תחינות־שפראך.

צו יענער צייט האט מען זיך וועניג מצער געווען דערויף, וואס דער יוד וואכסט אוים אהן א שפראך. אמת, די משכילים האבען בע־נוצט דעם בעגריף „אנ׳אומה אהן א לשון״. אבער די דאזיגע פראזע האט געהאט ביי זיי גאר אנ׳אנדער טייטש, וואס היינט. דאס האט גע־הייסען, אז דער יוד בלייבט אהן א לשון, ווען עס קומט איהם אוים צו האבען צוטהאן מיט א נישט יודישער בעפעלקערונג. נישט צו אנ׳אייגע־נער שפראכע האבען זיי דאמאלסט געשטרעבט, נאר צו דער לאנדעס־שפראכע, וועלכע איז אזוי נויטיג דעם יודען אין פשוט׳ן גשמיות׳דיגען לעבען, אום זיך צו קענען צונויפרעדען מיט דעם פאלק, צווישען וועלכען ער לעבט.

ערשט אין די לעצטע 25 יאהר, ווען עס האט אנגעהויבען שפראצען ביי יודען א נאציאנאלעם געפיהל, איז די שפראך־פראגע גע־

האָרען בײ אונז אַ ברענענדיגע פראַגע, אַנ'אָפענער װאונד פון קראַנקען יודישען אָרגאַניזם. חאָטש אַלע טהעאָרעטיקער פון נאַציאָנאַליזמוס בײ יודען האָבען זעהר קלוג בעװיזען, אַז אַ פאָלק אָהן אַ טעריטאָריע, אָהן אַ שפּראַך, אָהן װאָס עס איז פאַר אַנ'אױטאָנאָמיע הערט נישט אױף צו זײן אַ פאָלק, — פונדעסטװעגען האָט מען אינסטינקטיװ געפיהלט, אַז די עקסיסטענץ פון אַזאַ מין פאָלק—אַ מין פײנקוכען אָהן פוטער און אײער—קען נישט האָבען לאַנג קײן קיום. און צוגלײך מיט דער שטרעבונג צו אַ טעריטאָריע האָט מען אָנגעהױבען בענקען נאָך אַנ'אײגענער שפּראַך. און אַזױ װי בײ אונז אָרימע יודען איז שטענדיג דאָ אַזאַ מאָדנע עשירות, װאָס פערמאָגען נישט אפילו די רײכסטע נאַציאָנען — האָבען מיר פלוצים ענטדעקט בײ אונז צװײ שפּראַכען: יודיש און העברעאיש, אײנע — װאָס לעבט אין די ספרים, די צװײטע — אין מויל פון פאָלק. און באַלד האָבען זיך צװישען די יודישע נאַציאָנאַליסטען געבילדעט צװײ פּאַרטײען: העברעאישיסטען און יודישיסטען.

שלום יעקב אַבראַמאָװיטש, װאָס איז נאָך דער גאַנצער ערציעהונג זײנער װײט געװען פון די שפּראַכפאַנאַטיקער, האָט נישט װילענדיג געשפּיעלט אײנע פון די גרעסטע היסטאָרישע ראָלעס אין דעם דאָזיגען קאַמפּף. אַ דאַנק דעם װאָס ער האָט בעשאַפען דורך זײנע קינסטלערישע און פאָלקספּובליציסטישע װערק אַ ליטעראַטור פאַר דעם אָרעמען יודיש, האָט ער איהם ממילא געגעבען אַ פעסטונג, הינטער װעלכער די יודישיסטען פערפאַנצערען זיך, װען דער שטומער העברעער מיט זײן שטאָלצער ליטעראַטור-שפּראַך פאַלט אָן אױף דעם לעבענדיגען יודיש, װאָס איז נישט בכח געװען צו שאַפען עפּעס אײביגעס, חאָטש אַ שטיקעל ליטעראַטור. דער יודישיסט פּאָכט זיך דאַמאָלסט, װי מיט אַ שטאַרקען כּלי זײן, מיט ר' מענדעלעס נאָמען, און טײטעלט מיט די פינגער אױף אַ „פישקע דעם קרומען", אַ „װינשפינגערל", אַ „מסעות בנימין השלישי", אַ „ר' שלמה בן חיים", אַ „קליאַטשע", װאָס זענען בײ איהם די סימבאָלען פון עכטע קונסטװערק, פון טיפערע פאָלקס-פּובליציסטיק, פון אַ פּראַכטיגען הומאָר, פון אַ טיעפער סאַטירע, די סימבאָלען פון דעם יודישען גלות-לעבען נישט נאָר אין דער לעצטער צײט, נאָר אױך פון גלות-לעבען אין אַ משך פון הונדערטער יאָהרען, צײט דער גלות האָט אָנגענומען דעם פּנים און דעם הלוך פון דער פּױליש-ליטװישער װעלט אוז איהר נאַטור.

ר' מענדעלי, װאָס איז צײט די אַכציגער יאָהרען געװאָרען דער

רעפאָרמאַטאָר פון דער העברעאישער פּראָזע־שפּראַך און האָט אַוועק־געלעגט אַזוי פיעל גאונישע כוחות אום זיך צוריקצוקערען צו דער שפּראַך, פון וועלכער ער האָט זיך מיט אַ דור פריהער מיט אַ כּיון אָפּ־געווענדט — איז נישט בכח געווען אויסצומעקען די היסטאָרישע טהאַט־זאַכע, וואָס ער האָט איינמאָל פאַר אַלע מאָל בעשאַפען. ער האָט דעם זשאַרגאָן דערהויבען צו אַ הויכער מדרגה, ער האָט פאַר איהם אויס־געאַרבייט אַ יחוס־בריעף פון אַ שפּראַך מיט אַלע רעכטען פון אַ נאַטיר־ליכער, פאָלקסטהימליכער שפּראַך. און אויך שפּעטער, ווען שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט דורכגעפיהרט די רעפאָרם פון דער העברעאישער שפּראַך — האָט ער עס נור צו פערדאַנקען דער טהאַטזאַכע, וואָס ער האָט צוזאַמענגעפּאָרט דעם גייסט פון דער זשאַרגאָן־שפּראַך אינאיינעם מיט דעם גייסט פון משנה־און מדרש־לשון. אַזוי ווי דער גערטנער פערפלאַנצט אַ יונג צווייגעל אין שטאַם פון אַנ׳עלטערען בוים, אום צו בעקומען דערנאָך פרישע שפּראָצונגען, אַזוי האָט אַבראַמאָוויטש פערפלאַנצט דעם יודישען גלות־גייסט אין אַלטען בוים פון משנה־גמרא־און מדרש־גייסט און בעקומען דאַדורך אַ נייע בעשעפעניש ווי אַ „בסתר רעם״ און אַזוי ו.

און ווען דער מאָדערנער העברעאיסט פיהרט אַ מלחמה מיט׳ן יודישיסטען, מוז ער נעבעך הערען די טענה, אַז ווען נישט דער יודיש, וואָס האָט זיין יונג בלוט איבערגעגאָסען אין אַלטען העברעאיש, וואָלט שוין לאַנג פון לעצטען קיין זכר נישט געווען אין געוועהנליכען טעגליכען געברויך; אַז נאָר דעם קלאַסיקער און שעפּפער פון דער יודישער ליטעראַטור, ש. י. אַבראַמאָוויטש, וואָס האָט געחאַפּט דעם שטייגער פון זשאַרגאָנישען גלות־יודען וואָס האָט בענומען דעם גייסט פון פּשוטען וואָכענדיגען מאַסעניודען — האָט דער היינטיגער העברעאיסט צו פער־דאַנקען, וואָס יודישע קינדער לייענען אַמאָל אַ העברעאיש קינדער־זשורנאַל, וואָס דאָס העברעאיש האָט אויפגעהערט צו זיין אַ „לשון־קודש״, זונדערען אַ וואָכענדיגע שפּראַך מיט דעם גייסט פון מאַרק, פון פּאָלק, פון דער מאַסע, מיט דעם גייסט פון פעראַכטעטען זשאַרגאָן.

אָם צו בעגרייפען די גרויסע איבערקעהרעניש, וואָס ר׳ מענדעלי האָט געמאַכט מיט זיינע יודישע ביכער אין גייסט פון פּאָלק, לאָמיר נעהמען די ווערטער פון ר׳ מענדעלי׳ן אַליין, ווען ער שילדערט אונז אַ יודיש קינד, וואָס האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אויף ריינעם לשון־קודש. „שלמה׳לע נאָך אַ יונג קינד איז פערוואָגעלט אין מצרים, אין

די לענדער פון סיחון און עוג מלך הבשן און נבוכדנצר מלך בבל, דער קאָפּ ליעגט איהם אין ים=סוף, אין דעם ים המלח, אין דעם טייך פרת, אין דעם ירדן. פאַר איהם געפינען זיך מיני מענשען, מיט וועלכע מען דאַרף רעדען לשון=קודש, עפּעס נאָר תרגום, מען זיצט בּיי זיי אין די געצעלטען, מען רייט אויף מוילאייזלען און קעמלען, מען טרינקט פון אַ „לאָגעל״, מען געהט בּאָרפּים און טראָגט נאָזבּאַנדען אַלצדינג ווי דער שטייגער איז. אונזער נאַטור דאָ מיט איהרע געוועקס... געהער זיך מיט שלמה׳לען נישט אָן. וואָס מאַכט איהם אויס פעלדער מיט תבואה—קאָרען, רעטשקע, קאַרטאָפלעס, פון וואַנען ער עסט אַ „קרופּניק״ מיט בּרויט אַלע טאָג? וואָס וויים ער אַ סאָסנע, בּערעזענע און דעמבּענע בּוימער? ער ווייס נאָר בּיי זיך אין האַרצען: וויינגערטנער, טייטלען, פייגען, מילגרוימען און איילבּערטען, פּימפּסענהאָלץ און בּאָקסען=בּוימער. פון לעבּעדיגע מיני בּעשעפּעניש ווייס ער אַ ווייזילטיר, אַ לינדענוואָרם און אַ פּיפּערנאָטער, אַ לעמפּערט, אַ אינד, וואָס טהוט טהאָן געלוסטען אויף קוואַלען וואַסער, אַ שור=הבר און אַ טירקעלטויב. הכלל, שלמה׳לע איז נאָר אַ געבּירטיגער דאָ און אַליין איז ער עפּעס ווי ניט קיין היגער, לעבּט ערגעץ דאָרט, דאָרט... זיין צייט איז — פערצייטען, און זיין וועלט איז אַ יענע, וואָס אַמאָל, דאָ איז ער אַ גר און דאָרט — אַנ׳אַלטגעזעסענער; ער קומט אַ היים נאָר אויף אַ ווײַלע, ווי אַ גאַסט אויף דער סטאַנציע, עסט אָבּ, נעכטיגט איבּער — און מאַרש אַהין, ווייטער טאַקע אַהין״. (ז. שלמה ר׳ חיים׳ס ז. 39) אַ דאַנק זיין „פּישקען״ און אַנדערע ווערק האָט ר׳ מענדעלי געמאַכט פון דעם נישט היגען, פון דעם גר אַ קאַבּצאַנסקען תושב, אַ רעאַלען מענשען, וואָס לעבּט שוין נישט מעהר אויף אַנ׳עולם התועה. דאַדורך וואָס ער האָט זיך בּענוצט מיט דער שפּראַך פון לעבּענדיגען כּלל, האָט ער ווי מיט אַ כּשוף פערטריעבּען די פּיפּערנאָטערם און לינדענווערם, די פאַנטאַסטישע מטושטש׳ע בּילדער, וואָס האָבּען פאַר׳ן אויג פערשטעלט די לעבּעדיגע רעאַלע וועלט. און שפּעטער, ווען צוליעבּ פערשיעדענע סבּות האָט ער רדומנות בּעקומען אויפ׳ן לשון=קודש, וואָס צוליעבּ זיין ראָמאַנטישען חאַראַקטער האָט אויפגעהערט צו זיין אַ רעאַלע לעבּענסקראַפט — האָט ער געזוכט ווי מיגליך אַריינצוברענגען אין איהם די העויות, דעם ריטהמוס, דעם קנייטש פון פּראָסטען יודיש, האָט ער געפּרובּט איהם געבּען דעם לעבּענס=פולס פון היינטיגען יודען. דער לעזער, וואָס פערטיעפט זיך היינט אין

„בעמק־הבכא", (אנ'אויטאָריזירטע איבעראַרבייטונג פון „חינשפיננערל" אין העבראיש). פיהלט שוין נישט דאָס, וואָס אַ מאָל דער קליינער שלמה'לע, ווען ער האָט נישט דערקענט אַ דעמבאָווען בוים, וואָס איז געוואַקסען נישט ווייט פון זיין חדר, און וואָס האָט גע'חלומט וועגען אַ „צעדער אין לבנון", וואָס זיין אויג האָט דאָס קיינמאָל נישט געזעהען און גאָר נישט געהאַט די מיגליכקייט צו זעהען.

זעלטען ווען אַ גאָטגעבענשטער טאַלענט האָט אַזוי בעוויזען די קראַפט פון פעראַכטעטען געררעדטען יודיש, ווי דער וואָס האָט יאָהרען לאַנג זיך אָבגעגעבען צו דערפרישען, בענייען און צו מאָדערניזירען דעם העבראיש. קיין בעסערען בעווייז קען מען נישט ברענגען פאַר די לעבענדיגקייט און קראַפט פון דער פאָלקס־שפראַך, ווי די טהאַטזאַכע, אַז מען מוז זיך גראָבען אין זיין גייסט און אָבצופרישען דעם אַלטען אָבגעלעבטען קערפער פון דער אַריסטאָקראַטישער אַלטער העבּראַאישער שפראַך.

מען דערצעהלט אַ מעשה אַז אום צו ראַטעווען איינעם אַ פויבסט פון אַלטערס־שוואַכקייט, וואָס האָט זיך געמוזט ענדיגען מיט'ן טויט, האָבען אַ פּאָר פראָסטע יונגע לייט געלאָזען איבערגיסען זייער יונג בלוט אין צוקנייטשטען אַלטען קערפער פון זקן. פון דער אָפּעראַציע זענען, נעבעך, די יונגע לייט גיך אַוועק פון דער וועלט, וועהרענד דער זקן איז אויפגעשטאַנען אַ געזונדער לעבּעדיגער פון בעט. דאָס איינענע האָט שלום יעקב אַבּראַמאָוויטש געטהאָן מיט דעם אַלטען לשון־קודש. דער חלוק איז נאָר דער, וואָס דער יודיש איז נישט דאָס בלוט פון עטליכע יונגע לייט, זיין גייסט שטאַמט פון אַ גרויסען קבוץ און ער האָט אַ הונדערט־יאָהריגע היסטאָריע די אָפּעראַציע, וואָס אַבּראַמאָוויטש האָט געמאַכט, פערזשאַרגאָניזירענדיג דעם העבראיש, האָט דעם יודיש נישט אָבגעשוואַכט. אדרבה, ער האָט בולט בעוויזען, ווי נויטיג עס איז זיין קיום דאַמיט עס זאָל סטאַיען בלוט אויף ווייטערדיגע אָפּעראַציעס.

III.

עס וועט נישט זיין קיין גוזמא, ווען מיר וועלען זאָגען, אַז מיט אַבראַמאָוויטשען הויבט זיך אָן אין דער ליטעראַטור דאָס רעאַלע פערהעלטעניס פון יודען צו זיך אַליין. אָדער רעדענדיג מיט ר׳ מענדע־לעס ווערטער: דער נישט היגער יוד, ווערט מיט אַמאָל אַ היגער. אין „מסעות בנימין השלישי" גיעט אונז אַבראַמאָוויטש אַ הומאָרפאָלען בילד פון דער גייסטיגער ענגשאַפט פון יודישען לעבען אין מיטען פון 19־טען יאָהרהונדערט. בנימין און זיין חבר סענדערל די יודענע — אַ מין דאָן קישאָט און סאַנחא־פאַנחא — ווייזען אונז די צווי גענענגעזע־צע פון דאַמאָלסדיגען יודישען לעבען, דעם אידעאַליסטען און דעם פּראַקטישען. און ביידע שטעלען זיך אַרויס פאַר אונז אין זייער פינס־טערער בלינדער גייסטיגער בעגרענצטקייט. אין „פישקען" און „ווינשפינ־גערל" חייזט אונז ר׳ מענדעלע דעם יודען אין זיין גשמיות׳דיגען און גייסטיגען לעבען. מיר זעהען דעם יודען ביי דער טאָרבע, ביי דער גרויסער יודישער טאָרבע, מיר זעהען איהם אין זיין קאַמפף פאַר אַנ׳ אָרעמע שטיקעל חיונה. און צו אונזער גרויסער פערוואונדערונג בע־מערקען מיר, אַז אַלץ וואָס דער יוד טהוט אום זיך צו דערנעהרען, אַז זיין גאַנצעס מאַטעריעלעס לעבען איז אַזוי אָרעם, גייסטיג עלענד און טראָגט מעהר אויף זיך די סמנים פון אַ לעבען; אין דער אמת׳ן איז דאָס אַ נאַרישער, בלינדער קאַמפף מיט די תאוות פון אַ מאָגען, וואָס איז „נישט גרעסער פון אַ כזית", וואָס איז אייגגעשרומפען פון נישט עסען. אַלע יודישע עסקים האָבען עפּעס אַ טעם, ווי די באַוועלגע ציצה, וואָס זעהט זיך אַרויס פון אַ יודענס קאַפּטאָן. עס איז מעהר נישט ווי אַ זכר צו דעם אַמאָליגען תכלת. מיט די אַמאָליגע שענע פראַנזען פון אַ יודישען בגד האָט דאָס נישט מעהר צו טהאָן, חוץ דעם נאָמען זיינעם.

דאָס אייגענע איז מיט דער יודישער רוחניות, האָטש זי גיעט אַ גרויסע לינדערונג דעם יודישען קבוץ און בערוהיגט אָפּט דעם צוועה־טאָגטען יודען אין קלויז ביי אַ בלאַט גמרא, אָדער ביי אַ חוניש שטיקעל — דאָך האָט זי קיין שום שייכות נישט צו דעם לעבעדיגען קאָכענדיגען טאָג אַרום.

דאָס יודישע גייסטיגע לעבען איז אַזוי אָבגעריסען פון זיין מאַטעריעלען לעבען, ווי דאָס לעצטערע פון לעבען בכלל.

אין אַבראַמאָוויטשעס וועלט איז דער יוד צוריסען אין מעהרערע שטיק און ער מאַכט אויף דעם בעאָבאַכטער דעם אייגענעם איינדרוק, ווי מאַנכע ריעזען־שלאַנגען, וואָס מען האָט אָבגעהאַקט דעם קאָפּ פון לייב: סיי דאָס לייב מאַכט קאָנוואולסיווע בעוועגונגען, סיי דער קאָפּ שטעקט ארויס זיין צונג און חאַפּט זיך בייסען מיט זיינע גיפטיגע צייהן. דער יוד אין קלויז איז נאָר אַ האַלבער יוד; אויפ׳ן מאַרק איז נאָר דער לייב זיינער. און אין ערגעץ איז ער נישט קיין גאַנצער, און אומעטום איז דאָס נאָר אַ זכר פון אַ לעבעדיגע בעשעפעניש.

מיט אַבראַמאָוויטשען הויבט זיך אָן די גאַנצע פּעראַכטונג צו אַ קבוץ, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט דעם געדאַנקען, אַז דער אויבער־שטער אַליין האָט זיי אויסדערוועהלט צווישען אַלע פעלקער, און וואָס איז אין דער אמת׳ן דער ערגסטער עקזעמפּלאַר אונטער די פעלקער, וואָס לעבט שטענדיג אַ האַלבען לעבען, וואָס שלעפּט־נאָך נאָך זיך אַ טויטען גוף, און טראָגט אויף זיך אַ מוח פון אַ פערחלום׳טען נישט היגען מענשען.

אַ דאַנק ר׳ מענדעלי׳ס רעאַליזם האָט דער יוד זיך דערפיהלט אַלס אַ בריה, וואָס איז דורך און דורך נישט צוגעפּאַסט צום לעבען, האָט זיך אָנגעהויבען אַ קלערערעס קריטישעס פערהעלטנים צו זיך אַליין, אַלס צו אַ קינד פון אַ פאָלק, וואָס פאָדערט נייע אידעאַלען אום אויפגעבויט צו ווערען.

שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, וואָס איז אַ קינד פון דער השכלה־עפּאָכע, וועלכע האָט צוערשט אָנגעהויבען רעאַל צו דענקען, האָט טיעפער בענומען די אידעען פון זיין עפּאָכע, אַלס אַלע אַנדערע פון זיינע צייט־חברים. אין דער צייט, ווען די מייסטע פון דער עפּאָכע האָבען זיך נאָר בעגענוגענט מיט אַנ׳אָבערפלעכליכער קריטיק — האָט ער גענוי־מען פאַנאַנדערצוגליעדערען דעם גרויסען יודישען קבוץ, די הויפּט־סבה פון אַלע יודישע נישט־נאָרמאַליטעטען. און ווען מיר ווילען פעראייניגען די רינגען פון אונזער היינטיגער צייט מיט דער צייט פון דער השכלה־עפּאָכע — מוזען מיר זיך צוערשט פעראייניגען מיט אַבראַמאָוויטשען, וועלכער איז דער נאַטירליכער איבערגאַנג פון היינט צום אַמאָל. און ווען מען נעהמט אין בעטראַכט די הויפּט־מעלה פון ר׳ מענדעלעס שאַפען, וואָס איז דער קרוין פון זיינע ווערק — דענמאָלסט ווערט אונז נאָך דאָס אַ סך קלערער.

די הויפּט־מעלה פון אַבראַמאָוויטשען בעשטעהט אין דער פּאָז־

טאַזיע צו זעהען אין איטליכען פּרט דעם כּלל, אין איינצעלנעם דאָס אַלגעמיינע און אַזוי דאָס קונציג צו מאָלען, אַז אוים יעדעם פּרט שיינט אַרויס דער כּלל. און דאָס קאָנען נאָר די, וואָס זעהען דאָס לעבען סינטעטיש, ביי וועמען דער שטראָם פון מענשליכען קיום צופאַלט נישט אין איינצעלנע טראָפּענס. נור די נשמה, וואָס טובל'ט זיך אין אַ ברייטערען לעבען, ווי דאָס אייגענע פּערזענליכע, וואָס זעהט די וועלט נישט דורך די שפּאַקולען פון אייגענעם ענג-עגאָאיסטישען בליק, איז בכּח צו זעהען און צו פיהלען שטענדיג דעם גרויסען כּלל, די אַלגעמיינע נשמה פון אַ קבוץ. און ביי ווענינען פאַר און נאָך אַבראַמאָוויטש'ן געפינען מיר אַזאַ ברייטען סינטעטישען קוק אויפ'ן יודישען לעבען.

IV.

צייט שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט אָנגעהויבען שאַפען, זענען אַוועק 50 יאָהר. און חאָטש דאָס יודישע לעבען האָט זיך אין דער צייט געענדערט אַ ביסעל, דענאָך האָט עס נישט אוספּעיעט אינגאַנ־צען אויסצומעקען די גרונדציגע פון יודישען לעבען. נאָך עד היום זעהען מיר פאַר זיך די וואָכענדיגע קדושה אין יודענס לעבען, ווי ר' מענדעלע האָט אונז זי געשילדערט אין זיינע פערשיעדענע ווערק, ד. ה. דער גענענזאַץ פון גייסטיגען און מאַטעריעלען לעבען אין אונז און דער כּח זיי צוזאַמענצומישען, אָבער זיי נישט צו פעראייניגען. נישט אויסגעמעקט איז נאָך פון דער צייט די גרימאַסע, די העוויות פון דער יודישער גאַס, ווי ס'האָט זיי געזעהען ר' מענדעלע אויף די ירידען און אויף יודישע אַסיפות און אַז. וו. שלום-עליכם, וואָס רופט זיך אַליין אָן „דער ליטעראַרישער אייניקעל פון ר' מענדעלי", האָט 25 יאָהר נאָכאַנאַנד — ווייטער ענטוויקעלט און פערברייטערט דאָס בילד, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט איהם אָנגעצייכענט. מנחם-מענדעל פון יהופּיץ, וואָס איז אַזוי נאָהענט צו אונזער צייט, איז אַ לייבליכער קרוב סיי פון ר' אַלטער'ן סיי פון פישקען סיי אפילו פון ר' מענדעלען אַליין. אין די קליינע שטעדטלעך, אפילו אין אַ „שטעדטעל" פון אַש, לעבען נאָך היינט די אייגענע געמיטה'ס-שטימונגען, וואָס אַמאָל אין קאַבצאַנסק.

אלם בעסטער בעווייז קען דיענען טאקע „דאָס שטערטעל“ פון אַש, וואו מאנבע ימים-נוראים-מאָטיווען זענען מיט אַנדערע ווערטער נאָר איבער-גע'חזר'ט געוואָרען, וואָס אבראַמאָוויטש האָט שוין געשילדערט אין זיין „ווינשפינגערל“.

ר' מענדעלי, נישט קוקענדיג אויף די 50 יאָהר, איז איינגעדרונגען אין אונזערע נייעסטע ליטעראַטור אומעטום, זיין איינפלוס, זיינע שפורען געפינען מיר ביי די עלטערע, ווי ביי די יונגסטע פון די יונגסטע. מען דאַרף נישט זיין קיין טיעפער קענער, אום דאָס צו כאַפּען אויף'ן ער-שטען בליק. נאָך עד היום לעבען אונזערע יונגע מיט דעם פסיכאָלאָ-גישען סינטעז, וואָס ר' מענדעלי האָט זיך געמאַכט מכח דער יודישער מאַסע. און אַזוי ווי דאָס נייע לעבען האָט נאָך נישט בעשאַפען, נאָך דער אַלגעמיינער צוריסענקייט, אַ נייעם כּללישען יודישען פנים, האָבען מיר דערווייל קיין אַנדער סינטעז, חוץ דעם וואָס עס האָט אונז געגעבען אבראַמאָוויטש.

דאָס אַלץ איז נויטהיג צו דערמאָהנען דעם לעזער, ווען ער געהט צו, צו דער יובילעאום-אויסגאַבע פון ר' מענדעלי'ן. וואָס טיעפער ער וועט שטודירען די נייע אויסגעבעסערטע און פאָלשטענדיגע אויסגאַבע, אַלץ טיעפער וועט ער דערפיהלען, דאָס אבראַמאָוויטש, נישט קוקענ-דיג אויף דעם, וואָס ער שרייבט שוין 2 דורות, איז איינער פון די, וואָס שטעהען אונז אַם נאָהענטסטען פון אַלע יונגע. וויל מען בעקומען אַ טיעפערען בעגריף פון יודישען קבוץ, מוז מען געהען צו די וואָר-צעלען פון יעדען קבוץ. אין ערגעץ זענען אָבער די וואָרצלען נישט אַזוי נאַקעט אַרויסגעשטעלט פאַר אונזערע בליקען, ווי אין די ווערק פון אבראַמאָוויטש.

אין ים פון יודישען לעבען איז ר' מענדעלי די העכסטע פיגור. ווילען מיר מעסטען די ווייטקייט אונזערע, קוקען מיר זיך איין אויף איהם. ווילען מיר וויסען, ווי ווייט מיר זענען געגאַנגען פאָרויס, וואַרפען מיר אונזער בליק אויפ'ן „זיידען“, און ווילען מיר גענויער בע-גרייפען דעם פנים פון היינטיגען יודישען לעבען, קוקען מיר זיך גענוי צו צו די העויות פון ר' מענדעלי'ן.

און בעת אַנדערע האָבען שוין מיטעלערע וועלען פערגאָמען, שטעהט ער נאָך אַלץ אַ קאָפּ העכער פאַר אַלע זיינע יאָהר-חברים אין

מאלענט, ער איז דער שפּיץ טהורם, נאָך וועלכען מיר מעסטען די מיילען פון אונזער גלות־רייזע. נישט איטליכען איז בעשטימט צו זיין א מאסשטאב פאר די ווייטערע ענטוויקלונג פון א פאָלק.

פאר דעם טיעפערען לעזער איז שלום יעקב אבראמאָוויטש אונזערער זיכערסטער מאסשטאב.

בעל מחשבות.

ש. ביגער

שלום יעקב אַבּראַמאָוויטש

שלום יעקב אבראמאוויטש.

(פון א רעפעראט צו זיין 75־יעהריגען יובילייי)

... אבראמאוויטשעס ליטעראַרישער נאָמען — מענדעלי מוכר ספרים — איז אַליין אַ ווערק, אַ געשטאַלט, אַ איבערגאַנגס־טיפּ פון אַ איבערגאַנגס־צייט. מיט אַ סך געזיבטער און מיט איין שמייכעל אויף זיי אַלעמען. מיט איין רוהיגען, איינגעהאַלטענעם, כמעט פערגליווערטען און דאָך לעבעדיגען שמייכעל. אַ לעבעדיגע עראינערונג פון אַ געשטאָרבענער עפּאָכע. מענדעלי האָט זי אָבגעוואַשען, אָנגעטהון אין בגדים פון איין פּארב און איין שטיק און בעהאַלטען לזכרון פאַר די קומענדיגע דורות...

דאָס יודישע לעבען איז ניט געשטאַנען אויף איין אָרט; ס׳האָט דורכגעמאַכט פאַר דער צייט פערשיעדענע פעריאָדען, „עפּאָכען". אויף יעדע פון זיי האָט זיך מענדעלי אָבגערופען, זיך אָבגערופען אויף זיין אייגענעם שטייגער; יעדע פון זיי האָט ער בעלייט מיט זיין איראָנישען, ניט גאַנץ אָפענעם בליק, מיט זיין אַמאָל בייזען, אַמאָל מילדען, אָבער שטענדיג אונפערטרייליכען שמייכעל... דאָך איז דער שרש מענדעלי׳ס שטעקען געבליבען אין דער פריהערדיגער עפּאָכע, אין דער עפּאָכע, וואָס אָנגעהויבען האָט זי זיך פאַר איהם און וואָס ער האָט דאָך איינגעקריצט אין איהר זיין נאָמען, אריינגעשריבען אין איהר זיינעם אַן אייגענעם קאַפּיטעל. דאָס איז די תקופה, ווען איין מענש מיט אַ שאַרף אויג האָט געקענט שוין זעהען, אַז די השכלה האָט צוויי פנים׳ער: איינס אַ יודישליכעס „באהליך", אין דער היים, אויף די שאַלקעס און אין דער ווייבערשער שול, וואו מען איז געזעסען בעהאַלטע־

נערהייט, מיט מסירת=נפש און מיט דער הנאה, וואָס מ'האָט פון אַ זאַך, וואָס מען טאָר ניט, און געלערנט דקדוק און דייטשען אלף=בית, און געקוויקט זיך מיט די „קורצע שורה'לעך", און געקאָכט זיך וועגען דער „טאַקסע" און וועגען דעם רב, וואָס וויל ניט מתיר מאַכען „קטניות בפּסח", — און דאָס צווייטע געזיכט — אַ דייטשעס — „בּצאתך", אין דער פרעמד, אין „דער גרויסער וועלט", וואוהין דער משכיל, דער פריהערדיגער אידעאַליסט און יודישער פּאַטריאָט, פלעגט אַוועקגעהען, בּעקומענדיג אַ דיפּלאָם, אַ הכשר אויף אַראָבּוואַרפען פון זיך דעם יאָך פון דער אַלטער, בּית המדרש'דיגער יודישקייט. מען האָט שוין געקאָנט, זאָג איך, זעהען דאַמאָלס, אַז אויפ'ן עץ הדעת פון דער השכלה וואַקסען, אַ חוץ גן=עדן=עפּעלעך, אויך אַנדערע, ניט אַזוינע געשמאַקע. מענדעלי האָט עס געזעהען. מיט די פינגער האָט ער גע=טייט אויף דעם, וואָס איז פאַר אַנדערע נאָך בּעדעקט געווען מיט אַ שלייער. דער פּערדינסט — און די פּראָבּלעם — פון אַ מענשען, וואָס איז מעהר ווידער אַנ'עכא פון זיין צייט — בּעשטעהט דערין, וואָס, זייענדיג אַליין פערבּלענדעט פון דער צייט, צו וועלכער ער געהערט, עפענט ער איהר דאָך די אויגען. געווים האָט מענדעלי בּיי זיין צייט גענומען אַ סך, ער האָט איהר אָבּער געגעבּען מעהר, וויפיעל ער האָט גענומען. די סמנים, וואָס די השכלה=צייט האָט אויף איהם איבּערגע=לאָזען, זענען ריין=אויסוועניגסטע. אינערליך האָט די השכלה אויף מענדעלען שפּעטער אַ פערקעהרטע ווירקונג געהאַט: זי האָט איהם גע=טריבּען צו ווערען אוים משכיל, אַריינצוברענגען אין דער יודישער ליטעראַטור טענדענצען, וואָס דעם טיפּישען משכיל זענען זיי פרעמד. דער טיפּישער משכיל — ווי בּכלל יעדער טיפּישער אָנהויבּער פון אַ נייער עפּאָכע —- איז נאַאיוו; ער רעדט, דאַכט זיך, וועגען שכל הישר און אַליין איז ער אַ ראָמאַנטיקער, און דער קאָפּ איז בּיי איהם אָנגעשטאָפּט מיט פאַנטאַזיעס; ער האָט ליעב מליצה, ד. ה. זיסע און שענע — און ס'מאַכט ניט אוים, ווען פוסטע — רייד; פון קלאָרע דבורים האַלט ער נישט, ער קעהרט זיך אָב פון זיי מיט פעראַכטונג; קלאָר איז אין זיינע אויגען נאָר דאָס קומענדיגע, דאָס געווינשטע. אינ'ם היינט זעהט ער שאָטענס און הערט נאָר דאָס פליגעל=גערויש פון די פלעדערמייז אין דער דונקעלער לופט, — פּרטים געהען איהם נישט אָן .... קורץ, ער האָט אַ שם פאַר אַנ'אפּיקורס — און אין דער בּרוסט צאַפּעלט זיך בּיי איהם, נעבּעך, אַ גלויבּיג, אַ קינדיש האַרץ. מענדעלי איז דער היפּך פו.

רעם, דער היפך פון קינדישקייט (אפשר דערפאַר האָט ער ליעב אזוי די קינדהייט און גיט איהר אָב זיינע האַרציגסטע שורות). מענדעלי איז דער היפוך פון ראָמאַנטיק, מענדעלי איז ניכטערקייט, קלאָרקייט, ער איז געבוירען געוואָרען מיט אַנ׳אויג, וואָס זעהט דאָס קלענסטע, ער זעהט דאָס וויטסטע, אפילו זיך אַליין זעהט ער גוט (ווי הויך דאַרף מען זיך שטעלען צו זעהען זיך!), ער איז אַנ׳אַנאַליטקער, ער איז די פערקערפערטע פקחות. ווען ער מאַכט זיך תמעוואַטע, איז די פקחות נאָך קענטיגער. פון אַלע יודישע שרייבער איז ער דער געניטסטער אין לעבענס־זאַכען, ווען ער רעדט מליצה, איז עס מעהר ניט ווי מליצה, ל ש ו ן, סטיליזאַציע, דער אינהאַלט איז שטענדיג ביי איהם אַנ׳איינפאַכער, אַ רעאַלער.

מענדעלי איז ניט קיין טיפּישער משכּיל, ער האָט געשאַפען אַ נייעם טיפּ משכּיל. ער האָט געשאַפען מ ע נ ד ע ל י ׳ ן, אַ משכּיל, וואָס בלייבט א י נ ז ע נ י ג אין דער אידישער מאַסע, אַ משכּיל אַ רעאַליסט, אַ משכּיל אַ סקעפּטיקער, אַ הומאָריסט. (ס׳אַראַ אונגעריכט צונויפּפּאָרונג!) אין מענדעלי׳ן זענען פאַרהאַן סתירות, ער זאָגט אַליין, אַז אין איהם זיצען צוויי מענדעליך; אי קינסטלעריש, אי פּסיחאָלאָגיש איז ער ווייט פון האַרמאָניע, אָבער וואו האָט איהר געזעהען אַ פערשטעלטען, וואָס זאָל זיין האַרמאָניש? און מענדעלי איז אַ פערשטעלטער. פערגעסט אָן די סתירות, וואָס אין איהם, וועט איהר זעהען יעדענפאַלס, אַז ס׳איז אַ טיפּ, וואָס אין דער השכלה־ליטעראַטור, אַז איהר זאָלט איהם זוכען מיט ליכט, וועט איהר נישט געפינען. שוין די סתירות גופא, אויב איהר ווילט, איז אַ נייס. אין דער השכלה־ליטעראַטור זענען נישטאָ קיין מענשען מיט סתירות, דאָרט איז ניטאָ קיין קאָמפּליצירטהייט, די מענשען זענען דאָרט אָנגעצויגען אַזוי ווי אויף שנירלעך, דאָ אַזאַ סאָרט שנירעל, דאָ — אַנ׳אַנדערער; אינמיטען מישט זיך אַריין אַ מאָל דער צבוע׳ק, אָבער צביעות איז נישט קיין אינוועניגסטע סתירה. מענדעלי האָט אַריינגעבראַכט אין דער אידישער ליטעראַטור די אינוועניגסטע סתירה, דעם אינוועניגסטען קאַמפּף, ער איז געקומען מיט ספקות, וועלכע האָבען זיך דעם משכּיל נישט גע׳חלומ׳ט אפילו — — —

אויסוועניגסטע סמנים האָט דאָך דער משכּיל, ווי איך האַב געזאָגט, איבערגעלאָזען אויף מענדעלי׳ס שאַפען. א ו י ס ע ר ל י ך האָט מענדעלי פיינד זיך אָבצושיידען פונ׳ם כלל. צווישען דעם פרומען פאַרצייטיגען עולם איז ער אַ פרומער און אַ פאַרצייטיגער, צווישען משכּילים—

1 באנד — 9 בויגן

אַ משכּיל. ער איז „אי אהין, אי אהער“, עהנליך צו יאַקאָבזאָהן אינ׳ם „קליינמענשעלע“. דאָס זענען אָבער איינצעלהייטען, קלייניגקייטען, נישט מעהר. פון די איינצעלהייטען און קלייניגקייטען, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צייט, אין וועלכער מען לעבט, איז זיך שווערער אַ מאָל צו בעפרייען, ווי פון איהרע גרונד־יסודות.

ווילען מיר אָבער אויפזוכען די גרונד־יסודות פון מענדעלי׳ס שאַפען, מוזען מיר זיך ווענדען ניט ספּעציעל צו דער השׂכּלה, נאָר בכלל צו דער סביבה, אין וועלכער מענדעלי איז אויסגעוואַקסען: די השׂכּלה איז נאָר איינע פון די קרעפטען, וואָס האָבען געווירקט אין דער סביבה. אמת, זי האָט רעאַגירט אויף אַלע כּחות, אויף אַלע עלעמענטען פון דעם אַרומיגען לעבען, און אַז מען רעדט וועגען איהר, רעדט מען וועגען אַ געוויסען פערהאַלטען זיך צו אַלע קרעפטען, צו אַלע עלעמענטען פון דער אידישער סביבה; מענדעלי איז אָבער צו נאָהענט צום לעבען, ער זאָל עס געניסען פון אַ צווייטער האַנד; געוויס האָט ער זיין חיות געשעפּט פון ערשטען מקור, און מען דאַרף זיך דעריבער ווענדען ניט צו דער השׂכּלה, וואָס איז מעהר ניט, ווי אַ אידעאָלאָגישע אָבשפּיגלונג פון לעבען, נאָר צום לעבען זעלבסט.

אין דאָס לעבען פון יענער צייט פיהרט אונז אריין די יוגענד־ביאָגראַפיע אַבראַמאָוויטשעס.

זי דערנעהענט אונז, אגב, ניט נאָר צום אויסווענינסטען, סביבה׳שען, נאָר אויך צום מעהר אינטימען — פּערזענליכען קוואַל פון מענדעלי׳ס שאַפען.

אין מענדעלי׳ס ליטעראַרישען שאַפען איז פאַרהאַן אַסך אויטאָ־ביאָגראַפישעס; דער גרעסטער און — אין קינסטלערישען זין — בעסטער טייל פון מענדעלי׳ס ווערק איז אָנגעזעטיגט ניט אַזוי פון קינסטלערישער פאַנטאַזיע, ווי פון קינסטלערישער עראינערונג. קיינער פון די יודישע שרייבער איז ניט נאָהענט אַזוי צום טיף פון מעמוארען־שרייבער, ווי מענדעלי, קיינער פון זיי האָט אַזויפיעל ניט אויסגעניצט זיינע אויסווענינסטע פּערזענליכע ערפאַהרונגען ווי ער, און קיינער, דוכט מיר, האָט נאָר ניט געהאַט אַזויפיעל אויסווענינסטע—און דערצו נאָך אַזוינע ריין יודישע—ערפאַהרונגען; יעדענפאַלס האָט זיי קיינער ניט פערווענדעט אַזוי קינסטלעריש־בעוואוסטזיניג, ווי מענדעלי. איינס פון די לעצטע ווערק זיינע, שלמה ר׳ חיים׳ס, אַ בילד פון יודישען לעבען אין דער ליטאַ, (1898) — האָט ער לכתחילה געשריבען אָנ־שטאָט אַנ׳אויטאָביאָגראַפיע.

שלמה ר' חיים'ם — דאָס איז שלום יעקב בן חיים משה אַבראַמאָוויטש. קאַפּוליע (Копылъ) מינסקער גוב. סלוצקער אויעזד — דאָס שטעדטיל, וואו ער איז אין 1835 געבוירען געוואָרען, איז אַ טיפּיש ליטוויש שטעדטיל. עס געהערט צו אַ פּריץ. אַז ס'איז פאַרהאַן אַ פּריץ, זענען פאַרהאַן מעשיות, לעגענדעס וועגען פּריץ. פאַרהאַן יודען מקורבים דעם פּריצ'ס, איינגעהער אין „הויף". דער פּריץ נעמט צינזען ביי שטעדטיל. דער פּריץ מאַכט גזרות אויף יודען, טוט חסדים מיט יודען... און די בענעמונגען פון שטעדטיל צום „הויף" שפּיגלען זיך אָב, ווי אין אַ טראָפּען וואַסער די זון, די בענעמונגען פונ'ם געטא צו דער וועלט. אויפ'ן קאַפּוליער תּושב ווירקט נישט נאָר די צוציהונגס־קראַפט פון „קהל", פון געטא, נאָר אויך די אָבשטויסונגס־קראַפט פון „הויף", פון דער פרעמדער אַרומיגער וועלט. און הינטער קאַפּוליע לאָזט זיך אַראָב דער הימעל אויף דער ערד, יערענפאַלס לאָזט זיך אַראָב אַ שלייער אַ געדיכטער, און מען זעהט דורך איהם נעפּעלדיגע פאַנטאַסטישע געשטאַלטען: די הרי־חשך, די מדבריות מיט די עקדישען, סמבטיון מיט די רויטע יודעלעך... ליטעראַטור, וואָס איהר מקור זענען זכרונות פון קאַפּוליע, דאַרף האָבען — און זי האָט טאַקי ביי מענדעלי'ן — אַנ'אייגענאַרטיגע, ניט נאָר קיין געוועהנליכע פאַרב; ביי מענשען, וואָס קומען פון דער וועלט, פון „אייראָפּע", קאָן זי אַמאָל ניט נאָר נושא חן זיין. אַנ'אמת'ער יוד אָבער זוכט ניט קיין כבוד ביי דער „וועלט", ער האַלט זי ניט פאַר קיין מבינ'טע..

אַזוי־צו־אַזוי, קאַפּוליע איז אַנ'איינגעפונדעוועט, יחוס'דיג שטעדטיל, מיט אַנ'אַלטען בית־עולם, מיט פּנקס'ן, נאָך פון פאַר דער ערשטער שרפה... אַ שכן האָט זי — אַ בארג, מ'רופט איהם „שלאָס". אַ סברה, אַז אַמאָל, גאָר פאַרצייטען, זענען געזעסען דאָרט פירסטען ליטווישע, האָבען געלעבט אַ פירסטליך לעבען, און זיי איז אודאי אויף זינען ניט אַרויף, אַז ווען עס איז וועלען יודישע קינדער, חדר־יונגלעך, קונדסים מיט פערשמירטע פּנימ'לעך, זיך שפּילען דאָ אין ניט שבת און יום־טוב און בין־הזמנים *)... און אַלטע יודען און יודענעס וועלען האָבען, וואָס צו דערצעהלען... און אויף די פריזבעס זומער און אין די

*) „Изъ Николаевской эпохи". Воспоминанія И. А Паперны. Пережитое II.

לאַנגע, אומעטיגע ווינטערדיגע אָווענדען נעבען גרויסען אויווען, בײ׳ם „לוטשניק״, און אונטער׳ן אויווען אין שול, און אויף דער אויבערסטער באַנק, אין באָד, להבדיל, האָט מען ניט געשוויגען: שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט זיך בערג מיט מעשיות אָנגעהערט. מעשיות פון דובס׳ן און פון מכשפים און פון גלחים און פון משומדים און פון „בער־לינער״ און פון נאַפּאָלעאָנען און פון תוגר און פון ניט גוטע און פון שפּרעכערס און טאַטערס... אגב, די טאַטערס האָבען געוואוינט טאַקע גופא אין קאַפּוליע, אין דער גוישער גאַס; פערשטעהט זיך — ע ר ל י ם; פאַר שטעדטעלדיגע, פאַר אייגענע האָט זיי קיינער נישט געהאַלטען. אין זייער גאַס, אַז מען פלעגט געהען, פלעגט מען נעמען אַ שטעקען, און מיט אַ שטעקען איז מען אויך ניט גאַר זיכער געווען. דאָך פלעגט דער קליינער ר׳ מענדעלי זיי זעהען אי אין דער היים שבת, ווען דער ערל פלעגט די לייכטער אַראָבנעהמען און די ערל׳טע — די ציג אויסמעלקען; אי אין שול, וואו ער, דער שבת־גוי, פלעגט לע־שען די ליכט, אי אין מאַרק אויפ׳ן יריד, אי אויפ׳ן וועג, וואָס פיהרט אין וואַלד, וואוהין דער היטציגער אומרוהיגער שלום יעקב פלעגט זיך פערקלייבען אַמאָל. און די אַלע שטעדטישע אָדער דאָרפישע ג אַ וו ר י־ ל ע׳ם און מ י ק י ט ע׳ם, וואָס זענען צווייט איבער מענדעלי׳ס ווערק און זענען געמאָלט אַזוי וואַרהאַפטיג און מיט אַזאַ הומאָר; — די אַלע שבת־גויים און אַזוי גויים, שפּרעכערס און שפּרעכערינס, סיי די, וואָס זענען מבין, און סיי די, וואָס זענען ניט מבין בלשון, — זיי אַלע האָבען ניט איינמאָל שבת זיך מיט קאַפּוליער חלה געקוויקט און פערביסען ביי אַ קאַפּוליער שענקער אָהן אַ פּאַטענט. גלייך פון שטעדטיל אָדער פון דאָרף, פרישע, לעבעדיגע, ווילדע און גוטמוטיגע, אַזוינע פרעמדע און דאָך נאָהענטע — האָט זיי מענדעלי אין דער ליטעראַטור אַריינ־געבראַכט.

אָבער וויכטיגער איז דאָס, וואָס קאַפּוליע האָט מענדעלי׳ן געגעבען שטאָף פאַר זיינע י ו ד י ש ע פּאַרשוינען, פאַר זיינע קהל׳ס־לייט, זיינע גבירים און קבצנים, קאָבלעפלעך און טעלערלעקער און בטלנים שדכנים, מלמדים, מקבלים מחברים, קליינע מענשעלעך; פאַר זיינע יודינעס און „קליינע יודעלעך״, — כל הקהל הקדוש הזה, די גאַנצע הייליגע, אָרימע, געליבטע און געהאַסטע עדה.

אין קאַפּוליע זענען געווען אַלע אינסטיטוציעס און חברות, אָהן וועלכע אַ קהלה איז קיין קהלה ניט: אַ שולהויף מיט קלויזען מיט אַ

תלמוד=תורה, מיט אַ קהלס=שטיבעל, מיט אַ הקדש, מיט אַ חברה=קדישא, מיט אַ טאַקסע, מיט אַ באָד, להבדיל, מיט רבנים, דיינים, חזנים, גבאים, כלי=קודש, רופאים, באַנקעס=שטעלער, בעל מופתים, אָבשפרעכער, מיט אַ „מסור״ אפילו. אין קאַפּוליע האָט דער קינפטיגער פאָלקסדיכטער אָנגענומען זיך מיט איינדרוקען און געשטאַלטען פון'ם קהל'שען און שטובינגען לעבען אין יענער צייט.

קאַפּוליע איז אָבער ניט נאָר אַ מוסטער=שטאָדט געווען פון יודי=שע „פאַראָנדקעס״, פון יודישע פרנסות, פון יודישען דלות; קאַפּוליע איז אויך געווען אַ מקום=תורה „אין אָרט פון תורה פון אייביגע יאָהרען, וואו די איינוואוינער זענען כמעט אַלע לומדים, וואו דער בית=המדרש, דער קלויז איז פול מיט בעלי הבתים און בעלי הבית'לעך, וואָס זיצען און לערנען, אויך מיט ישיבה=בחורים, פרושים פון דער פרעמד, וואָס פערלאָזען ווייב און קינד, קנייטשען די גמרא און עסען טעג; וואו אַלע פאַרנאַכט בין מנחה למעריב, פערקלייבען זיך אַרום בעזונדערע טישען בעלי=מלאכות און נאָך אַנדערע פונ'ם עולם, צו הערען אַ גוט וואָרט פון די פירזאָגער דאָרט — ביי איין טיש — מדרש, ביים צווייטען — „עין יעקב״, ביי'ם דריטען — פסוק, ביי'ם פיערטען — חובות הלבבות וכדומה אזעלכע חקירה=און מוסר=ספרים; וואו שבת און יום טוב ווערט פון בעלעמער נעבען אָרון=קודש געזאָגט פלאַמענדיגע דרשות, וואָס צינ=דען אָן דאָס הארץ פון די כנסת ישראל מיט הייליגע ליעבע צו דער שכינה, וואָס זענען געווירצט מיט טרייסט=ווערטער פון די נביאים, מיט משלים, קלוגע, שאַרפע, גלייכווערטלעך פון די חכמים, מיט אַ קול, מיט אַ ניגון, וואָס דערקוויקט, צוגעהט זיך אין אַלע אברים״*)...
אין איינער פון די דאָזיגע שולען האָט געלעבט יונגעלוויז אויך שלום יעקב. דאָ, אינ'ם „בית=היוצר לנשמת האומה״, האָט ער אַריינגעזויגען אין זיך דעם פאָלקס=גייסט און טראַדיציע, דאָ האָט ער די קליַטשע, די כנסת ישראל, אין דער געשטאַלט פון אַ פרינץ געזעהען, דאָ האָט ער געלעבט אַ לעבען פול רוחניות, אַ לעבען, וואָס האָט קיין שייכות ניט צו דערווירקליכקייט און צום חשך און צום דלות פון דער ווירק=ליכקייט... בעת ער איז אַריינגעטהון געווען אין חומש, איז ער אַרומגע=רינגעלט געווען מיט „וויינגערטנער, טייטלען, פייגען, מילגרוימען און

---

*) שלמה ר' חיים'ס.

איילבערטען, פימסענהאָלץ און בוקסענבוימער". פון לעבעדיגע מיני בעי־
שעפעניש האָט ער געוואוסט: אַ ווייזילטיער, אַ לינדעגוואָרם און אַ פיפער־
נאָטער, אַ לעמפערט, אַ אינד, וואָס טוט טאָן גלוסטען אויף קוואַלען
וואַסער, אַ שור הבר און אַ טיר־קעלטויב *). ער איז אויסענגעווען אין
אָרם נהרים, אין כנען, אין מצרים, אין פרס ומדי, אין שושן הבירה
דאָרט און נאָך אין מדינות, פון הודו ביז כוש, אויך אין דער וויסטע־
ניש און מדבריות און אָנגעזעהען זיך, אָנגעהערט זיך דאָרט זעהר פיעל
וואונדערליכע זאַכען **). דער תלמוד, דער פאַרצייטיגער ריעז, „דער
עוג מלך הבשן פון דער וועלט־ליטעראַטור", ווי מענדעלי רופט איהם
אָן אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, דער תלמוד איז אין זיינע אויגען עפּיס אַ
יריד אויפ'ן הימעל, עפּיס קויפט מען און מען פערקויפט און מען בייט,
און מען שרייט און מען דין־תורה'ט זיך... דער תנא־קמא און אַנדערע
וואונדערליכע אונבעקאַנטע נעמען האָבען אָבגעלעבט אין זיין פאַנטאַזיע,
געקראָגען פלייש און בלוט... מיט פערגעניגען און ענטציקונג האָט ער
אומגעשפּאַצירט אינ'ם „ברייטען און ווילדען פעלד" פון די אגדתות, וואו
דער הימעל לאָזט זיך אַראָב אויף דער ערד און די ערד ווערט פער־
הימעלט *), די אגדה האָט געשפּייזט די פאַנטאַזיע, דער פלפול —
דעם מוח; ווי עס ווייזט, האָט ער מעהר פעולה געהאַט, ווי די פאַנ־
טאַזיע, און דער שפּעטערדיגער „יודישסטער יוד" („יהודי היהודים")
איז, ווי אַלע זיינע חברים, יונגעלוויז שוין „אַ קליין יודעלע" געווען.
אויפ'ן גאַס שפּיעלט ער זיך, שטיפט, בטבע איז ער אַ קאָכיגער, אַ
הייסבלוטיגער, „אַ יונגעל מיט ביינער", אָבער אין חדר צי אין קלויז
ביי דער גמרא, — דאָ ווייזט זיך אַרויס אין איהם די רוהיגקייט און
מיושבדיגקייט פון שפּעטערדיגען תלמיד חכם. „לערנט ער, איז געלערנט,
ער איז מיט דעם גאַנצען קאָפּ אַריינגעטאָן אין לערנען"... פיער אַזוי־
נער פאַרטאָג ווינטער, אַלע שלאָפען נאָך, וועקט איהם דער טאַטע —
אינגאַנצען איז ער אַלט דאָן אַ יאָהר עלף — אין שול געהען לערנען
אַ בלאַט גמרא. אַזוי ווי אַלע יודען אַמאָל, האָט אויך ר' חיים משה
אַבראַמאָוויטשעס פאָטער, געזעהען איבערגעבען דעם זוהן די ירושה
פון די עלטערן, די הייליגע תורה, ער זאָל זיין בעוואָפענט גייסטיג אוי
קאָנען דינען, ווי פייערבערג רופט עס, אין גאָטס גוואַרדיע

*) „שלמה ר' חיים'ס". **) דאָרט. ***) ספר הזכרון.

דער פאָטער האָט געהאַט אויף אַבּראַמאָוויטשען קינדווייז אַ
גרויסע און, ווי עס ווייזט, אַ גוטע ווירקונג. ער איז געווען אַ למדן אַ
עהרליכער יוד, אָבער אויך וועלטליך: מיט אַ פען אין אַ האַנד, אַ בּעל=
לשון, אַ ריידער. „ער איז געווען, ווי מען זאָגט, אי צו גאָט אי צו
לייט. זיין צייט איז געווען אָבּגעגעבּען צו דער פרנסה, צו תורה און
אויך צו שטעדטישע זאַכען. יאָהרענלאַנג האָט ער געהאַלטען די טאַקסע
פונ'ם פלייש אין דעם שטעדטיל. יאָהרענלאַנג אוועק געווען אַקאַזיאָנער
רב דאָרט, נישט בּעלוינט צו ווערען דערפאַר. פלעגט אויך זאָגען אום=
זיסט אַ שיעור גמרא מיט פוסקים פאַר יונגע לייט. זיין הויז איז געווען
תמיד פול, דער אַריין, יענער אַרויס. קיין זאַך האָט מען נישט געטאָן אָהן
איהם. וואו ערגיץ אַ שפאַרעניש, אַ לאָדעניש, איז ער געווען דער פער=
מיטלער. בּשעת עפּיס אַ נויט אין כּלל=זאַכען פלעגט מען אָנקומען צו
זיינס אַנ'עצה און וועגען אַלסדינג מיט איהם זיך מישב געווען" *). ווי
עס ווייזט, איז ער געווען דאָס פאָרבּילד, ווען מענדעלי האָט געשאַפען
שפּעטער די סימפּאַטישע געשטאַלט פונ'ם קלוגען, רוהיגען תלמיד=חכם,
דעם שטאָדטישען בּעל=עצה, ר' בּנימין („אַנ'אַלטע מעשה"; אין העבּ=
רעאיש: „לא נחת בּיעקב"). אין מענדעלי'ן אַליין, אין זיין גלאַסענקייט
אין זיין לעבּענסקלוגהייט, אין זיין דערקענען אַ מענשען, און זיין ליעבּע
צום „דרך=הממוצע" איז פאַרהאַן אַ ניצוץ פון דער דאָזיגער חשוב'ער
שענער פערזענליכקייט...

דאָס, וואָס זיין פאָטערס הויז איז פול געווען תמיד—דער אַריין,
יענער אַרויס, — דאָס האָט אַבּראַמאָוויטשען קינדווייז שוין געגעבּען די
מעגליכקייט צוצוקוקען זיך צו כּל'ערליי פאַרשוינען, צו כּל'ערליי מינים
יודען און יודענעס, צוהערען זיך צו זייערע רייד, אַכטונג געבּען אויף
זייערע תנועות. שוין קינדווייז האָט אַבּראַמאָוויטש אַרויסגעוויזען די
שאַרפקייט פון זיין אויג און די הנאה, וואָס ער האָט פון נאָכקרימען,
פון מאַכען אַנ'אָנשטעל. „ס'איז אין איהם געלעגען בּטבע, זאָגט מענ=
דעלי וועגען שלמה'ן, ד. ה. וועגען זיך, — ס'איז אין איהם געלעגען
בּטבע עפּיס אַזוינס, אויפצוכאַפּען בּאַלד בּיי'ם ערשטען בּליק יענעמס
אַ מינע, אַ וואָרט, וואָס עפּיס נישט אַזוי, משונה ווי בּיי אַנדערע" **).
„דער פאָטער האָט אַזוי ווי געשפּירט, אַז פון זיין זוהן וועט אַרויס=

*) שלמה ר' חיים'ס. **) שלמה ר' חיים'ס

וואַקסען איה״ש אַ גדול, האָט ער געלעגט אויף איהם כחות מעהר, ווי אויף אַנדערע קינדער. צו זעקס יאָהר גיט ער איהם אָב צו איינעם פון די בעסטע מלמדים, ער זאָל לערנען ביי איהם תנ״ך. תנ״ך פלעגט מען מיט קינדער לערנען וועניג: ראשית, איז תנ״ך סתם קיין למוד ניט, וויסען דעם טייטש פון פסוק — אויך מיר אַ קונץ, אַ יונגעלע נישקשה קען בעשטעהען וויסען אַ בלאַט גמרא מיט אַלע אויסרעדענישען; וויעדער שמעקט פון תנ״ך מיט מליצה, מיט השכלה. אַבראַמאָוויטשעס פאָטער איז פון השכלה געווען ווייטליך, אָבער אַ מליץ איז ער געווען אַ פערברענטער, תנ״ך האָט ער ליעב געהאַט, האָט ער געוואָלט אויך זיין קינד זאָל עס קענען. דערמיט האָט ער אַבראַמאָוויטשען געגעבען דעם שליסעל צו לשון, ס׳איז געווען אייגענטליך דער אָנהויב פון מענדעלי׳ס השכלה...

אָט אַזוי האָט מענדעלי זיין ערשטען, הגם נאָך זעהר שוואַכען, טריט צו דער השכלה געמאַכט מיט דער הילף פון זיין אייגענעם פאָטער, מיט דער הילף פון אַ פרומען יודען, אָהן אַ שווערען קריזיס, אָהן אַ מלחמה מיט די אַרומיגע און אָהן דער ראָמאַנטיק, וואָס אין אַ מלחמה. שפּעטער, ווען ער איז גרעסער געוואָרען, און אונטער דער ווירקונג פונ׳ם איבערגאַנגס־אַלטער און פון דער נאַטור, וואָס אין תנ״ך און אַרום שטעדטיל, האָט אָנגעהויבען אין איהם עפּיס אויפצוכאַפּען זיך, עפּיס האָט איהם געצויגען ערגיץ, — שפּעטער האָט ער מיט זיך אַליין געפיהרט אַ שטרייט, בעהאַלטענערהייט אין די מחשבות פלעגט ער „זינדיגען“ און תשובה טהון, ווי דער [illegible]נער איז פון קינדער עלוים, אָבער אַנדערע זאָלען איהם רודפ׳ן — וועגען דעם ווערט אין זיין ביאָגראַפיע נישט דערמאָנט. און אַפילו מיט גאָטלאָבער׳ן דעם אַפּיקורס אין אַ צייט אַרום אין קאַמענעץ איז ער בעקאַנט געוואָרען דורך אַ פרומען יודען. און אַוועקגעפיהרט צו גאָטלאָבער׳ן האָט איהם דער שמש פון שול, וואו ער האָט געלערנט. דערפאַר, קאָן זיין, איז אַבראַמאָוויטש אַוועק פון שול, פון די ד׳ אמות של הלכה, נישט קיין פערביטערטער, ווי דאָס רוב משכילים אין יענער צייט; די יודען פון אַלטען דור, די פרומע, זענען ניט געווען זיינע פערזענליכע שונאים. און דאָס איז אפשר איינע פון די סבות, וואָס ער האָט זיך פערהאַלטען צום אַלטען דור מיט מעהר סבלנות, מיט מעהר אַכטונג, ווי אַנדערע משכילים, וואָס ער האָט געזעהען אין זיי ניט נאָר „פאַנאַטיקער“, נאָר אויך מענשען, און ער האָט דאָס יודישע פאָלק ניט איינגעטיילט, ווי אַנדערע שרייבער פון זיין, צייט אין

פינסטערע" (חשוכים, מורדי־אור) און „אויפגעקלערטע" (משכּילים, אורים), נאָר אין אונטערדריקער און אונטערדריקטע, אין עהרליכע און ניט עהרליכע. ער האָט איינגעפיהרט, אַנשטאָט דעם רעליגיעזען, דעם סאָציאַל־עטישען שטאַנדפּונקט. שוין אין זיין ערשטער יודישער ערצעהלונג, אינ'ם „קליינמענשעלע", וואו עס זענען פאַרהאַן נאָך שפּורען פון דער אַמאָליגער, נאַאיווער השכּלה, — שוין דאָ איז ד"ר שטיינהערץ, וויל ער האָט אַ שטיינערנעם הארץ, וויל ער איז ניט קיין עהרליכער מאַן, צוגערעכענט צו די איסורוארגערס, צו די קליינמענשעלעך, — הגם ער איז אַ געבילדעטער, אַ משכּיל, פּערקעהרט, אַ רב איז פאַרהאַן דאָ דוקא אַ סימפּאַטישער (הגם קינסט־לעריש איז ער אַ שאָטען, אָהן בּלוט און פלייש), און יצחק אברהם תקיף פערלאָזט זיך אויף איהם, אז ער וועט פיהרען די תלמוד־תורה אינאיינעם מיט גוטמאַנ'ען דעם משכּיל, און עס וועט ניט זיין קיין מחלקת צווישען זיי. גוטמאַן אַליין איז אַביסעל פערצויבערט, און אויך וועקער אין דער „טאַקסע" איז אידעאַליזירט, אָבער אויך זיי זענען פריהער ווי אַלץ ניט סתם משכּילים, נאָר עהרליכע זויבערע לייט, אידעאַליסטען, יודישע פּאַטריאָטען. און אויך דער משכּיל רפאל (ווינשפינגעריל) איז פריהער ווי אַלץ אַ עהרליכער, געניטער וועלטליכער סוחר, און וויפיעל אַזעלכע עהרליכע לייט, איידעלע נאַטורען, אידעאַ־ליסטען ווייזט אונז מענדעלי צווישען די אַלטע, די פרומע? וואו האָבען מיר בּיי די שרייבער־משכּילים געהאַט אַ ר' בנימין („אַנ'אַלטע מעשה"), אַ ר' אברהם („ווינשפינגעריל")? מענדעלי מוסר'ט אַמאָל די פרומע, אָבער ניט פאַר זייער פרומקייט, אפילו ניט פאַר זייערע נאַרישע אָבער־גלויבענס, נאָר דערפאַר, וואָס די פרומקייט און דער אָבערגלויבען ווערען אויסגענוצט פון די תקיפים, די קהלס־לייט, אין זייערע שמד־שטיק געגען „שטאָדט", געגען די אָרימע.

די השכּלה איז פאַר אַבראַמאָוויטשען ניט געווען עפּיס אַ אונגע־ריכטע זאַך, אַזוי ווי אַ בּליץ, וואָס פערבּלענדט די אויגען אין מיטען דער כּמארע, זי האָט ניט געהאַט פאַר איהם דעם חן, דעם געשמאַ־קען טעם פון אַ טרפה'ר זאַך, וואָס איז אַ סכּנה צו געהען דערצו און מ'דאַרף איינשטעלען דאָס לעבען; דערפאַר איז זי איהם ניט איינגעבּאַ־קען געווען אַזוי אין הארצען, און ער האָט זיך מיט איהר אַזוי ניט „גע־צאַצקעט", ווי אַנדערע משכּילים...

ווענען זיין פערהאַלטען זיך צו דער השכּלה, איבּריגענס, וועט

אונז נאָך אויסקומען צו רעדען. דאָ האָב איך געוואָלט נאָר אָנווייזען אויף די טיפע וואָרצלען, וואָס אונזער פאָלקס-דיכטער און פאָלקס-ערציהער האָט אין׳ם אלטען דור, — אַז זיין אייגענער פאָטער, אַן׳אַלטפרענקישער האָט אויף זיין ענטוויקלונג געהאַט אַ גוטע, אַ פּאָזיטיווע ווירקונג.

אָבער אַחוץ דעם פאָטער מוז מען נאָך איינעם דערמאָהנען, נאָך איינעם פון אַלטען דור, וואָס אַבראַמאָוויטש איז איהם דאַנקבאַר געבליבען און וואָס אין זיין אויטאָביאָגראַפיע רעדט ער וועגען איהם מיט אכטונג און ליעבע. דאָס איז יוסף הראובני אָדער, ווי ער רופט איהם אין שלמה ר׳ חיים׳ס, ליפּא ראובנ׳ס דער מלמד. דאָס איז געווען „איינער פון יענע מענשען, אין וועלכע גאָט האָט אַריינגעלעגט אַלע גוטע מתנות: גייסט, הארץ און געפיהלען, נאָר פערגעסען זיי אָבער געבען אַ קלייניגקייט — מזל״. 1) איינע פון יענע בלומען, וואָס אין דער געטא-לופט, אָהן שטראַהלען פון דער זון, זענען זיי צודאַרט געוואָרען, נאָך איידער זיי האָבען אויפגעבליהט. „זיין טון און אַלץ מיט אַנאַנדער האָט בעשיינפערליך געוויזען, אַז אין איהם איז דאָ דאָס פינטעלע, דער ברען פון אַ קינסטלער. ער האָט געהאַט אַ האַנד צו שניצען, צו מאָלען, צו שרייבען און צו קריטצען אויף קופער און אויף שטיינער, נישט צו מאַכען זיך דאַרויס אַ פרנסה, נאָר גלאַט אַזוי, ווייל דאָס איז געווען זיין בעסטער פערגניגען; ווייל עס האָט איהם דערצו עפּיס געטריבען און ער האָט בעדאַרפט, געמוזט מייסטערן״. 2) יונגעלוויז האָט מענדעלי געקענט נאָך אַזוינע קינסטלער-למד-וואָניקעס, שטומע נשמות, פּאָעטען, וואָס האָבען אונז זייערע ליעדער נישט איבערגעלאָזען. אין סוף ערשטען טייל פון שלמה ר׳חיים׳ס מאַכט אונז מענדעלי בעקאַנט מיט אַ פּאָר אַזוינע שענע, קינדערשע, פּאָעטישע נאַטורען: דאָס איז אייזיק דער שמיעד און הערצל קיילעס דער סטאָליער. „ביידע האָבען געווירקט אויף שלמה׳לעס גייסט, דערהאַלטען אין איהם דאָס יונגע פייערל, ביידע זענען איהם געווען זעהר טייער און צו ביידע האָט איהם דאָס האַרץ שטאַרק געצויגען״. 3) זיי זענען געווען אָבער בעל-מלאכות, פּראָסטע מענשען; אויף שלמה-

1) שלמה ר׳ חיים׳ס ז. 21. 2) שלמה. 3) דאָרט.

אַבראַמאָוויטשען האָבען זיי געווירקט ניט מיט די רייד מיט זייערע, נאָר מיט זייער בענעהמען זיך, מיט זייער האַרציגקייט, מיט זייער קינדישקייט; אַנדערש איז אָבער ליפּא ראובנ׳ס — ער איז געווען אַבראַמאָוויטשעס רבי, פריהער האָט ער געלערנט מיט איהם תנ״ך, דערנאָך — גמרא. „בשעת דעם לערנען בײ׳ן טיש פלעגט דער רבי זיצען מיט עפּיס אַנ׳אַרבייט — מאָלען אָדער שטעכען אַ חתימה׳לע״... *) שפּעטער, ווען ער איז געוואָרען אַ שרייבער, האָט מענדעלי געוויזען, אַז ער איז נאָך מעהר בריה, ווי זיין רבי, אין דער דאָזיגער דאָפּעלטער אומנות: — קנעלען — און מאָלען אַ בילד דערביי, זיין איין ערציהער פאַר׳ן לעזער, זאָגען איהם מוסר, און בעת מעשה שאַפען שענע, ריין קינסטלערישע געשטאַלטען...

מיר זעהען, וואָס פאַר אַ גוטע ביישפּיעלען און וואָס פאַר אַ פיינע ערציהער עס זענען פאַר מענדעלי׳ן געווען זיינע רביים, דער פאָטער און ליפּא ראובנ׳ס דער מלמד. נאָר אויב זיי האָבען אַ חלק אין זיין לעבענס־פילאָזאָפיע און אין זיין פּאָעזיע, האָט, דוכט מיר, די מוטער זיינע אַ שייכות צו דער זעלטענער זויבערקייט פון זיין סטיל און צו זיין פעראַכטונג צו דער אונציכטיגקייט פון קאַבצאַנסק, ווי אויך צו דער עטוואָס סענטימענטאַלער האַרציגקייט פון זיין רחמנות־ליריק; די מוטער האָט ווייבער, וואָרעמער געמאַכט זיין שטרענגקייט. מיט אַ שטילער צערטליכער ליעבע שילדערט זי מענדעלי אין „שלמה ר׳ חיים׳ס״, און איהר איידעלע געשטאַלט ווערט בולט׳ער, ווען ער פערגלייכט זי מיט אַנ׳אַנדער פרוי פון אַנ׳אַנדער משפחה: „ס׳איז, זאָגט ער, אַ גרויסער חילוק צווישען טויבע־סאָסיען, חנא׳ס ווייב, און דער מאַמע זייגער. טויבע־סאָסיע איז אַ בריימ־ביינענדיגע, אַ יאָדערדיגע; איהרע הענד, איהר פּנים זענען עפּיס מגושם, פערברענט־פערבראָטען פון דער זון. געהט זי — איז געגאַנגען, מען פיהלט, אַז זי שטעלט אַ פוס, רעדט זי — איז גערעדט מיט לעפצען, אויף דער געמבע. זי איז גוט, נאָר אָבער פּראָסט. זי איז פרום, וויינט ביי ליכטבענשען, כליפּעט, ווי באַלד זי דערהערט פון דער פירזאָגערין אַ קול, כאָטש זי פערשטעהט ניט קיין וואָרט. אַקעגען־זשע שרה, די מאַמע זיינע, איז אַנ׳איידעלע, אַ שוואַכע, האָט קליינע ווייסע הענד, מיט דינע בלויע אָדערלעך, אַ פערפרומט בלייך פּנים, מיט דינע ליפּען — אינגאַנצען

*) שלמה.

עפיש א רוחניות און אז זי גערט, דאכט זיך, זי שוועבט א. ז. וו." 1)

שפעטער, אז ר' חיים משה, אבראמאָוויטשעס פאָטער, איז גע־שטאָרבען (אינגאַנצען איז ער אַלט געווען דאָן 41 יאָהר), און זיין פרוי איז אַנ'אַלמנה געבליבען, אָהן מיטלען צום לעבען, האָט אבראַ־מאָוויטש — ער איז געווען דאַן אַ יונגעל פון אַ יאָהר 15 — געמוזט זיך שיידען מיט זיין מוטער. ער האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אין סלוצק און אין ווילנא אין ישיבות, און אז ער איז אין אַ פּאָר יאָהר אַרום געקומען צוריק אין שטעדטיל, האָט שוין זיין מוטער געהאַט אַ צווייטען מאַן, אַ מילנער, זי האָט געוואוינט מיט איהם אין מ ע ל נ י ק י, 10 וויאָרסט פון שטעדטיל. אבראמאָוויטש האָט זיך בעזעצט אין מעלניקי. און דאָ אַ פּנים האָט זיך צום ערשטען מאָל בעוויזען צו איהם „די מוזע". יונ־געלוויז, נאָך זייענדיג אין שטעדטיל, האָט אבראַמאָוויטש געפיהלט אָפּט אין זיך עפּיס „אזוינס, וואָס לאָזט זיך ניט דערקלערען, אַ מין ציהעניש אזעלכע, וואָס אָהן אַ נאָמען"; אין אַזוינע מינוטען פלעגט דאָס „קליין יודעלע" אויסטון זיך פון שפּאַן, נאָכגעבען דעם יצר הרע און אוועקגעהן אין פעלד אָדער אין וואַלד אַריין שפּאַצירען; אַנ'אַנדערס מאָל פלעגט ער זיך „צוגיסען אין אַ טרעלעליקען — אין אַ ניגונ'דעל פון זמירות און אַ וויינענדיגם צו אַ בעדעקענס אָדער געזאָגט בּרכי נפשי הויך אויפ'ן קול, צוקייענדיג איטליכעס וואָרט און געפיהלט דערביי עפּיס גאָר אַ בעזונדער טעם"... 2) אַז מען קאָן שרייבען, אויסגיסען דאָס האַרץ אין אַ שיר, אין מליצה, — האָט ער נאָך נישט געוואוסט. ערשט אין מ ע ל נ י ק י הויבט ער אָן שרייבען. אין העברעאישע שירים בעזינגט ער די נאַטור. „דער טייך פלעגט איהם צופלעסקען, דאָס וואַלד־עכא — אָבענטפערן". אַ חוץ דעם טייך און דעם וואַלד האָט זיינע שירים קיינער נישט געהערט. ער איז געווען איינזאַם, די נאַטור אַרום — ווילד. דאָס דערפיל איז אַרומגערינגעלט געווען מיט וועלדער, עס „ליגט פערבאָרגען אין אַ ווינקעל, אָבגעריסען פון דער וועלט, ווייט פון מענשען און פונ'ם טראַקט, נאָר קליינע שמאָלע וועגעלעך שלענג־לען זיך דורך דעם וואַלד, דורך טאָלען און בערגלעך, און פיהרען צו דערפער, וואָס ליגען צוזייט אַרום און אַרום. און ווען מענשען זענען דאָ זעלטען, עס רעש'ט ניט, עס קאַכט נישט, ווי אין שטעדט, דער־

---

1) שלמה ז. 32. 2) שלמה.

פאַר שוויבעלט און גריבעלט דאָ אין די וועלדער, אין די זומפּען און פעלדער אַלערליי בעשעפּעניש, חיות און עופות, דערפאַר לאָזט זיך דאָ הערען אַלערליי קולות: אַ גזאַנג פון פויגעל, אַ קראַקען, אַ קוואָקען, אַ שמוצערן, אַ גרילצען זומער, אַ וואָייען, אַ היילען פון הונגעריגע וועלף ווינטער און אַ מאָל אַ בּרומען פון אַ פערבלאָנזשעטען בער אויך — און אין דעם דאָזיגען קאָנצערט פערטראָגט זיך אַ רוישען פונ'ם וואַסער בּיי'ם אַראָבּפאַלען אויף די רעדער, אַ קלאַפּען, אַ מאָלען פון דער מיהל". 1) איך בּרענג מיט אַ כּיון די דאָזיגע לאַנגע ציטאַטען, מיר זאָלען זעהן דערבּיי, ווי מענדעלי מאָלט די נאַטור, מיט וואָס פאַר אַ זיכערהייט און וואָס פאַר אַ בּרייטקייט. ער איז קאַרג אויף ווערטער, ער איז פּינקטליך, בּיי איהם איז אַלץ געמאָסטען און געוואויגען, נאָר בּיסלעכּווייז, בּיסלעכוויז מאָלט זיך אויס פאַר אונז דאָס בּילד בּיז'ן לעצטען שטריכעלע, בּיז'ן לעצטען פּינטעלע. דאָס רוב גיט זיך איהם איין אין סוף מיט איין וואָרט צונויפצוגיסען די אַלע פּרטים אין איין גאַנצעס...

נאָך אין שטעדטיל בּיי זיך, אין קאַפּוליע, האָט אַבּראַמאָוויטש זיך צוגעוועהנט צו די שענהייטען פון דער נאַטור. קאַפּוליע ליעגט אויף אַ בּאַרג אין זעהר אַ שענעם אָרט. „די טאָלען בּאַרג-אַראָבּ זענען ערטערווייז בּעזעצט, בּעוואַקסען מיט גרינוואַרג. זיי ציהען זיך ווייט אַרום דער שטאָדט, צו-וואַרפענדיג זיך אין פערשיעדענע פּאַנאָראַמעס: גערטנער, פעלדער און פעלדלעך פון ניס, אויך געמייזאַכטסען גרינבּע-וואַקסענע זומפּען מיט פּליושניק (זשאַווער) און הושענות, צווישען וועלכע עס רינען קוואַלען וואַסער. עס שוויבּלען און גריבּלען מיני עופות, אויף יענער זייט טאָלען, ווייטער בּערג, ווייטער פעלדער, וועלדלעך און וועלדער" 2), די אָפט פערזאָניפיצירטע און פערייודישטע, אָבּער תמיד רעאַליסטישע און וואונדערליך-קלאָרע נאַטור-שילדערונגען, וואָס זענען צושפּרייט איבּער מענדעלע'ס ווערק, — האָבּען מיר צו פערדאַנקען נישט נאָר די רייזען, וואָס ער האָט שפּעטער געמאַכט איבּער וואָהלין, אוקראַינא און פּאָדאָליען, נאָר אויך זיין לעבּען יונגעל-ווייז אין קאַפּוליע און אינ'ם דערפיל מעלניקי. ער האָט דאָרט ליעבּ געקראָגען אַלץ, וואָס וואַקסט און לעבּט. פון מענשען האַלט ער ניט שטאַרק: ער איז צו-גוט מיט זיי בּעקאַנט; אין חיות און עופות

---

1) שלמה ז. 4—3, 2) שלמה.

אָבער איז ער פּערליעבט, דאָס לעבען וואָלט ער אָבגעגעבען פאַר זיי. ער טוט און עסק'ט זיך מיט זיי, זיי דינען איהם אַלס ביישפּיעלען און משלים, זיינע בעלעטריסטישע ווערק זענען אַזוי ווי דער המשך פון דער נאַטורגעשיכטע (תולדות הטבע), וואָס ער האָט פערפאַסט...

און אין דער אייגענער צייט, ווען ער בעזינגט די נאַטור, — שרייבט ער אַ „דראַמע" (אין חרוזים). אייגענטליך, וואָס איז אַזוינס אַ דראַמע, ווייס ער נישט אויף קלאָר, נאָר ער האָט גע־לייענט דאָס האַלב־וועלטליכע מוסר־ווערק פון ר' משה חיים לוצאַטו, „לישרים תהלה" (אַ רייהע אַלעגאָרישע דיאַלאָגען און סצענעס) — האָט ער עס גענומען פאַר אַ מוסטער. געדרוקט געוואָרען, פערשטעהט זיך, איז די „דראַמע" ניט, נאָר פון דער אויטאָביאָגראַפיע אַבראַמאָוויטשעס דערוויסען מיר זיך, אַז עס האָט געטראָגען אַ סאַטירישען כאַ־ראַקטער.

שוין אין די ערשטע אונזיכערע פּראָבען פון מענדעלי'ס פען, ווייזען זיך אַרויס אויף דעם אויפן צוויי הויפּט־שטריכען פון זיין גאַנצען שפּעטערדיגען שאַפען: — 1) די ליעבע צו דער נאַטור, 2) די סאַטירע. „ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבען שרייבען, זאָגט אַבראַמאָוויטש, האָט זיך בעוויזען צו מיר דער שטן, מעפיסטאָפעל דער מלאך פון שפאָט, וואָס גע־וועלטיגט אינגע־ מיר אין דער געשטאַלט פון מענדעלי מוכר ספרים און האָט מיך אָנגעלערנט אָבצושפּאָטען פון מענשען און אָראָבצייסען פון זיי די מאַסקע *)...

נאָר ווער ווייס, צי וואָלטען די ערשטע ליטעראַרישע פּראָבען מענדעלי'ס ניט געווען אויך די לעצטע, צי וואָלט ער ניט געוואָרען אַ קאַפּוליער איידעם, און עס וואָלט ניט צוגעקומען נאָך איינער צו די ליפּא ראובנ'ס, די הערצל קיילעס און אַנדערע מושלמים, וואָס זענען געבליבען מלמדים, קינסטלער, וואָס זענען געוואָרען סטאָליאַרעס — ווען ניט אַ אונגליקליכער — ניין, אַ גליקליכער — צופאַל, וואָס האָט דעם 17־יעהריגען מושלם אַרויס־געפיהרט פונ'ם ליטווישען שטעדטיל און געמאַכט פון איהם אַ וואַנדערער?

אין דער ליטא זענען געווען דאַמאָלס הונגער־יאָהרען, אַ מורא'די־גער יקרות און עס איז ניט געווען קיין פרנסה. ווי תמיד אין אַזאַ צייט, זענען יודען געשטאַנען אויפ'ן וועג, די פּעקלעך אויף די פּלייצעס.

---

*) ספר הזכרון.

גרייט צו וואַנדערן . . . געטומעלט האָט זיך וועגען כערסאָנער גובערניע, דאָרט האָבען זיך אָנגעהויבען דאַן די קאָלאָניעס. פּלוצלונג קומט אָן אַ יוד אין קאַפּוליע, אַברהמ׳ל כראָמאָי האָט מען איהם גערופען, ער איז געווען פריהער אַ שטעדטעלדיגער, דערנאָך איז ער אַוועק „אין דער וועלט״ — און דערצעהלט נסים, ממש וואונדער פון וואָלין. „וואָלין, זאָגט ער, איז אַ געבענשט אָרט, מיט אַלעם גוטען. קוילעטשען עסט מען דאָרט גאָר אינמיטען דער וואָך, ווייַן טרינקט מען דאָרט, ווי וואַסער. הייַנט זייער ראָסעלפלייש, קנאָבעל, „פּראַקעס״, „פּאַליאַרטשיקעס״, איז אַ מאכל מלכים א. אַז. וו. נאָר די מענשען דאָרטיגע זענען גראָב, פערשטאָפּטע קעפּ, יודען פונ׳ם היגען ווינקעל קאָנען זיי אין זאַק אַרייננאַרען און מאַכען גוטע געשעפטען, מלמדים פון אונזער קאַנט האָבען דאָרט די בעסטע קנעלונגען. א. אַז. וו.״ *) נון, פאַר אונזער יונגען אַבראַמאָוויטשען, וואָס איהם האָט שוין דערעסען דאָס לעבען אינ׳ם ווינקעל, אָרימען שטעדטיל (ער האָט שוין ווידער געוואוינט אין שטעדטיל, ניט אין מעלניקי ביי׳ם שטיפפאָטער) — פאַר׳ן יונגען אַבראַמאָוויטשען עפענט זיך אַ נייע פערספּעקטיווע — וואָלין! אברהמ׳על דער קאַליקע רעדט אַיין זיינער אַ מומען, אַנ׳עגונה, זי זאָל פאָהרען מיט איהם (ער האָט אַ אייגען פערדעל מיט אַ וועגיל) זוכען איהר מאַן; ער נעמט זיך אָן איהם געפינען. אגב אורחא, וועט ער דעם פלימעניק איהרען, אונזער אַבראַמאָוויטשען, אויך נעמען, און וועט איהם ברייַנגען קיין וואָלין, אין דאָס גליקליכע לאַנד, וואו ער וועט זיך דערשלאָגען צו אַ תכלית אי״ה. די עגונה און איהר פלימעניק לאָזען זיך אַיינרעדען; אין אָנהויב פריהלינג, נאָך פסח, לאָזט מען זיך אין וועג אַריין.

אין וועג ווייַזט זיך אַרויס, אַז אברהמ׳על איז אַ שווינדלער און אַ שנאָרער דערצו. די עגונה איז ביי איהם מעהר ניט, ווי אַ מיטעל אויסצינאַרען נדבות ביי יודען, רחמנים בני רחמנים. אין יעטווידען שטעדטיל שטעלט ער זיך אָב, נעמט ביי׳ן רב אַ כתב, קלייַבט געלד „פאַר דער וויסטער עגונה נעבאַך״, און וועגען דעם ציעל פון איהר רייַזע האָט ער אינגאַנצען פערגעסען. אין איין שטעדטיל איז ער זיך מישב און וויל דעם יונגען, עלענדען, געראָטענעם בחור׳ל, וואָס פאָהרט מיט איהם, חתונה מאַכען: אין דער אמת׳ן, אַז מען האָט אַזאַ בחור׳ל,

*) „די אַלטע מעשה״.

זי לאָזט מען עס אַרויס פון האַנד ניט צוכאַפּען שדכנות־געלד, אַזאַ כשר פּערדינסט׳ל? דער בחור׳ל אָבער האָט געהאַט, ווי עס ווייזט, גאָר אַנדערע פּלענער אין קאָפּ. בשום אופן וויל ער נישט בלייבען אַנ־איידעם ביי׳ם שטעדטעלדיגען נגיד אויף קעסט. זי פּערלאָזען דאָס שטעדטיל און וואַנדערן ווייטער. וואָס ווייטער ווערט די נויט אַבראַמאָוויטשעס, די עלענדקייט און די דערנידערונגען אַלץ שרעקליכער. ער געפינט זיך אין אַ חברה פון קבצנים, שנאָרער, ער זינקט אַלץ טיעפער און טיעפער אינ׳ם תהום פון דלות, „די גרויסע יודישע טאָרבע״ הענגט איהם ממש אויפ׳ן רוקען, — די גרויסע יודישע טאָרבע, וואָס פון דאַן אָן שטעהט זי איהם תמיד פאַר די אויגען: „וואוהין איך זאָל מיך נישט קעהרען און ווענדען, זעה איך פאַר מיר די טאָרבע; וואָס איך זאָל ניט וועלען עפּיס דערצעהלען אָדער זאָגען, קומט מיר אַפיר די טאָרבע״ 1). מענ־דעלי, וואָס האָט געזאָגט, אַז „ווירקען אויף אַ פאָלק מענשען קען נאָר אַ זעלבער, וואָס איז ביין פון זייער ביין, פלייש פון זייער פלייש; וואָס האָט געליטען איינע צרות, געפיהלט איינע וועהטאָגען מיט זיי״, 2) — מענדעלי האָט אָבגעריכט גלות און איז געווען נע־ונד, אַזוי ווי דאָס פאָלק, אויף וועלכעם ער האָט געווירקט, און אַזוי ווי דעם פאָלק, האָט אויך איהם דאָס גלות, דאָס נע־ונד זיין רייכע און נוצליכע ער־פאַהרונגען געגעבען. ער איז בעקאַנט געוואָרען מיט יודישע קהלות, שטעדט און שטעדטליך, ער איז דערגאַנגען, אַז זיי האָבען אַלע איין נאָמען: קאַבצאַנסק (קבציאל), און אַז פון קאַבצאַנסק פיהרט דער וועג קיין גלופּסק (כסלון)... ער האָט געזעהען די קליאַטשע, די כנסת ישראל, אין כל המעגליכע צושטאַנדען: אי דאַן, ווען מען שלאָגט און מען טרייבט זי דערפאַר, וואָס זי פּיטערט זיך אויף פרעמדע פעלדער, — און זי זיפצט שטילערהייט און זוכט אַ קאָפּ גראָז, אַ ביסעל היי; אי דאַן, ווען זי ליגט אין קאַבצאַנסק אויפ׳ן שולהויף, וואַרעמט זיך אויפ׳ן זון און מעלה־גרה׳ט, און אויך דאַן, ווען עס עפענט זיך איהר פלוצלונג דאָס מויל, זי הויבט אָן רעדען, להבדיל, ווי אַ מענש, און דערמאָנט זיך, אַז אַמאָל, גאָר אַמאָל, איז זי אַ פּרינץ געווען... אין אַלע צושטאַנדען האָט מענדעלי אויף זיין וואַנדער־וועג דאָס וואַנ־דערפאָלק געזעהען, זיך צוגעקוקט צו אַלע זיינע גענג, צו אַלע זיינע אָנשטעלען און תנועות, צו זיין גאַנצען הילוך, איינגעזייגען אין זיך די

1) שריפטען, ז. 117 I יובילוי־אויסגאַבע. 2) „ווינשפינגעריל״.

גרויע פאַרבען און דעם אָרימען ריטמוס פון זיין שפּראַך, געליטען זיינע צרות און געפיהלט זיינע וועהטאָגען, — און שפּעטער, אַז ער האָט זיך אָבגעטיילט פון פאָלק, געשטעלט זיך אויף אַ העכערער מדרגה פון קולטור און געוואָלט זיך צוריק צום פאָלק אַראָבלאָזען, האָט ער גענומען בײ איהם אַ נאָמען פיר זיך, אַ פאָלקספּאַספּאָרט, און גערעדט מיט איהם אויף זיין לשון: אמר מענדעלי מוכר ספרים, זאָגט מענדעלי מוכר ספרים...

נישט אַזוי גרינג אָבער איז אָנגעקומען אַבראַמאָוויטשען דאָס אַרויסראַטעווען זיך פונ׳ם תהום, וואו ער האָט געזונקען. נאָך היבשע עטליכע חדשים האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט אויף אַברהמ׳לם וועגעל מיט דער עגונה מ׳ט איהר קינד, ביז אַ צופאַל האָט איהם צוגעפיהרט נעבען קאַמענעץ-פּאָדאָלסק אויפ׳ן וועג מיט אַ בעקאַנטען פון זיין שטעדטיל, עפּיס אַ משורר׳ל בײ אַ חזן, וועלכער האָט איהם אויסגעלעזט פונ׳ם שנאָרערם הענד און געבראַכט קיין קאַמענעץ. אין קאַמענעץ האָט ער זיך בעזעצט אין אַ בית-המדרש — דאַרף מען דען אַ בעסער אָרט? דער בית-המדרש איז אין יענער צייט געווען דער מרכז פונ׳ם גייסטיגען און געזעלשאַפטליכען לעבען בײ יודען; ער איז געווען די יודישע אַקאַדעמיע און דאָס יודישע פאָלקס-הויז... דורך די בית-המדרש-לייט איז אַבראַמאָוויטש בעקאַנט געוואָרען מיט אברהם דוב גאָטלאָבער, דעם בעריהמטען אין יענער צייט משורר, וועלכער איז געווען דאָרט אין דער קאַזיאָנער שול דער׳ יודישער אַ לעהרער. אַבראַמאָוויטש האָט דאַן נאָך נישט געוואוסט, אַז איהם איז בעשערט צו זיין אַ שרייבער בײ יודען, נאָר אַזאַ מנהג איז שוין געווען: ווען מען פלעגט אַריינגעהען צום ערשטען מאָל צו אַ משורר אָדער סתם צו אַ משכיל, אַ מפורסם, פלעגט מען אַרויסנעמען פון קעשענע צוקנייטשטע, נאָר זעהר שען אָבגעצאַצקעטע בויגעלעך פאַפּיער מיט מליצה, — ס׳איז געווען אַ מין רעקאָמענדאַציע. אַבראַמאָוויטש האָט גאָטלאָבער׳ן געוויזען זיין „דראַמע". האָט ער איהם אַנ׳עצה געגעבען — „לערנען זיך". צי וויל ער האָט דערשפּירט אין איהם טאַלאַנט אָדער וויל גלאַט צו אַ משכיל, אַז ס׳קומט אַ ישיבה-בחור, ראַט ער איהם בילדען זיך, — ווי-זשע אַנדערש? אַבראַמאָוויטש האָט שוין לאַנג „געדורשט נאָך בילדונג", ווי זיין ביאָגראַף דריקט זיך אויס; האָט ער זיך צוגעכאַפּט צו איהר מיט פלייס, מיט אַ ברען. השכלה-ספרים האָט איהם גאָטלאָבער געגעבען פון זיין ביבליאָטעק, רוסיש און דייטש לייענען האָט איהם געלערנט די טאָכטער דעם פאָ-

עם׳ס. אינגיכען האָט ער חתונה געהאַט, גענומען די טאָכטער פון אַנ־
אָרטיגען גביר, אַ האַלבען משכיל, נאָר די פרוי איז אַ פּראָסטע געווען,
ניט קיין פּאָר פאַר איהם, גט ער זי אָב. דערנאָך האַלט ער עקזאַמען
און ווערט אין דער קאַזיאָנער יודישער שול אַ לעהרער. אין אַ יאָהר
אַרום דרוקט זיך אָב אין „המגיד", אין דער העברעאישער צייטונג, וואָס
האָט דאַן אָנגעהויבען אַרויסצוגעהען, זיין ערשטער אַרטיקעל.
ער איז געדרוקט געוואָרען אָהן אַבראַמאָוויטשעס וויסען. אַזוי
ווי אין די דערצעהלונגען זיינע, שפּיעלען אויך אין זיין לעבען
אַ ראָליע צופעליגקייטען. און אויך זיין אַריינטרעטען אין די
ליטעראַטור איז געשעהען דורך אַ צופאַל. ביי איהם אין צימער האָט
זיך געוואַלגערט אַ בויגען פּאַפּיער, וואָס ער האָט אָנגעהויבען שרייבען,
אַלס אַנ׳ענטפער אויף אַ בריעף פון זיינעם אַ פריינד. גערעדט האָט זיך
אין פּאַפּיער וועגען „חנוך" (ערציהונג). איינעם אַ משכיל, אַנ׳אַריינגע־
הער ביי אַבראַמאָוויטשען אין שטוב, איז עס געפעלען געוואָרען, האָט
ער עס אַוועקגעשיקט גאָטלאָבער׳ן. אין אַ קורצע צייט אַרום ברייננט
אַבראַמאָוויטשען דער פּאָסט־טרעגער אַ נומער „המגיד" מיט זיין אַרטי־
קעל, מיט אַ בריעף פון זילבערמאַן, דעם רעדאַקטאָר, וואָס בעט איהם
שיקען וואָס אָפטער „די פרוכט פון זיין פעדער".

אַזוי ווערט אַבראַמאָוויטש אַ שרייבער.

זיינע ערשטע אַרטיקלען האָבען געמאַכט אויף די לעזער אַנ׳
איינדרוק. (קיין סך, אגב, האָבען דאַן די לעזער נישט געפּאָדערט) אין
זיינע אַרטיקלען האָט אַבראַמאָוויטש, צווישען אַנדערס, אָנגעוויזען אויף
די נויטינקייט צו לערנען רוסיש מיט יודישע קינדער. מען דאַרף אָבער
נישט מיינען, אַז אַבראַמאָוויטש איז, ווי דאָס רוב לעהרער פון די
„קאַזיאָנע אוטשילישצעס", געווען דאַמאָלס אַנ„אַסימילאַטאָר". ער איז
געווען נאָך, פּשוט, יונג, האָט ערשט דורכגעמאַכט די „האָניג־חדשים"
פון זיין השכלה און האָט נאָך ניט געהאַט צו איהר די קריטישע,
סקעפּטישע בעציהונג, וואָס האָט זיך אויסגעאַרבייט ביי איהם שפּעטער.
דערצו איז עס געווען אַ רעאַקציע געגען דער איינזייטיגער, ריין־רעליג־
יעזער ערציהונג פונ׳ם אַלטען חדר, וועלכער איז, לויט דער מיינונג
פון די משכילים, געווען ווייט פון לעבען און זיינע רעאַלע בעדערפני־
שען. אייגענטליך איז אין רוסיש געווען נאָך אַ קלענערע בעדערפניש,
און ווער רעדט דער בערדיטשעווער דייטש, וואָס מען האָט אין די רע־
גירונגס־שולען געלערענט, איז געווען געווים ווייטער פון לעבען, ווי די

חדרים, און אויב די חדרים זענען געווען נאָר צו גאָט און נישט צו לייט, זענען די שקאָלעס געווען נישט צו גאָט און נישט צו לייט: יודען האָבען דאַן געלעבט נאָך אָבגעזונדערט, מיט דער אַרומיגער וועלט איז מען נישט געווען אַזוי אויפגעטראָגען, ווי איצט, און טאָמער איז אויסגעקומען אַמאָל ריידען מיט אַ גוי אָדער אַ פּריץ, האָט אַ יודען „דער מוח ניט אויסגעדאַרט", מען האָט גערעדט ווי מען האָט געקאָנט...

אַלזאָ, קיין פּראַקטישע בעדערפניש אין פרעמדע שפּראַך איז בײַ דער ברייטער פאָלקס-מאַסע נישט געווען, און מען דאַרף נישט מיינען דעריבער, אַז אַבראַמאָוויטש האָט זיך דאַמאָלס שוין אָנגענומען פאַר די רעאַלע לעבעדיגע בעדערפנישען פונ׳ם יודישען פאָלק. אלא וואָס-דען? בײַ אַ טייל פון די גבירים, די גרויסשטעדטיגע סוחרים און פּאַדריאַד-טשיקעס האָט זיך אָנגעהויבען דאַן אַרויסצווייזען אַ טענדענץ צו קולטו-רעלער אַסימילאַציע מיט׳ן רוסישען פאָלק, אַ טענדענץ, וואָס איז נאָכדעם אין די 60-טע יאָהרען, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען צו פערשטאַרקען אין רוסלאַנד דער האַנדעל און די אינדוסטריע — געוואָרען אַלץ שאַרפער און שאַרפער. די שטרעבונג פון די דאָזיגע העכערע שיכטען איבערצוגעהען צו דער אַרומיגער ניט יודישער קולטור, — האָט געפונען חן אין די אויגען פון די משכילים, זיי האָבען געזעהען אין איהר דעם איבערגאַנג פון „פינסטערנים" צו „ליכטיגקייט", און פון גרויס הייץ האָבען זיי די בעדערפנישען פון אַ קליינעם הייפעלע פון פאָלק צו-נויפגעמישט מיט די הצטרכות׳ן פונ׳ם גאַנצען פאָלק. דעם דאָזיגען טעות אין חשבון האָט אַבראַמאָוויטש געהאַט אינאיינעם מיט אַנדערע משכילים, דאָך איז אין זיין רוסיש-פרעדיגען געווען אַ רעאַליסטישע טענדענץ, הגם אַ נעגאַטיוועם. רוסיש האָט געדאַרפט פערנעמען דעם אָרט פון דייטש. אין די רעגירונגס-שולען איז דייטש געווען די אונטעריכטס-שפּראַך; די „בערלינער" האָבען פון דער עלעמענטאַר-שול דער יודישער געוואָלט מאַכען אַ מין ווערקשטאַט פון יונגע משכילים׳לעך, און היות ווי אָהן דייטש איז אַ משכיל קיין משכיל ניט, האָבען אָרימע יודישע קינדערלעך, קינפטיגע שניידער, שוסטער און קאַראַבעניקעס, זיך געפּייניגט און פער-טײַטשט חומש און חיי-אָדם אויף „טייטש". מענדעלע איז איינער פון די ערסטע געווען, וואָס האָבען דערפיהלט די אומנאַטירליכקייט פונ׳ם משכילישען דייטש. און, הגם דאָס רוסיש לערנען איז אויך געווען געקינ-צעלט, געמלאכה׳ט, איז עס דאָך נישט געווען אַזוי קאָמיש, ווי דאָס דייטש...

אלזאָ, אין דער ערסטער משכּילישער אַרבּייט אַבּראַמאָוויטשעס זענען פאַרהאַן שוין סמנים פון זיין שפּעטערדיגען נעאָ-משכּילישען רעאַליזם. דער רעאַליזם — דאָס איז אַ גרונדשטריך אין מענדעלי'ס שאַפען, נישט ווייניגער וויכטיג, ווי זיין ליעבע צו דער נאַטור און זיין נייגונג צו סאַטירע.

דער רעאַליזם אַבּראַמאָוויטשעס טרעט נאָך בּולט'ער ארויס אינ'ם ליטעראַריש-קריטישען ספר'ל „משפט שלום", וואָס איז געשריבען געוואָרען אין 1859. מיט פינף יאָהר פריהער, איידער אין דער העבּרעאישער ליטעראַטור איז אַרויסגעטראָטען פּיסאַרעוו'ס תלמיד, אורי קאָוונער, — מיט פינף יאָהר פריהער הויבּט דער יונגער אַבּראַמאָוויטש אָן אַ שטרייט געגען דער מליצה-ראָמאַנטיק, געגען דער ראָמאַנטיק פון ווערטער, דער ראָמאַנטיק, וואָס קומט נישט פון אַ הויכער, נאָר פון אַ ענגער וועלט, און ער איז די ערשטע שוואַלבּ פון דער נייער רעאַליסטישער שטרעמונג אין דער העבּרעאישער ליטעראַטור. (איך זאָג מיט אַ כּיון: אין דער העבּרעאישער, ווייל די יודיש-ליטעראַטור, ווי ווייט מען קאָן רעדען וועגען אַזאַ ליטעראַטור פאַר מענדעלי'ן, — איז פון אָנהויבּ אָן געווען און האָט אַנדערש ניט געקאָנט זיין, ווי רעאַליסטיש).

זיין דאַמאָלסדיגע פּראָגראַם האָט אַבּראַמאָוויטש שפּעטער אַזוי פאָרמולירט: „איך האָבּ געוואָלט מיט'ן גאַנצען האַרצען, אַז אונזערע מליצים און דיכטער זאָלען ניט רעדען קיין הויכע פראַזען (לא ישיתו בשמים פיהם לדבר גבוהה, גבוהה), זאָלען ניט נעמען פאַר שטאָף צו זייער שרייבּען די „בּנות לוט", „אשת פּוטיפרע" וכדומה פאַרשווינען א. אַז. וו., נאָר זיי זאָלען זיך אָבּגעבּען מיט ממשות'דיגע זאַכען (לשונם תהלך בּארץ), זיי זאָלען זיך צוקוקען צום לעבּען פון פאָלק און צו אַלץ, וואָס טוט זיך בּיי איהם אין דער היים און אין קהל, און זאָלען עס איהם אַלץ אָבּשילדערן; זיי זאָלען זעהען אויסבּעסערן זיין געשמאַק מיט אַ ריינער, אַ שענער און אַלאַגישער שפּראַך, אויך זאָלען זיי איהם גוטע קלוגע לעקציעס געבּען, עס זאָל פעסטער-שטענדיגער ווערען" *). אַלזאָ, דריי זאַכען: רעאַליזם פונ'ם אינהאַלט; אַ שענע אָבּער אַ ריינע, אַ לאָגישע שפּראַך; קלוגע לעקציעס (די פּראַקטיק). דאָס האָט אַבּראַמאָוויטש געפאָדערט פון אַנדערע און אויך פון זיך;

*) ספר הזכרון תרמ"ט

דאָס איז געווען זיין פּראָגראַם. זיין ווייטערדיגע אַרבייט איז די אויס־פיהרונג פון דער פּראָגראַם.

אין 1852 נעמט ער זיך אַרויסגעבען דאָס „תולדות הטבע", אַ בעאַרבייטונג פון אַ דייטשער נאַטור־געשיכטע. ער מאַכט רייך מיט זיין אַרבייט די העברעאישע שפּראַך, הויבט אָן אין איהר שאַפען אַ מאָדערנע נאַטור־וויסענשאַפטליכע טערמינאָלאָגיע; זיין עיקר כּונה אָבער איז בעקאַנט צו מאַכען דעם יודישען לעזער מיט די פּאָזיטיווע וויסענ־שאַפטען, ער זאָל זיך צוגעוואוינען צום רעאַלען דענקען אַנשטאָט די אונקלאָרע, אָפט פוסטע, מליצה'דיגע פראַזען פון דער „הימלישער טאָכטער".

אין דער אייגענער צייט שרייבט ער אויף העברעאיש אַנ'ערצעה־לונג פונ'ם רעאַלען לעבען, „למדו היטב". און ווי מען זעהט פון „האָבות והבנים", וואָס איז שפּעטער אַרויס (1868) איז די שפּראַך אין דער ערצעהלונג, אמת, אַ קלאָרע און ניט אַזאַ אַבסטראַקטע, ווי ביי אַנדערע מליצים, אָבער נאָך אַלטמאָדיש, ריין־ביבליש, האַלבע פסוקים. און עס קאָן זיין, אַז שרייבענדיג אָט די פונ'ם רעאַלען לעבען גענומענע ערצעהלונג, האָט ער דערפיהלט צום ערסטען מאָל, וואָס פאַר אַ בע־דייטונג עס האָט פאַר'ן פאָלקס־שרייבער די פאָלקס־שפּראַך. פריהער ווי אַלץ איז זי אַליין אַ טייל פונ'ם פאָלקס־לעבען; ניט בענוצען זי, ניט אַריינגעמען זי אין דער ליטעראַטור אַריין, הייסט האָבען פאַר זיך אַ שטיק פאָלקס־לעבען און ניט אָבשפּיגלען עס. דערצו איז די פאָלקס־שפּראַך ניט אַנ'איינפאַכער, אַ געוועהנליכער טייל פונ'ם פאָלקס־לעבען און פאָלקס־שאַפען; ס'איז אַ טייל, אין וועלכען אַלע איבעריגע טיילען שפּיגלען זיך אָב, אין וועלכען זיי געפינען זייער אויסדרוק, אָהן וועלכען זיי זענען שטום. ווילען געבען אַ בילד פונ'ם פאָלקס־לעבען אָהן דער פאָלקס־שפּראַך, הייסט, לויט'ן געוויסען תלמודישען פערגלייך, אויפהיטען דעם וויין, צובּרעכענדיג דאָס פאַס. אבראַמאָוויטש האָט עס (ווען אונבעוואוסט אפילו) דערפיהלט. ער האָט געפיהלט, אַז דאָס בעהעפט־זיין פונ'ם פאָלק מיט זיין שפּראַך איז איי־גענטליך נאָך גרעסער, אינערליכער, ווי דאָס בעהעפט־זיין פונ'ם וויין מיט'ן פאַס: דאָס איז די פערוועבונג פון דעם שאַפער און דער שאַפונג, פון דעם אינהאַלט און דער פאַרב. ער האָט עס געפיהלט אַלס פאָלקס־מענש און — פריהער ווי אַלץ — אַלס קינסטלער און רעאַליסט. רעאַ־ליסטיש־קינסטלעריש קען מען דעם ריטמוס פונ'ם פאָלקסלעבען נישט איבערגעבען אָהן דעם ריטמוס פון דער פאָלקסשפּראַך.

שפּעטער האָט אַבראַמאָוויטש זיך (און אויך אַנדערע) אויסגעלערנט איבערצוטראָגן מיט גרויס מיה און קונסט דעם ריטמוס, דעם שטייגער, פון דער פאָלקסשפּראַך אין דער פון איהם בערייכערטער און פערפיינערטער העברעאישער שפּראַך; ער האָט זיך אויסגעלערנט געבען אין העברעאיש אַנ׳אָבשפּיגלונג אַ ווידערקלאַנג פון יודיש, דאָך איז עס מעהר ניט, ווי אַנ׳אָבשפּיגלונג, אַ ווידערקלאַנג מיט דער הילף פון זיין שפּראַך-אינסטינקט און שפּראַך-קונסט האָט ער צוגעפּאַסט די בוך-שפּראַך צו דער פאָלקסשפּראַך, מאַכען זי אַליין פאַר אַ פאָלקסשפּראַך — האָט ער נישט געקאָנט: צו אַ פאָלקסשפּראַך מוז מען האָבען אַ פאָלק... אין דער צייט אָבער, וועגען וועלכער מיר ריידען, אין דער צייט ווען אַבראַמאָוויטש האָט אָנגעהויבען שרייבען — איז העברעאיש אפילו נאָך נישט צוגעפּאַסט געוועזן צו די איינפאַכע, פרישע, קרעפטיגע אויסדרוקען פון פאָלק. אין „האבות והבנים״, וואו עס ווערט, אגב, איבערגעחזרט עטליכע מאָל די נויטיגקייט, צו שרייבען פונ׳ם רעאַלען לעבען, פונ׳ם פאָלקס-לעבען — אין „האבות והבנים״ איז אַבראַמאָוויטש געצוואונגען צו ברייננגען עטליכע מאָל אונטען, אין די אָנמערקונגען, פּראָסט יודישע׳ ניט העברעאישע, אויסדריקען, כדי עס זאָל נישט פאַרלאָרען געהען דאָס כאַראַקטעריסטישע פונ׳ם געשפּרעך *). אין די איבעריגע פעלען ווערט ער דאָס געשפּרעך איבער פון יודיש, איז עס אָבער אַ איבערזעצונג: אַ געזיכט אָהן אַ אויסדרוק, אין וואָרט איז קיין חיות ניטאָ, דער דיאַלאָג איז טויט, מען מוז עס איבערזעצען צוריק אויף יודיש, װעט דאן ערסט זיין אַ איליוזיע פון לעבען.

איז די גלייכסטע זאַך שרייבען לכתחילה יודיש.

און אַ דאַנק אַבראַמאָוויטשעס עצה און השתדלות הויבט אָן צעדערבוים, דער רעדאַקטאָר פון „המליץ״, אַרויסצוגעבען אין אָדעס אַ יודיש בלאַט, „קול מבשר״, וואו עס דרוקט זיך צום ערסטען מאָל דאָס „קליינע מענשעלע״ (1864).

נאָר איידער מיר געהען איבער צו די יודישע ווערק אַבראַמאָוויטשעס, מוזען מיר נאָך קלערער מאַכען די בעציהונג זיינע צו דער יודישער שפּראַך. דאָס איז אַזאַ וויכטיגער מאָמענט אין דער געשיכטע

*) „האבות והבנים״ אדעסא (1868) ז. 5, 27, 112.

און אַזוי צו זאָגען, אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דער יודישער ליטעראַ־טור, אַז עס לוינט זיך לענגער אויף דעם אָבצושטעלען. אין אַבראַ־מאָוויטשעס שריפטען געפינען מיר ערגיץ נישט קיין רמז אויף די ריין־קינסטלערישע מאָטיוען, וואָס צוליעב זיי איז איהם יודיש געווען נאָהענט און נויטיג; ער גיט אונז אַן׳אַנדער טעם — אַ סאָציאַל־עטישען: דער גרעסטער טייל פונ׳ם יודישען פאָלק פערשטעהט ניט די הייליגע שפּראַך, רעדט יודיש, מאַמע־לשון, הייסט „וואָס, פרעגט אַבראַמאָ־וויטש, וועט בלייבען דעם שרייבער פון זיין גאַנצער מיה און זיין האַרצענסבעגעהר, ווי באַלד ער וועט זיין פאָלק ניט ברייגגען קיין נוצען?„ (ומה הוה לסופר בכל עמלו ורעיון לבו אם לא יועיל לעמו?) *)
איז עס אייגענטליך די אַלטע נוצענס־טעאָריע, די אַלטע צדקה־טעאָריע פון „לכם ולא לי״, אַלץ פאַר אייך, אָרימע ברידערלעך. די טעאָריע, וואָס פון איהר האָבען געהאַלטען אַלע אינטעליגענטען־משכילים ביז און נאָך אַבראַמאָוויטשען. יודיש, האָבען געזאָגט, און זאָגען און זאָגען אויך איצט, די משכילים־פּיאָניערען און משכילים־עפּיגאָנען, — יודיש איז קיין שפּראַך ניט פאַר אונז, געבילדעטע מענ־שען, יודיש איז סתם ניט קיין שפּראַך, ס׳איז אַ זשאַרגאָן, אַן׳אָנשיקע־ניש פון זיין ליעבע נאָמען, אַ פלוך פון גלות א. אז. וו. מעהר ניט — די אָרימע ברידער אונזערע — זיי זענען ווילד, פערפינסטערט, זעהען די וועלט ניט, קאָנען געבאַך קיין „שפּראַכען״ ניט, מוז מען דערווייל,ע, בלית־ברירה, ריידען מיט זיי אויף זייער לשון — וואָס טוט מען ניט פון השכלה וועגען? אייזיק מאיר דיק, אַבראַמאָוויטשעס פאָרגענגער, האָט דעם דאָזיגען השכלה־שטאַנדפּונקט, דעם בלית־ברירה־שטאַנד־פּונקט קלאָר און בילדליך אויסגעדריקט: „צוואַר, שרייבט ער אין דער הקדמה צו „שבעים־מאָהלציים״, — צוואַר, דער זשאַרגאָן (אידיש טייץ) איז אין אַלגעמיין גאָר קיין שפּראַך, הלואי וואָלטען מיר עס געקענט און געשפּראָכען בעסער אין אונזער לאַנדעס־שפּראַך, ווי אַלע אונזערע אידישע ברידער א. אז. וו.״ אלא־וואָס־דען, למאַי שרייבט ער זשאַרגאָן און געברויכט ניט, ווען ניט די לאַנדעס־שפּראַך, איז לכל הפחות די אַלטע, הייליגע, היסטאָרישע שפּראַך? אויף דעם ענטפערט ער: אַנ־אַלטען בנין צערשטערען קען מען דורך קלעפּ פון אַ פּראָסטער האַק,

---

*) ספר הזכרון.

ביט דורך אַ שטאָך פון אַ דינעם גילדענעם נאָדעלע״ *). זשאַרגאָן איז אַ האַק, וואָס מען דאַרף מיט איהר ברעכען די ווענד פונ׳ם גייסטיגען געטאָ; אַז די ווענד וועלען פאַלען, וועט מען די האַק מעהר נישט ברויכען ... קאָן מען, זאָג איך, מיינען אַז אויך פאַר אַבראַמאָוויטשען איז זשאַרגאָן מעהר ניט געווען, ווי אַ האַק, אַ מיטעל; אין דער אמת׳ן איז עס נישט אַזוי. אַז מען הערט זיך גוט איין אין מענדעלי׳ס רייד, פיהלט מען, אַז ער נעמט זיך פאַר יודיש, ניט בלויז דערפאַר, ווייל דאָס פאָלק, די אָרימע ברידערלעך נעבאַך, דאַרפען עס האָבען, נאָר אויך ווייל איהם אַליין איז עס נויטיג. ניט ער טהוט חסד מיט׳ן זשאַרגאָן, וואָס ער לאָזט זיך אַראָב צו איהם און „פערפלעקט״ מיט איהם זיין פעדער, נאָר פערקעהרט, דער זשאַרגאָן טוט איהם אַ טובה, וואָס ער פערענטפערט איהם זיין לעבענס=פראַגע, זיין פערזענליכע פראַגע, די פראַגע פון יעדער פאָלקס=שרייבער: — למי אני עמל? — פאַר וועמען אַרבייט איך? דאָס פינטעלע איז אויפ׳ן איך...

ווען די יודיש פראַגע וואָלט ניט געווען פאַר אַבראַמאָוויטשען קיין איך=פראַגע, ווען יודיש שרייבען וואָלט ביי איהם געווען נאָר אַ צדקה=זאַך, וואָלט ער ניט געלאַכט אַזוי ביטער פון די בעל=לשונ׳ס, די בעל=גאוה׳ניקעס, וואָס שעמען זיך מיט יודיש און האַלטען עס פאַר אַ ווייבערשע, אַנ׳עם=האַרצישע זאַך; וואָלט ער נישט געזאָרגט אַזוי פאַר יודיש. מען זאָרגט נישט פאַר אַ זאַך, וואָס טויג נאָר אַ מיטעל צו זיין. מען מאַכט קיין ווען נישט פון דעם, וואָס איז היינט פאַרהאַן און מאָרגען — אויס. די שרייבער=משכילים, וואָס פאַר זיי איז יודיש געווען נאָר אַ זאַך פון היינט — האָבען עס בעוויזען. זעלטען ווער פון זיי האָט געמיהט זיך זיין יודיש זאָל זיין ריין, שען; אויף יודיש האָט מען געשריבען אַבי ווי, אַבי וואָס. אפילו די, וואָס האָבען געצאַצקעט אין העברעאיש יעדעס וואָרט, געזוכט עס זאָל זיין „על טהרת השפה״, האָבען אויך יודיש גערעדט אָפט „שיחת חולין״, גראָם=שטראָם, האַלב=דייטשיש, פאָלאָווינאַ=רייסיש. יודיש איז די שפראַך פון מאַרק, פון קיך; פאַרהאַן דאָ מיט וועמען איידעלקייט צו פראַווען! נישקשה, זיי וועלען פערציי׳ען, די שניידעריונגען און די דינסטמוידען, זיי וועלען לעקען די פינגער, זיי פערשטעהען זיך דען אויף בעסערס?

און טאָמער וועט עס אַריינפאַלען צו אַ אינטעליגענט, וואָס האָט זיך צושיידט מיט דאָס ביסעל יודישקייט און בענקט נאָך דער באָבּען, וועלען איהם אַודאַי הנאָה טון, שאַרף הנאָה טון די אַלע „ווערטלעך“, די יודישע „וויטצען“, זיי וועלען זיס זיין צו זיין גומען, אַזוי ווי טשאָלענט און אַנדערע נאַציאָנאַלע מאַכלים, וואָס קאָסטען נישט טייער און דער־מאָנען אָן די אַלטע, ליעבּע, נאַרישע צייטען...

מען איז זיך מיט יודיש בּעגאַנגען ניט ווי מיט אַ „דינסט־מויד“, נאָר ווי מיט אַ שטיפקינד, וואָס מ'האַלט פאַר נויטיג געבּען איהם צופיהלען, אַז עס איז אַ שטיפקינד... אַבּראַמאָוויטש איז געווען דער ערסטער, וואָס האָט בּעוויזען, אַז ס'איז ניט אַ פרעמדס, נאָר אַנ'איי־גענס, טאַקע אַנ'אייגענס, אַ ירושה פון פיעלע דורות. אין האַרצען האָבּען עס געפיהלט אפשר אויך אַנדערע, אַ חוץ איהם: וועלכער איי־דעלער מענש איז אייגענטליך אימשטאַנד זיך אָבּצוקעהרען, ווי אַ פרעמ־דער, פון זיין מאַמעס און זיין קינדהייטס שפראַך — אפילו ווען זי איז „ניט אַזוי שען“? ווער זוכט שענהייט, וואו עס איז פאַרהאַן חן גענוג, דער יודישער חן? אפשר, זאָג איך, האָבּען עס געפיהלט אויך אַנדערע, אַ חוץ אַבּראַמאָוויטשען, זיי האָבּען זיך געשעמט אָבּער זיך מודה צו זיין: שעמעוודיגקייט, וואו עס פאַסט צום עסק, איז אַ יודישע מדה... אַבּראַמאָוויטש האָט זיך מודה געווען.

דער שאַרפער קוק און דער רעאַלער פערשטאַנד האָבּען איהם נישט געלאָזען זיין פערנאַרט אין חשבּון. דערצו האָט ער געפיהלט, אַז ער ווערט, נאָכ'ן פאָלק, דער צווייטער פאָטער פון יודיש, און ער האָט עס גענומען כּאָליען און טוליען, אַזוי ווי אַ קינד. הערט מען אויף זאָרגען פאַר אַ קינד, ווען עס איז שוואַך, ווען עס גוסס'ט אפילו? ווערט עס דאַן ניט ליעבּער, ניט ציטערדיגער? צום ליעבּע־געפיהל קומט צו דאָס געפיהל פון רחמנות: אויף זיך אַליין; אויף דער אייגענע ליעבּע איז אַ רחמנות... „הבּת לא רוחמה“ רופט מענדעלי אָן יודיש. די האַרציגקייט, וואָס אינ'ם דאָזיגען וואָרט, קאָן מען דורך אַנ'אַנדערעס נישט איבּערגעבּען. „יהי מה“, זאָגט ער, עס מעג זיין, וואָס עס וועט זיין: „ארחם את היהודית“, אַזוי ווי איינער זאָגט, איך קאָן מעהר נישט צוקוקען, ווי מען בּעגעהט זיך מיט איהר... „דער יצר הרע פון רחמנות“, ווי מענדעלי רופט עס אָן ערגיץ, איז גרויס, מענדעלי אַליין ליידט פון איהם שטאַרק, און עס איז שוין אַטבּע בּיי איהם צו רעדען בּלשון נעבּאַך, רעדט ער אויך וועגען יודיש אויפ'ן נעבּאַך־לשון, אָבּער פונ'ם

רחמנות=נעבאך קוקט ארוים צו אונז רייבע, כאטש א פערבארגענע ליעבע.

און שפעטער, ווען ער האט אנגעשריבען דאס „קליין מענשעלע" און איבערגעלעבט די ערסטע פרייד פון פרייען, אונגעצוואונגענעם און אוננעקינצעלטען שרייבען, — שפעטער איז צום ליעבע=געפיהל צוגעקומען דאס געפיהל פון דאנקבארקייט און פון יענער מוטערליכער טרייהייט, מיט וועלכער דער שאפער קוקט אויף זיין שאפונג, און ער רעדט שוין ניט בלשון רחמנות: „חשקה נפשי ביהודית". מיין זעעל האט זיך בע- העפט צו דער יודישקע, וארשתיה לי לעולם", און איך האב זי פער- קנסט צו מיר אויף אייביג...

ער האט ליעב געהאט די שפראך, האט ער געקאנט אויף איהר שא- פען; ער האט געשאפען אויף איהר, האט ער זי נאך מעהר דעריבער ליעב געהאט.

ער האט אבער ניט נאר געשאפען דורך דער שפראך, זי איז אליין ביי איהם א שאפונג. די אין טרעהרען און גאל אויסגעווייקטע, פערוויינטע און א שפאטענדיגע, ארימע אין פארבען און רייבע אין „פינטעלעך", אפט ניט דערזאלצענע און שטענדיג פערפעפערטע, ווילדע און פקחות'דיגע יודישע שפראך — דאס איז דער רייכער אוצר, וואס אבראמאוויטש האט אין פאלק געפונען, דאס איז די שענע מתנה, וואס ער האט דעם פאלק צוריקגעגעבען. די מתנה, — וויל געגומען האט ער ביי'ם פאלק טיילען און טיילעכלעך און אומגעקעהרט האט ער איהם א גאנצע זאך; געגומען האט ער שטיקלעך שפיגעל=גלאז, וואו דאס פאלק זעהט זיך אברים=וויז, אומגעקעהרט איהם האט ער א שפי- געל, וואו עס זעהט זיך אינגאנצען, ווי עס שטעהט און געהט. דער, וואס וועט נעמען אויף זיך די אויפגאבע, די דאנקבארע אויפגאבע אב- צושילדערן אויפ'ן סמך פון מענדעלי'ס ווערק דעם פסיכאלאגישען און סאציאלען טיפ פון א יודען, דערהויפט פון אנ'אלט=פרענקישען געטא- און בית=מדרש=יודען, — דער וועט געפינען זיין שטאף, ניט אזוי אין די פיהרונגען און טואונגען פון מענדעלי'ס פרשוינען, ווי אין זייער שפראך, אין זייערע רייד.

יעדער שרייבער האט סמנים, נאך וועלכע מען דערקענט איהם, מענדעלי'ן דערקענט מען נאך זיין שפראך, ניט וויל זי איז אנ'אייגענ- ארטיגע: — וועלכען שרייבערס שפראך איז ניט אייגענארטיג? — נאר וויל זי איז אנ'אייגענע. קיינער, א חוץ איהם, האט זי ניט. עס

האָט זי דאָס פאָלק, וואו איהר ערסטער מקור איז, אָבער ביי׳ן פאָלק איז זי אַ ווילד־גראָז; ביי מענדעלי׳ן — אַ בלום, אַ בלום ערצויגען אין אָראַנזשעריע. ווייל זי איז ערצויגען אין אראנזשעריע, היט זי ניט שטענדיג אויף איהר פרישקייט, איז זי צו־גלאַט, צו אויסגעצוואָגען, דערפאַר איז זי אָבער ריין, ניט בעוואַקסען מיט גראָז, און האָט אַ חוץ דעם לעבענס־חן, נאָך אַ חן — פון קונסט. מענדעלי׳ס שפּראַך איז אַ פּאָעמע; אַ דאַנק איהר זענען די איינפאַכסטע דערצעהלונגען זיינע — פּאָעמעס...

„איבער אַ ווערק, ליעב איינִיקעל, שרייבט דער זיידע צו שלום־עליכם׳ן, איבער אַ ווערק בעדאַרף מען שוויצען, מען בעדאַרף פּיילען איטליכעס וואָרט; געדענקט וואָס איך זאָג אייך; פּיילען, פּיילען! *) און ער פּיילט און שלייפט זיין שפּראַך, פּיילט און שלייפט זי, ניט צוליעב זיין קונסט־ווערק, נאָר צוליעב איהר אַליין, ווייל זי אַליין איז ביי איהם אַ קונסט־ווערק. פערגלייכט מען פערשיעדענע אויס־גאַבען פון מענדעלי׳ס ווערק, זעהט מען, מיט וואָס פאַר אַ ליעבע, מיט וואָס פאַר אַ אַריינטון־זיך, ער זאָרגט פאַר יעדעס וואָרט, פאַר יעדעס פּינטעלע: דאָ מאַכט ער עפּיס איבער, דאָרט פערמעקט ער עפּיס אָדער שטעלט עפּיס אַריין; די פרעמד־קלינגענדיגע ווערטער, וואָס בעגעגענען זיך אין די ערסטע אויסגאַבען פון די ערסטע ווערק, ווערען אין די שפּעטערדיגע אויסגאַבען פערביטען מיט ווערטער, נעהענטערע צום גייסט פון יודיש, אַלזאָ, אַז עס איז ניטאָ גאָר כמעט ביי מענדעלי׳ן קיין ווערטער אָדער אויסדרוקען, וואָס זאָלען ניט איינגעוואָרצעלט זיין אין דער פאָלקסשפּראַך אָדער פאָלקסליטעראַטור (טייטש־חומש, מוסר־ספרים, תחינות). אַלס רעאַליסט, נעמט ער די פאַרשוינען זיינע פון לעבען, — און אויך די שפּראַך נעמט ער פון לעבען; ניט נאָר די איינציגע ווערטער, נאָר אויך די פערשיעדענע פערבינדונגען זייערע. ער איז אָבער אַ קינסטלערישער רעאַליסט, קאָפּירט ער נישט דאָס לעבען, ער נעמט דעם תמצית, דאָס טיפּישע, און אויך אין זיין שפּראַך איז פאַרהאַן דאָס טיפּישע, די עסענץ פון דער פאָלקס־שפּראַך, כאָטש זי איז ניט קיין פאָלקסשפּראַך, נאָר אַ קולטיווירטע, סטיליזירטע ליטעראַטור־שפּראַך.

די גרויסע ראָליע, וועלכע עס שפּיעלט די שפּראַך ביי מענדעלי׳ן,

*) זעה די הקדמה צו „סטעמפּעניו“ שלום עליכם׳ס.

פיהרט דערצו, אַז ער כאַפּט איבער אַמאָל די מאָס, און עס קאָן זיך דוכטען, אַז ער שפּיעלט זיך מיט דער שפּראַך; ער שרייבט:

„די מלאכה הויבט זיך געוועהנליך אָן מיט כל עבודת פּרך: פּאַמאָניצעס טראָגען, וואַסער אָנטראָגען, מיט דעם בעל-הבית'ס קינדערלעך זיך ארומטראָגען, דער בעל-הבית'טע ביי'ם אָנקויפען אַלצ-דינג צו-טראָגען, שטיקלעך אַרבייט אַהין-אַהער אָבטראָגען, מיט בעל-הבתישקייט שטענדיג זיין פערטראָגען, און איטליכענס קאַפּריז, קלעפּ און בעלייידיגונג איבערצוטראָגען" *) אָדער: ... און ליגענדיג מיר אַזוי האָב איך אומעטום געקוקט, אַלצדינג בעטראַכט. אַביסעל אויך געטראַכט און זיך פערטראַכט" **) ...

אַנ'אַנדער מאָל דריקט זיך דאָס שפּראַך-שפּיעל ביי מענדעלי'ן אויס דערין, וואָס אויף אַלטע ווערטער און ווערטלעך מאַכט ער אַנייעם פּשט און לייגט אַריין אין זיי אַנייע כונה צום ביישפּיעל, ריידענדיג וועגען בין-הזמנים, זאָגט ער: „די מלמדים לויפען דענסטמאָל, געהען צו קינד", ד. ה. געהען זוכען קינדער, תּלמידים. בעזונדער אָפט זאָגט ער נייע טייטשען אויף אַלטע ווערטער אין די העברעאישע בעאַרבייטונגען פון די יודישע ווערק. דער, וואָס פערשטעהט ניט קיין יודיש, וועט ניט כאַפּען אַמאָל דעם פערפאַסערס מיין, ער וועט ניט דערטאַפּען דעם שפּיץ, די פעפער פון די ווערטלעך. דער יודישער לעזער אָבער וואונדערט זיך און קאָן זיך ניט אָבוואונדערן, זעהענדיג די קונסט, מיט וועלכער מענדעלי פּאַסט-צו צו די שאַרפע, אָפט פּיעל-דייטיגע ווערטלעך פונ'ם היינטיגען געטאָ-און-זשאַרגאָן-יודען — ווערטער, וואָס זענען בעשאַפען גאָר אין אַנ'אַנדער עפּאָכע און צוליעב אַנדערע צוועקען...

בעוואוסטזיניג האָט מענדעלי אין דער צייט, ביי וועלכער מיר האַלטען, נאָך נישט געקוקט, קאָן זיין, אויף יודיש, ווי מיר האָבען דאָ אָבגעשילדערט: אין דער הקדמה צו פּרק-שירה רעדט ער נאָך אַלץ וועגען המון, ווייבער און פּראָסטע מענשען, וועלכע מען טאָר נישט איבערלאָזען אָהן גייסטיגע שפּייז. נאָר אויב מיר זאָלען אין זינען האָבען ניט דאָס אונמיטעלבאַרע, פערבאָרגענע געפיהל, נאָר די „טעאָריע", האָט מענדעלי אויך צו העברעאיש דאַן פערהאַלטען זיך אַזוי

---

*) „דאָס קליינע מענשעלע" שריפטען 1, ז. 107. יובילוי-אויסגאַבע 1907.

**) „די קליאַטשע".

ווי אַנדערע משׂכּילים. אויך וועגן העבּרעאיש רעדט ער אין דער הקדמה צו „האבות והבּנים”, אַזוי ווי עס וואָלט געווען מעהר ניט, ווי אַ מיטעל צו בּילדונג, אַ פאָרשטופּע צו דער לאַנדעס־שפּראַך; ער קלאָגט זיך אויף די אינטעליגענטען־אויפקלערער, וואָס זיי בּענוצען זיך ווענין מיט דער העבּרעאישער שפּראַך, וועלכע קאָן זיין „אַ מליץ”, אַ פערמיטלערין צווישען זיי און דעם פאָלק...

אָבּער דאָס גאַנצע שאַפען מענדעלי׳ס האָט געוויזען, אַז פאַר איהם אַליין איז אי העבּרעאיש, אי יודיש געווען אַ סך מעהר, ווי אַ „מיטעל”, אַז אי העבּרעאיש, אי יודיש האָט ער געשריבּען ניט פאַר די, וואָס נויטיגען זיך אין „בּילדונג”, נאָר פאַר׳ן גאַנצען פאָלק. אַזוינע ווערק, ווי „יודעל” אָדער די „קליאַטשע” קאָן אַ פּראָסטער מענש גאָר ניט פערשטעהן, ווי עס דאַרף צו זיין. מען האָט עס אַבּראַמאָוויטשען אויפגעוואָרפען אַפילו: „אויב די בּיידע ספרים, האָט געשריבּען איינער, וואָס האָט געקוקט דאַן אויף יודיש, ווי אויף דער אָרימער שפּראַך פון דער אָרימער מאַסע — אויב די בּיידע ספרים, די „קליאַטשע” און „יודעל”, האָבּען זיך אַ בּעריהמטען נאָמען געמאַכט, איז דער נאָמען ניט פון דעם המון, אָבּער נאָר פון זיינע חברים, די משׂכּילים און מחבּרים אין לשון קדש, דאָס פאָלק קויפט זיי ניט און לעזט ניט, און זעלבּסט ווען מען לעזט איהם פאָר, פערשטעהט איינער פון טויזענד, וואָס דאָרטן האַנדעלט זיך א. אַ. ז. וו. בּלייבּט מיר אַלזוי די פראַגע, פיר וועמען האָט ער די „קליאַטשע” און „יודעל” געשריבּען אין זשאַרגאָן”? *). דער משׂכּיל, וואָס האָט אַליין געשריבּען — און אָפט שען געשריבּען — יודיש, האָט זיך ניט געקאָנט דאַן פאָרשטעלען, ווי אַזוי שרייבּט מען עס יודיש פאַר זיך און פאַר גלייכע, ניט פאַר נידעריגערע פון זיך. אַבּראַמאָוויטשען איז עס אויך שווער אָנגעקומען, אין איהם איז פאָרגעקומען אַ שטרייט, ניט איין מאָל האָט ער זיך געמוזט פערענטפערען פאַר זיך און זיינע פריינד, ער האָט אָבּער דאָך געשריבּען יודיש פאַר זיך און פאַר נאָך אַזוינע, ווי ער. ער איז ניט געקומען צו דער יודישער ליטעראַטור אַזוי ווי אַ זייטיגער, אַ פרעמדער, אַנ׳אורח. ער איז תּיכּף געוואָרען אַ תּושב אין דער פאָלקס־ליטעראַטור, אַנ׳אינוועניגסטער מענש. מענדעלי מוכר ספרים איז ניט ש. י. אַבּראַמאָוויטש, דער קאַזיאָנער לעהרער, דער אַפּיקורס. מענדעלי מוכר

*) הויז־פריינד 1889; „די יודישע שפּראַך און איהרע שרייבּער”.

ספרים איז אַ פּעדעמיל, איינגעוועבט אינאיינעם מיט זיי, מיט די לעזער, אינ׳ם גרויסען שטיק מאַטעריע, וואָס געהט אין דער וועלט פון אייביגע צייטען אונטער דער נאָמען יוד. ער איז „בּיין פון זייער ביין, פליישׁ פון זייער פליישׁ". ער פאָהרט מיט זיי אויף איין וועגעלע, פיהרט די איינענע ספרים, די אייגענע כּפול־שמונה׳דיגע ציצית, רצועות, שופרות׳ הייעלעך, מזוזה׳לעך, וואָלפציינדלעך, מויערקעפּלעך, קמיע׳לעך, וואָס אלתר יכנה״ז, רעדט מיט זיי אויף זייער לשון, זיי שטעהען איהם אָב אַ שלום־עליכם, רופען איהם ר׳ קרוב און פרעגען: מה שמכם, וואוהין פאָהרט׳ס אַ יוד?

און דערמיט אַליין שוין האָט מענדעלי זיך אָבגעטיילט פון אַנדערע משכּילים, וואָס ער איז געקומען צו די יודישע לעזער אָהן בּערדיטשע־ווער דייטש, וואָס ער איז געקומען צו זיי, ווי אַנ׳אַלטער בּעקאַנטער, ווי אַ זייעריגער: „די „קליאַטשע", זאָגט מענדעלי, איז געשריבען אויף אַ הויכען גאַנג, אויף דעם גאַנג, ווי די אַלטע האָבען געשריבען". ער האָט געוואוסט די קראַפט פון דער ירושה, ער האָט זיך געוואָלט איינפלעכטען אין דער קייט פון די אַלטע. און אַז ער האָט ארויסגעגעבען דאָס „פּרק־שירה" (1875), האָט ער געוואָלט, עס זאָל ווערען אַ פאָלקס־ספר׳ל, אַ מין „קו הישר" אָדער „שבט מוסר", און ער האָט עס „פערדייטשט אין שירים און גוט דערקלערט, בּכדי איטליכער יוד בּעזונדער זאָל גוט פערשטעהן זיין טייערן ווערט, ווי שען עס איז גאָר אַ נאָמס וואונדער" און האָט געמאַכט אויף דעם אַ פּירוש אויף לשון־קדש — „טוב־טעם" — „הנותן טעם לשבח ומפרש על פי חכמת הטבע ודברי חז״ל" א. ז. וו. און אין סוף האָט ער אויפגעשריבען: תם ונשלם הפרק שירה, בעזרת הבוחר בשירי זמרה, — יודישליך, אַזוי ווי עס וואָלט געטאָן יעדער כּשר׳ער מחבר... זאָל אַ יוד זיך ניט בּעגוגענען מיט׳ן „ספר הברית", זאָל ער ווּיסען, וואָס די חוקרים, די „טבעיים" זאָגען, און בּעת מעשה טאַקע פערשטעהן אויך דעם פּשט פון אַ מדרש, פון אַ מאמר חז״ל. אין זאַך שליסט ניט אוים די אַנדערע; פערקעהרט, זיי ווע־ען נאָך מעהר בּטעם׳ט אינאיינעם.

און ניט נאָר אין דער פאָרם פון זיין שרייבען האָט מענדעלי אויפגעהיט די טראַדיציע פון ריב״ל, בּיי וועמען דאָס נייע איז צונויפגע־גאָסען, צונויפגעוואַקסען געווען מיט דאָס אַלטע; אויך אין זיינע געדאַנקען, אין זיין סאַטירע אפילו, איז ער מעהר יוד, מעהר אינווענינגס־

שער מענש, מעהר נאָהענט צום פאָלקס־לעבען און פאָלקס־גייסט, ווי אנדערע משכּילים פון זיין דור.

אַ דאַנק זיין נאָהענטקייט צום פאָלקס־לעבען און צום לעבען בכלל, איז ער אין אַ סך פּרטים קאָנסערוואַטיווער פון די איבעריגע משכּילים, אין אַנדערע פּרטים איז ער, אַ דאַנק דעם זעלביגען לעבענסגעפיהל, ראַדיקאַלער פון זיי.

קאָנסערוואַטיוו איז ער אין פראַגען, וואָס האָבען קיין שייכות ניט צו „בין אדם לחברו", אין פראַגען, וואָס זענען נוגע אַ שטייגער, רעליגיעזע מנהגים: אַ סימפּאַטישער טיפּ פון אַ משכּיל ביי איהם איז רפאל, פון יענעם מין משכּילים־למד־וניקעס, וואָס, „זענען נישט אָבגעזונדערט געווען פון איבריגען עולם נישט אין דער יודישקייט, נישט אין דער הלבשה" 1), יצחק אברהם תקיף, וועלכער טוט תשובה און ווערט אַ משכּיל פאַר'ן טויט, בעט אין זיין צואה, אַז אין דער תלמוד־תורה, אויף וועלכער ער לאָזט געלד, זאָל געלערנט ווערען, חוץ יודישקייט און לשון קדש, אויך דאָס לשון פונ'ם לאַנד און וועלטליכע זאַכען (אין אַ פריהערדיגער אויסגאַבע שטעהט: יודיש, רוסיש, שרייבען און רעכענען—), בכדי צו מאַכען פון די קינדער יודען און מענשען צוגלייך, זיי זאָלען טייגען צו גאָט און צו לייט", און די פיהרער, בעט ער, זאָלען זיין דער רב און גוטמאַן דער משכּיל: „מיט אייךביידע, זאָגט ער, וועט אין די נייגעמאַכטע שולען זיך פעראייניגען תורה מיט חכמה" 2) שפּעטער אַ צייט אין דער הקדמה צו „ספר הבהמות" חזר'ט איבער אבראַמאָוויטש, אַז „דת" און „לאומיות" זענען ביי אונז איינס". אין „האבות והבנים" לאַכט ער אויס פון איין זייט די נחום הקמחי'ס, די משכּילים־בטלנים, משכּילים־שנאָרער, די בעל־לשונ'ס, וואָס געשיכטע איז ביי זיי — „די מעכטער פון לוט" און פּאָעזיע — „סחור סחור וסחור הטחור בחור", פון דער אַנדער זייט אָבער — די משכּילים, וואָס ווערען פערבלענדט פון דער השכלה און פערוואַרפען אינגאַנצען דאָס יודישקייט. וועגען די דאַזיגע משכּילים־דייטשלעך זאָגט ער אין „יודעל", אַז דער חלוק צווישען זיי און די פאַנאַטיקער פון אַלטען דור איז די' זאַך: „איהר פרומע גלויבט אין אַלטע זאַכען אָהן אונטערשייד, זיי (די דייטשלעך) חאַפּען ווי הייסע לאָקשען נייע רייד. די לייט מיינען, וואָס

1) ווינשפינגערל.

2) דאָס קליינע מענשעלע, ז. 8—107, יובילוי־אויסגאַבע 1907.

אַלט איז נאַריש און שלעכט, און איטליכע זאַך, וואָס ניי, איז קלוג און רעכט".

אָבער דער אייגענער אַבראַמאָוויטש, וואָס אין דער קריטיק פֿונ'ם יודישען לעבען און זיינע פֿערעלטערטע פֿאָרמען האָט ער ליעב דעם דרך-הממוצע, — דער אייגענער אַבראַמאָוויטש איז ראַדיקאַל, יעדענפֿאַלס ראַדיקאַלער פֿון אַנדערע משכילים, וואו עס רעדט זיך וועגען די סבות פֿון דער יודישער לאַגע און דער יודישער, מאַטעריעלער און גייסטיגער, אָרימקייט. די סבות פֿון דער אָרימקייט פֿערשטעהט אַבראַמאָוויטש טיעפֿער אַ סך, ווי אַנדערע משכילים. (פֿונ'ם דאָזיגען טיעפֿערן פֿערשטעהען נעמט זיך אייגענטליך אויך דער קאָנסערוואַטיזם אַבראַמאָוויטשעס בנוגע צו די אַלטע איינגעוואָרצעלטע לעבענס-פֿאָרמען) זיי, די משכילים, מיינען, אַז שולדיג אין אַלץ איז די „פֿינסטערנים"; די ערגסטע פֿיינד פֿונ'ם יודישען פֿאָלק זענען די „מורדי אור", די „פֿלעדערמייז", ווי נאָר עס וועט אַ שיין טון אין דער יודישער גאַס „די זון פֿון דער השכלה" — איז אַ סוף-אַנ'עק צו אַלע צרות. אַבראַמאָוויטש פֿערשטעהט, אַז די פֿינסטערנים איז ניט די סבה, נאָר אפשר גאָר דאָס רעזולטאַט פֿון אַלע צרות; די סבה ליגט אַנדערשוואו: „בעטראַכט זיך אדרבה אַליין, זאָגט דער אַשמדי צו ישראליק'ן, — בעטראַכט זיך אַליין, אויב דו ביזט ניט ריין משוגע. פֿאַר דיר שטעהט אַ פֿערמאַטערטע, אַ הונגעריגע קליאַטשע, וואָס זי בעדאַרף נויטיג ווי אין לעבען אריין האָבען כאָטש אַ ביסעל מנוחה, אַ מעסטיל האָבער, אַ ביגעטעל היי, ווילסטו איהם גאָר בעווייזען אַ האַ אין סדור און אַלץ אויסדרינגען, ווי גוט, ווי שען עס איז זיך אויסצולערנען עפּים קונצען". און אין „ווינשפֿינגעריל" זאָגט דער אונבעקאַנטער: „היגע יודען, נעבעך, בעדאַרפֿען ברויט, נישט קיין ספרים". און אַז מענדעלי'ן פֿערדריסט כלומרשט, וואָס ער „צושטערכעט איהם זיין קרעמיל", זאָגט ער איהם: „חלילה, נישט אַייערע דאָזיגע ספרים מיין איך, יענע מיין איך, יענע, וואָס אַלץ מיט שטראָף-ווערטער, מיט עצות און אַ געפּילדער: פֿע, הבלים, פֿע, אָבגעלאָזטקייט! גוואַלד, בילדונג!" יענע, די השכלה-ספרים, מיינט ער. און ער ענדיגט: „גענוג, כ'לעבען, סליחות!" מ'דאַרף טאָן עפּים ממשות'דיגעס. מען דאַרף, הייסט עס, אויסוואָרצלען די סבות, וואָס שאַפֿען די לאַגע פֿון קאַבצאַנסק און גלופּסק. די סבות, מיינט אַבראַמאָוויטש, ליגען אין דער אויסוועניגסטער אונגערעכטיגקייט בנוגע צו יודען פֿון איין זייט, און אין די אינוועניגסטע

סאָציאַלע אונגערעכטיגקייטען — פון דער אַנדער זייט. אויף דער אויסווייניגסטער אונגערעכטיגקייט איז פאַרהאַן אַנ'אָנצוהערעניש אין דער „קליאַטשע“, און נאָך קלערער אין דער „טאַקסע“: „וואָס העלפט עס, זאָגט פיקהאָלץ, אַז זיי האָבען, נעבאַך, ניט קיין מזל, אַז זיי זענען נעבאַך, אונגליקליך און פון כמה שנים שטיקט מען צוגויף אַלע אינאיינעם אין איין אָרט, ווי די שאָף, אַז זיי זעהען פאַר זיך ניט קיין וועלט און קאָנען ניט טעמען קיין פרייע לופט“. דערפון איז נישט געדרונגען, אַז פיקהאָלץ איז חלילה געשטאַנען אין אָפּאָזיציע צו דער רעגירונג; אדרבה אין דער רעגירונג, וועלכע האָט דאַן, אין די 60-סטע יאָהרען, געמאַכט אַמינע פון אַרעפאָרמאַטאָר — אין דער רעגירונג האָבען די משכילים, און מענדעלי בתוכם, געגלויבט; פון קירה האָט מען געוואַרט איף יודען ישועות ונחמות... און טאַקע דערפאַר האָט מען דעם גאַנצען כעס אויסגעגאָסען אויף דער אינוועניגסטער, דער יודישער „רעגירונג“ — אויף די בעל-טובות, די בעל-טאַקסעס, די קהלס'ס-לייט, די „כנופיה“...

די העברעאישע ליטעראַטור, די ליטעראַטור פונ'ם מאַטעריעל און גייסטיג העכער שטעהענדיגען בעל-הבת'ישען אינטעליגענט, האָט זיך מעהר אינטערעסירט מיט רעליגיעז-גייסטיגע, ווי מיט סאָציאַלע פּראָבלעמען, זי האָט מלחמה געהאַלטען ניט מיט די גבירים, נאָר מיט די רבנים, מיט די עלטערן-פאַנאַטיקער זי האָט געפאָדערט פרייהייט פון גייסט; און אויך אין „האבות והבנים, וואו עס זענען פאַרהאַן שוין רעאַליסטישע און סאָציאַלע מאָטיווען, איז די הויפט-פּראָבלעם דאָך אַ גייסטיג-משכילישע, דער שטרייט פיהרט זיך צווישען דעם פרומען פאַנאַטישען פאָטער און דעם זוהן, וואָס לייענט טרפה-פסול'ן. אָבער די פאָלקס-ליטעראַטור, די ליטעראַטור אויף יודיש — זי האָט פון אָנהויב אָן זיך אינטערעסירט מעהר מיט דעם גביר, ווי מיט דעם רב, מעהר מיט'ן גבאַי, ווי מיט'ן רבי'ן; אין רב חאָט זי אין ערגסטען פאַל געזעהן דעם נגיד'ס אַגעוועהר, אין איהר סאַטירע האָט, אַ חוץ עטליכע אויסנאַהמען אַ סאָציאַלען כאַראַקטער. „אין טוניעיאַדאָווקע, זאָגט מענדעלי, איז דאָ אַ ווערטיל: פון וואָס מען זאָל ניט שמועסען, מוז אַרויסקומען אויפ'ן טויט, און פון וואָס מען זאָל נישט ריידען אויף איין אַסיפה, מוז מען אויסלאָזען מיט דער טאַקסע פון פלייש“. און אויך די פאָלקס-שרייבער, וואָס האָבען טוניעיאַדעווקע געוואָלט אויסבע-

ס ע ר ן — פלעגען אויסלאָזען שטענדיג מיט דער טאַקסע. זי איז גע־
וועזן די „סבה פון אַלע סבות"... די ליטעראַטור אין אַנ׳איבערגאַנגס־צייט
האָט שטענדיג, אַ חוץ אַ גוטען, אַ געליבטען העלד. וואָס זי לויבט אין
הימעל אַריין, נאָך אַ העלד אַ בייזען, אַ רשע, וועלכער ליגט ביי איהר
צעהן איילען אין דער ערד. די בייזע פּאַרשוין פון דער השכלה־ליטע־
ראַטור אין ה ע ב ר ע א י ש איז געווען—די ח ו מ ר א, אין י ו ד י ש—
די ט אַ ק ס ע. מענדעלי האָט אָבער די טאַקסע פערשטאַנען ברייטער,
טיעפער, ווי אַנדערע. אַזוי ווי די ט אָ ר ב ע איז ביי איהם ניט גלאַט
אַ טאָרבע, אַ לעבעדיגער שמוציגער זאק, מיט וועלכען מען געהט אי־
בער די הייזער, נאָר אַ ס י מ ב אָ ל פון דעם יודישען דלות, פון דעם
יודישען לעבען־פין־ווינד, פון די „יודישע פרנסות", אַזוי איז אויך די
ט אַ ק ס ע ביי איהם אַנ׳אויסדרוק פון די אינווענינסטע סאָציאַלע אונגע־
רעכטינקייטען, וואָס פערביטערן און פערפינסטערן דאָס יודישע לעבען,
אַנ׳אויסדרוק פון די קהל׳שע יודישע „פּאַראַנדקעס", פון דער גאַנצער
כנופיה בעל טובות, בעל עצות כלל־פערזאָרגער, גבירים, שתדלנים,
קאָכלעפעל, טעלערלעקער. די אָרימע אין קונסט־בילדער, אָבער רייכע
אין געדאַנקען און אין פּאַטאָס סאַטירע, וועלכע מענדעלי האָט אָנגע־
שריבען נאָכ׳ן „קליין מענשעלע" און וועלכע האָט פאַר אַ מאָטטא דעם
פסוק — „משד עניים מאנקת אביונים עתה אקום" — די דאָזיגע
סאַטירע רופט זיך „די טאַקסע אדער ד י ב אַ נ ד ע ש ט אָ ד ט־ב ע ל י
ט ו ב ו ת". דער עיקר איז דאָ ניט דער בעל־טאַקסע (אַ בעל־טאַקסע
בעגעגענען מיר אין „פריזיוו" דוקא אַ סימפּאַטישען מענשען, וועלכער
ליידט אַליין פון די בעל טובות) דער עיקר ווערט אַרויסגעשטעלט צום
שאַנד־סלופּ די ב אַ נ ד ע, דער גאַנצער הערשענדער קלאַס פון יענער
צייט, אָנגעהויבען פון ר׳ א י צ י ק וו אָ ל ף ס פּ אָ ד י ק, דעם פרומען
צבועק און ר׳ י ו ד ע ל ע ש ט אַ נ ד ה אַ פּ ט, דעם משכילישען צבועק
און געענדיגט מיט ר׳ א ה ר ן ק נ ע כ ט ב אַ ר ג דעם קאָכלעפעל, ר׳
מ ע נ ד י ל דעם געלען, דעם שטאָדט־שייגעץ, דעם בילער, וואָס דינט
ביי די בעל טובות און פאַלט אָן, אויף וועמען מען הייסט איהם, און
די דיינים, וואָס זענען אויך, נעבאַך, אין די הענד פון די בעלי טובות׳
און מוזען זיי אונטערבאַמקען...

די „טאַקסע" איז אַזוי ווי אַ באָמבע געווען אין דער גלופּסקער
קהל׳ס־וועלט. אָבער די באָמבע איז אָנגעפילט געווען מיט גאַל, מעהר
מיט גאָרנישט; די גאַל האָט געפּלאַצט און עס האָט קיינעם ניט גע־

שאדט (דער פּערפאַסער האָט עס פאַראויסגעזעהן: דער סוף פון דער סאַטירע איז זעהר אַ פּעסימיסטישער). אַ טומעל איז דאָך געוואָרען — אַ שרעק. ז'ער איינדרוק איז געווען אַ גרעסערער, ווי פון'ם „קליין מענשעלע" (הגם ליטעראריש איז די „טאַקסע" אָרימער פון'ם „קליין מענשעלע"), די באַנדע־לייט, די בעלי־טובות פון גלופּסק האָבען עס אָנגענומען פאַר אַ פּאַמפּליעט, פאַר אַ חוצפּה. פון די „צאן קדשים" אָבער האָט ניט איינער דאָ צום ערכטען מאָל דערשמעקט דעם ריח פון פּולווער — פון סאָציאַלען קאַמפף, פון קאַמפף פאַר'ן המון געגען די גבירים.

דער המון אַליין ווערט נאָך אין דער „טאַקסע" ניט אַרויסגע־שטעלט פאַר אַ קעמפפער (אייזיק זאַאיקע איז אַ קרבן פון נאַאיווער, פאַנאַטישער עהרליכקייט, ניט פון קאַמפף), דער המון איז נאָך דער־שלאָגען, אונטערטעניג, ער בעט זיך רחמים ביי דער כנופיה, ער קאָן מעהר ניט, ווי זיפצען: „אַז אָח און וועה איז אונז". דערפאַר אָבער איז דער פאָרשטעהער פון דער אינטעליגענץ, וועקער, אַ פּראָטעסטאַנט, אַ היציגער קאָפּ און אַנ'עכטער פאָלקספריינד, ער איז דער ערסטער סאָציאַלער דרשן אין דער יודישער ליטעראַטור: „ניין! שרייבט ער: די גאַל ווערט צוזעצט, מען קאָן זיך שוין ניט מעהר איינהאַלטען! פערפלוכט זאָל זיין דער, וואָס זעהט אַ זעלכע עולות און שווייגט! פערפלוכט זאָל זיין דער, וואָס איז אַ טרום (אַ פּחדן), וואָס האָט מורא צוזאָגען דעם אמת! פערפלוכט זאָל זיין דער, וואָס פערשטאָפּט די אויערן ניט צו הערען די יללות און די קרעכצען פון די אומגליקליכע, פון בעליידיגטע און נויטבעדערפטיגע, פערפלוכט, פער־שאָלטען אַלע, וואָס פערקויפען זייער געוויסען, אַלע, וואָס זענען אימשטאַנד צו העלפען מיט אַ וואָרט, מיט דער פען און שטעהען פון ווייטען, טאָמער וועט זיי חלילה עפּיס דאָס מינדעסטע שאַדען!... וואָס זאָל איך מיך בעהאַלטען? א. אז. וו. איך קאָן ניט שווייגען! איך מוז געהען אַרויסזאָגען דעם אמת גאַנץ פריי, זאָל כאָטש די וועלט וויסען!" און ער געהט און האַלט דרשות פאַר'ן פאָלק, אין לעבעדיגע בילדער שילדערט ער די נויט און די אָרימקייט פון דער יודישע מאַסע, אין זעהר העפטיגע, כאָטש זעהר אונקלאָרע, אויסדריקען פּראָטעסטירט ער געגען די יודישע בעלי טובות...

שפּעטער, אין אַ יאָהר 15־12 אַרום, האָבען אויך אין דער העברעאישער ליטעראַטור גענומען קלינגען שטימען פון סאָציאַלען פּראָ־

טעסט, דאָס זענען געווען אָבער אַנדערע שטימען. דאָס זענען געווען אָבקלאַנגען פון דער אַרומיגער ניט־יודישער וועלט. אין די שירים פון יהל״ל און אויך אין די מאמרים פון „האמת״ האָט זיך גערעדט ניט וועגען יודישע סאָציאַלע אונגערעכטיגקייטען, נאָר וועגען דער סאָציאַלער אונגערעכטיגקייט, דער סאָציאַלער פראגע בכלל. עס האָט געטראָגען אַן אַבסטראַקטען כאראַקטער. ביי יודען איז נאָך ניט געווען גאָר קיין „פראָלעטאַריאַט״, עס זענען געווען בעלי־מלאכות, קליינע קרעמער, אָרימע לייט און געווען נגידים. וועקער האָט גערעדט אין נאָמען פון אָט די בעלי־מלאכות, קליינע קרעמער, אָרימע לייט. מיט זיין מויל האָט גערעדט צו אונז דאָס יודישע לעבען, די יודישע נויט. דערמיט שיידט זיך זיין פראָטעסט אָב פון די שפּעטערדיגע פראָטעסטען אין די 70־סטע יאָהרען.

פון דער אַנדער זייט אָבער געהערט וועקער צו אַ דור, וואָס האָט נאָך נישט קיין אידעאַל, נישט קיין סאָציאַלען, נישט קיין נאַציאָנאַלען. זיינע פאָדערונגען זענען מעהר נעגאַטיווע, ווי פּאָזיטיווע. עס איז געווען דאַמאָלס אַן׳איבערגאַנגס־צייט; אַזוי ווי שטענדיג אין אַ איבערגאַנגס־צייט, האָט מען גענווזט אַ סך צושטערען איידער מען האָט אָנגעהויבען בויען. וועקער איז אַזוי ווי זיין נאָמען, מעהר נישט ווי אַ וועקער, ער איז אָבער דער ערסטער וועקער, דער אָנזאָגער פון דער סאָציאַלער דיפערענצירונג, פון דעם סאָציאַלען קאַמפף, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען שפּעטער און וועלכער האָט אַריינגעבראַכט אין דאָס יודישע לעבען גאָר נייע טענדענצען... די „טאַקסע״ — האָט דעריבער אַ ווערדע נישט נור פאַר דער יודישער ליטעראַטור־געשיכטע, נאָר אויך פאַר דעם היסטאָריקער פון די געזעלשאַפטליכע בעוועגונגען ביי יודען אין דער צווייטער העלפט פונ׳ם פאָריגען יאָהר הונדערט.

און אויב די „טאַקסע״ איז דער אָנהויב פונ׳ם סאָציאַלען פּאַטאָס אין דער יודישער ליטעראַטור, איז די „קליאַטשע״, וועלכע איז אַרויסגעגאַנגען שפּעטער מיט פיער יאָהר (1873) — דער אָנהויב פונ׳ם נאַציאָנאַלען פּאַטאָס. די „קליאַטשע״ האָט מענדעלי אַרויסגעגעבען אָנשטאָט אַ צווייטען טייל פון דער טאַקסע, און עטליכע קאַפּיטלעך זענען פאַרהאַן טאַקע אין איהר, וואָס דערמאָנען אָן דער „טאַקסע״, — דאָס זענען די קאַפּיטלעך, וואו עס רעדט זיך וועגען די צרות, וואָס די קליאַטשע, די כנסת ישראל, האָט אויסצושטעהן אין דער היים ביי

זיד, פון די היימישע בעלי-טובות; דער עיקר אָבער דאָ איז די לאַגע, וואָס יודען פערנעמען אין דער פרעמד, צווישען די אומות, עס ווערען ניט געשטעלט פערשיעדענע טיילען פונ'ם יודישען פאָלק איינע אַנטקעגען די אַנדערע (אַזוי ווי אין דער „טאַקסע"), נאָר דאָס פאָלק גענומען אין גאַנצען ווערט אַנטקעגען געשטעלט דער וועלט. מענדעלי גיט אַ טראַט פון דער יודישער מאַסע צום יודישען פאָלק... כמעט אַלץ, וואָס מיר האָבען אין גלות געשאַפען ביז'ן סוף פונ'ם פאָריגען יאָהרהונדערט, אָנהויבענדיג פון דער אגדה, — האָט איין העלד: די אומה; די שענע שולמית אפילו איז געוואָרען אין גלות אַ משל אויף דער „אומה הישראלית". פאַר דער „קליאַטשע" האָבען מיר דרך-ארץ שוין דערפאַר גופא, וואָס איהר העלד איז ווידער — די נאַציע. די מאַסע איז געווען און געבליבען די שקאַפע, די נאַציע אָבער — זי איז אַ מאָל אַ „פרינץ"-געווען! די שקאַפע וועקט אונזער רחמנות — און וואָס איז נאָך אַזוי אָרעם און מאַכטלאָז ווי רחמנות? אָבער דער פערשאָלטענער פרינץ, ווען ער הויבט אָן ריידען, מעגען מיר איהם זעהען אין דער געשטאַלט פון אַ קליאַטשע, — צינדט זיך אָן אונזער ליעבע. „די קליאַטשע האָט פלוצלונג אַ זיפץ געטאָן. איהר זיפץ האָט אין האַרצען זיך אָבגערופען, ווי אַ דונער. איך בין פערציטערט געוואָרען. פייערדיגע געפיהלען פון רחמנות האָבען ווידער אָנגעצונדען מיין בלוט, איין זיפץ איהרער האָט אין מיר אָנגעמאַכט אַ גאַנצע איבערקערעניש און מיך ווידער שטאַרק געצויגען צו איהר, ווי אַ מאַגנעט". ווי אַ מאַגנעט, דאָס איז די שפּראַך פון ליעבע, ניט פון רחמנות. און ווען מיר לייענען מיט קאָפּ דאָס דריטע קאַפּיטעל און פיהלען דעם קאַמפּף, וואָס קומט פאָר אינוועניג אין ישראליקען, צווישען זיין ליעבע און זיין האַס צו דער קליאַטשע, — זיין ליעבע פאַר דעם אָדער פון פרינץ, וואָס שלאָגט נאָך אין איהר, און זיין האַס פאַר איהר שטומע אונטערטעניגקייט, פאַר איהר פערדישע געדולד, — ווען מיר לייענען עס און הערען, ווי ישראליק גיט איינמאָל אַ געשריי: „אומגליקליכער פרינץ, בידנע קליאַטשע!" — פיהלען מיר, אַז דאָס איז דער קאַמפּף, וואָס קומט פאָר אינוועניג אין דער קליאַטשע גופא, דער קאַמפּף צווישען דער פרינצישער נשמה און דעם שקאַפּישען גוף, צווישען דעם שענעם „אמאָל" און מאוסען „היינט"... „אתה עבד ומלך!" — דו ביזט אַ קנעכט און אַ קעניג! זאָגט אַבראַמאָוויטש אין „האבות והבנים" וועגען דעם יודישען פאָלק.

אין דער „קליאַטשע" (און אין אַנדערע שפּעטערדיגע ווערק מענדעלי'ס) איז אָבגעשפּיגעלט דער קאַמפּף, דער אינוועניגסטער קאַמפּף, וואָס קומט פאָר אינ'ם יודישען פאָלק צווישען דאָס קנעכטישע און דאָס קעניגליכע.

דער אינוועניגסטער קאַמפּף אָבער איז דער אָנהויב פון דער אינוועניגסטער בעפרייאונג. די „קליאַטשע" איז דעריבער דער אָנהויב פון דער יודישער בעפרייאונגס-אידעע. זי איז דער אָנהויב פון דעם חשבון-הנפש, וועלכען דאָס יודישע פאָלק האָט אָנגעהויבען מאַכען אין סוף פונ'ם 19-טען יאָהרהונדערט. אייניגע קאַפּיטלעך אין דער „קליאַטשע", די קאַפּיטלעך, וואו עס רעדט זיך וועגען טענות, וואָס גם האָבען צו יודען די אומות העולם, מאַכען דעם איינדרוק, אַזוי ווי זיי וואָלטען געשריבען געווען ניט פאַר יודען; אין דער אמת'ן אָבער איז עס אַ פּאָלעמיק געגען די יודישע אינטעליגענטען אין יענער צייט. געווען אינטעליגענטען אַזוינע ביי יודען, וואָס זענען געשטאַנען אייגענטליך אויפ'ן זעלביגען שטאַנדפּונקט, וואָס די גויים; יודען, האָבען זיי געטראַכט, זענען טויגעניכטסען, ליידיגגעהער, אַ אונפּראָדוקטיווער עלעמענט; יודען זענען ווילד, פאַנאַטיש, פערדאָרבען; זאָלען זיי זיך אויסבילדען, אָוועקוואַרפען די נאַרישע מנהגים, די אַלטע טראַדיציעס, זאָלען זיי ווערען לייטען גלייך, זיך נעמען פאַר אַרבייט, פאַר שענע פּרנסות, — וועט מען זיי געבען פּראַוועס; פריהער ניט...

— קיין טאַנץ געהט נישט פאַר'ן עסען! האָט געענטפערט אויף דעם די „קליאַטשע": וואָס פאַר אַ שייכות, איך בעט אייך, האָט עסען און דאָס נויטיגע בעדערפניס מיט בילדונג? מיט וואָס פאַר אַ יושר קאָן מען יענעם נישט לאָזען עסען, עטעמען פריי, סיידען ביז ער וועט זיך אויסלערנען עפּיס קונצען? איטליכעס בעשעפעניש, וואָס ווערט געבוירען, איז קודם כל אַ לעבעדיגע זאַך, פאַרזאָרגט פון דער נאַטור מיט אַלע חושים, מיט אַלע אברים, טאַקע נאָר פון זיינטוועגען, בכדי דורך זיי צו בעקומען אַלסדינג, וואָס עס בעדאַרף נויטיג האָבען צום לעבען". א. אז. וו. — „מען זאָגט, איך זאָל מיך לאָזען לערנען. פרעג איך דיך ערשטענס, חכם מיינער, פאַר וואָס הייסט מען עס דוקא מיר? די „קליאַטשע" וויל ניט זיין מעהר קיין „אתה בחרתנו", קיין אויסנאַהם אין דער וועלט — זי פאָדערט גלייכהייט. זי פאַרדערט דאָס רעכט אויף חסרונות, נישט נאָר אויף מעלות. זי פאָדערט רעכט פאַר שיילאָק'ן, נישט נאָר פאַר „נתן דעם וויזען". און זי וויל

רעכט, נישט קיין רחמנות: „איך בין דיר מוחל, זאָגט זי, דיין רחמנות". איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט אַרבייטען מען זאָל מיך נישט אַזוי פּלאָגען, מען זאָל מיר געבען מיין בעדערפניש צו דערהאַלטען מיין נשמה טאַקע נאָר גלאַט פון רחמנות, ווייל עס איז פשוט אַ צער בעלי חיים. איך וויל אַפילו נישט, דו זאָלסט אויסבעטען פאַר מיר אַלע נויטיגע זאַכען צום לעבען אי מהאי ט״מא, וואָס מען האָט און וואָס מען קאָן פון מיר האָבען נוטצען, דאָס זענען אַלטע מעשיות א. אז. וו. איך וויל גאָר נישט הערען קיין רחמנות, קיין נוטצען, איך בין ווי אַלע אַנדערע אַ לעבעדיגע בעשעפעניש און האָב ווי זיי אַפּראַווע, דאָס רעכט צו לעבען"...

פאַר אונז זענען די דאָזיגע ווערטער נית ניי, דאַן אָבער איז עס געווען אַ נייע פּסיכאָלאָגיע, אַ נייע שפּראַך... און דער היסטאָריקער וועט די דאָזיגע שורות בעטראַכטען געווים ווי דעם מאַניפעסט פון דעם אויפגעוואַכטען און שטאָלץ-געוואָרענעם נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין. דער באָדען פאַר נאַציאָנאַליזם אין׳ם היינטיגען זין איז אין יענער צייט נאָך נית פאַרטיג געווען, די השכלה האָט נאָך נית אָבגעטון איהר אַרבייט, דער „אַנטיטעזיס" איז אין דער אינטעליגענץ נאָך זעהר שטאַרק געווען, און אויך מענדעלי האָט נית געהאַט נאָך קיין פּראָגראַם קיין נאַציאָנאַלע, ער האָט זיך אַליין נישט אָבגעגעבען נאָך קיין רעכענונג פון זיינע געדאַנקען. און ער האָט נית שטאַרק געגלויבט אין זייער ווירקונג, און אַזוי ווי די „טאַקסע", דער סאָציאַלער פּראָטעסט, ענדיגט זיך מיט אַ קרעכץ און אַ נכנע׳דיגען געבעט צו גאָט און דער רעגירונג, אַזוי ענדיגט זיך אויך מיט אַ קרעכץ און עס שפּירט זיך אַ צובראָכען געמיט אין דער „קליאַטשע", אינ׳ם אויסדרוק פונ׳ם נאַציאָנאַלען געפיהל.

דאָך איז די „קליאַטשע" זעהר אַ וויכטיגער גרעניץ-צייכען צווישען דעם ערסטען משכילישען, און דעם צווייטען נאַציאָנאַליסטישען פּעריאָד פון דער קולטורעלער אויפוואַכונג פונ׳ם יודישען פאָלק; אַ גרעניץ-סלופּ צווישען דער „קנעכטשאַפט אין פרייהייט" — און דער פרייהייט אין קנעכטשאַפט...

* * *

מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט לענגער אויפ׳ן ריין-פּובליציסטישען אינהאַלט פון דער „טאַקסע" און דער „קליאַטשע", ערשטענס, ווייל אין

די דאָזיגע ווערק איז די פּובליציסטישע טענדענץ זעהר קלאָר אויסגעדריקט, און ווידער, ווייל בכלל איז מענדעלי דאָ נאָך מעהר פּובליציסט, ווי בעלעטריסט. אַ פּובליציסטישער עלעמענט איז פאַרהאַן אין אַלע, אַפילו אין די שפּעטערדיגע, ווערק מענדעלי'ס; נאָר דאָרט איז די פּובליציסטיק אַ זאַך פאַר זיך, זי שטערט ניט דעם קינסטלער צו טון זיין קינסטלערישע אַרבייט, און עס טרעפט זיך אַמאָל, אַז זי גיסט זיך צונויף אין איין גאַנצעס מיט דער בעלעטריסטיק און עס ווערט אַ משל מיט אַ נמשל, און מיר האָבען, ווי שלום עליכם האָט עס ריכטיג אָנגערופען, בילדער מיט צוויי געשטאַלטען, אַ רעכטע זייט מיט אַ לינקער זייט, איין איבערצוג מיט אַנ'אונטערשלאַק; וויל מען — קאָן מען די אונטערשלאַק פערשטעלען פון זיך, האָט מען אַ ריין קינסטלערישע זאַך. אין די ערסטע מענדעלי'ס ווערק אָבער, און בעזונדערס אין דער „טאַקסע" און אין דער „קליאַטשע", וואַרפט זיך די ערסטע זאַך אין די אויגען „דער אונטערשלאַק", די פּובליציסטיק, זי פילט אָן די גאַנצע לופט, זי שאַפט דעם גרונד־טאָן פון די ווערק — — —

פאַרוואָס איז עס אַזוי?

געבוירען איז אַבראַמאָוויטש אַ קינסטלער, אַ מאַלער פון איינציגע קליינע, אין זיך פערענדיגטע און נישט פערוויקעלטע נאַטור־און לעבענס־בילדער, אַ פּסיכאָלאָג פון סאָציאַלע טיפּען, פון מענשליכע „אָנשטעלען", פון מענשליכער פערדאָרבענהייט, וואָס ווען ער שילדערט זי, איז ער שטאַרק און טיעף, און פון מענשליכער איידעלקייט, וועלכע איז שטענדיג ביי איהם זיסליך, סענטימענטאַל; געבוירען, זאָג איך, איז מענדעלי אַ קינסטלער, און אויך בלייבען אין דער ליטעראַטור וועט ער ניט אַלס לעהרער, נאָר אַלס שפּראַך־מייסטער, נישט אַלס סאָציאַלער דענקער, נאָר אַלס סאָציאַלער פּסיכאָלאָג, נישט אַלס מוסר־זאָגער, נאָר אַלס קינסטלערישער עטנאָגראַף און קינסטלערישער היסטאָריקער; נאָר די צייט, ווען ער איז אַריינגעטראָטען אין דער יודישער ליטעראַטור, די צייט איז געווען אַזאַ, אַז מען האָט נישט געטאָרט נאָכגעבען דעם יצר־הרע פון קונסט, מען האָט זיך ניט געקאָנט פערגינען דעם נחת צו שאַפען צוליעב שאַפען. דאָס איז געווען אַ צייט, ווען דער, וואָס איז געבוירען געווען צו פרעגען, אַזוי ווי אַ קינד, אַזוי ווי אַ קינסטלער, האָט געמוזט ווערען אַ געבער פון ענטפערן, אַזוי ווי אַ זקן, אַ בעל־יועץ: דער ליריקער איז אַ דרשן; דער עפּיקער — אַ משלים־זאָגער; דער הומאָריסט — אַ סאַטיריקער; דאָס איז געווען אַ צייט, קורץ, ווען

פון פּענעס מאַכט מען פּיילען, און יבנה=לייט, יושב=אהלניקעס, „גורטען אָן די לענדען“ צו געהען אין מלחמה...

„איך טו דאָס, זאָגט וועקער, איך טו דאָס, וואָס אונזערע עלטערן האָבען געטאָן אַמאָל בשעת חורבן דאָרטען אויף די טייכען בבל׳ס. אויף די ווערבעס דאָרטען האָבען די משוררים אויפגעהאַנגען זייערע פּידלען, זיי האָבען מעהר נישט געוואָלט זינגען, שפּילען, נאָר קלאָגען, יאָמערן און טרויערן... גענוג זינגען, גדליה! גענוג שרייבען שירים, מליצות. בשעת אונזער פאָלק, אונזער אָרעם פאָלק ליידעט אויף דעם טייך גנילאָפּיאַטאָווקע, צעררייס איך די סטרונעס פון דער יודישער פּידעל. יודען זענען ניט געבוירען געוואָרען צו זינגען, צו שפּילען... מען מוז האָבען אין זינען ערנסטערע זאַכען...“ און מענדעלי נעמט זיך פאַר „ערנסטערע זאַכען“. ער צעררייסט די סטרונעס פון זיין פּידעל און נעמט דאָס טייטעל אין האַנד. ער פערלאָזט יבנה, דאָס שטילע געצעלט פון שטילען שאַפען און געהט אַרויס אויפ׳ן שלאַכט=פעלד.

אָבער דער וואָס איז געבוירען צו זיין יוחנן בן זכאי קאָן ניט בלייבען קיין יוחנן מגוש חלב. סטרונעס, בעזונדערס די, וואָס קלינגען אין האַרצען, קאָנען פּלאַצען אַליין; צעררייסען זיי איז שווער... און ווען מענדעלי פלעגט פון די סטרונעס נעמען פלעכטען אַ נעץ, כדי זיי זאָלען „נוטצען“ צו עפּיס, פלעגט ניט איינמאָל זיך דערהערען פּלוצלונג אַ קלאַנג אין דער שטילקייט, דאָס איז געווען די בענקשאַפט נאָכ׳ן פּיעדעל, און ניט איינמאָל פלעגט מענדעלי אַליין זיך ניט אַיינהאַלטען מעהר, און פלעכטענדיג די נעץ, פלעגען די בענקעדיגע פינגער שטילערהייט ציהען קלאַנגען פון די סטרונעס... דער קינסטלער פלעגט זיך אַריינמישען דעם פּובליציסט אין די רייד... און אויך די נאַטור=שילדערונגען, וואָס זענען פאַרהאַן לרוב אין די ערסטע, אַזוי ווי אין די לעצטע ווערק מענדעלי׳ס, און וואָס אָפּט האָבען זיי צום עצם ווערק, צום ספּור המעשה, גאָר אַ קנאַפּע שייכות — אויך די נאַטור=שילדערונגען זענען מעהר ניט, ווי אַ צינז, וואָס מענדעלי דער פּובליציסט און מוסרזאָגער פלעגט צאָהלען שטילערהייט מענדעלי׳ן דעם קינסטלער, ער זאָל רוהיג זיין און ניט ציהען פונ׳ם שלאַכט=פעלד צוריק אַהיים, אין דאָס שטילע געצעלט פונ׳ם שטילען שאַפען. די פאַרשווינען, די מענשען, וואָס מענדעלי, פאָהרענדיג אויפ׳ן וועגעלע מיט ספרים, בעגעגענט אויפ׳ן וועג — זיי דאַרף דער פּובליציסט פאַר זיך, זיי דאַרף

ער אין מויל ארייגלעגען זיינע משלים, זיינע שטאָכווערטלעך, זיין מוסר; די „נאַטור" אָבער — זי גיט ער אָב במתּנה מענדעלי'ן דעם קינסטלער, ער מעג זיך קוויקען מיט איהר, וויפיעל זיין הארץ געלוסט. און מענדעלי דער קינסטלער לאָזט זיך ניט בעטען, טרעפט זיך איהם א שטיקעלע נאַטור, א וועלדעלע, איין בוימעלע אפילו, — צעשפּילט ער זיך אויף אַלע כּלים, איצט איז זיין וועלט, און ער לאָזט שוין די פען ניט אַרויס פון זיין האנד, וואו ער וועט ניט אויסמאָלען דאָס לעצטע שטריכעלע, דאָס לעצטע פּינטעלע. איך וואָלט א סך זייטלעך געדראַפּט פערשרייבען ווען איך וואָלט ברייגנען, ביישפּיעלען פון מענדעלי'ס מאָלען די נאַטור; איך וויל ברייגנען נאָך עטליכע שורות, וואו עס איז הו־מאָריסטיש אָבגעשילדערט, ווי אזוי דער יוד, דער בעל־תּכלית, וואָס זיצט אין מענדעלי'ן, שטראָפט דעם קינסטלער, וואָס אין איהם:
„אונטערוועגענס איינמאָל שבעה עשר בתמוז, גאַנץ פריה, זיץ איך מיר אויף דער קעלניע פון מייןביידעל אין טלית און תּפילין, מיט דער בייטש אין דער האנד, גאַנץ יודישליך. די אויגען זענען מיר צוגעמאַכט, בכדי נישט אָנצוקוקען ביי'ם דאַווענען די ליכ־טיגע וועלט, מעשה־שטן אָבער איז זי, די נאַטור, ווי הייסט מען עס, געווען וואונדער־שען, גאָר אַ בילד, און עס האָט מיך געצויגען עפּים, ווי אַ כּישוף, אַ קוק צו טון. איך האָב אַ היבשע צייט זיך גע־ראַנגעלט מיט מיר אליין. דער יצר־טוב זאָגט: פע! מען טאָר נישט. דער יצר־הרע אנקעגען טאָרעט: נישקשה, האָב הנאה, נארעלע! און עפענט מיר דערביי טאַקע אויף מיין אויג, עס טוט מיר אַ שיין, נאָר ווי אויף צו להכעיס, עפּים אַ בילד־שענע פּאַנאָראַמע; פעלדער גע־שפּרענגעלט מיט בליהענדע רעטשקע ווייס ווי שניי, נעבען געלב־גילדע־נע ראַצאָמאָרענע פּאַסען פון ווייץ און מאַט־גרינליכע, הויכגעוואַקסענע קוקורוזעס; אַ שענער גרינער טאָל, בעדעקט פון ביידע זייטען מיט וועלדלעך, ניסבוימער, אונטען פלייצט אַ טייכעל, ריין, קלאָר, ווי אַ קריסטאָל, אין וועלכען עס טוקען זיך די שטראַהלען פון דער זון און בעלייגען עס מיט פינקעלדיגע, גילדענע פליטערלעך. די שאָף און די קיה אויף דער פאַשע דאָרט זעהען פון דערווייטענס אויס ווי טונקעלע, רויטע, געפלעקטע פּינטעלעך... פע, פע! מוסר'ט דער יצר־טוב א. אַז. וו.". און דער יצר־הרע אליין, דער קינסטלער, וואָס אין מענדעלי'ן, פיהלט, אז ער האָט זיך שוין צופיעל נאָכגעגעבען, און בעפרידיגט דעם יצר־טוב, דעם מוסר־זאָגער, דעם בעל־בכי דערמיט, וואָס ער

„וואַרפֿט איהם אונטער“ אַ מאָל אַ שטיקעל „נאַטור“: אין דער „קליאַטשע“ אין איין אָרט שענקט ער איהם אַזאַ טייערן געשענק ווי דעם „סאָלאָ־וויטשיקעל“. „שפיל, זאָגט ער, סאָלאָווייטשיקעל, שפיל. איך וויל אַ ביסעל ווײנען!“. דער סאָלאָוויטשיקעל שפּיעלט און אונטער זיין אומע־טיגען, זיסען אַקאָמפּאַנימענט בעטראַכט מענדעלי דערוויל די יודישע „פּאַראָנדקעס“...

אַחוץ אין די נאַטור־שילדערונגען איז מענדעלי (שוין אין די ערסטע ווערק זיינע) אַ מייסטער, ווען ער בעגעגענען זיך איהם פאַר־שווינען, וואָס געהערן צום פאָלק, צום פּראָסטען עולם, פאַרשווינען, וואָס האָבען קיין שייכות ניט צום קהל און קהלשע ענינים, אַזוי ווי, אַ שטייגער, אין „פישקע דער קרומער“, חיים־חנא הייה־טרײנעס, אַ פאַנ־טעפּעל־העלד, און חייה־טרײנע אַליין, אַ יודענע אַ קאָזאַק, פון די מיני יודענעס, וואָס מענדעלי האָט ליעב צו שילדערן, ווען ער רעדט וועגען יודינעס, נישט וועגען פרויען (פרויען גיבען זיך מענדעלי׳ן ווייניגער איין, איידער יודינעס).

אַ רײנער קינסטלער אין די ערשטע ווערק זיינע איז מענדעלי אויך דאַן, ווען ער רוקט זיך אָב אויף אַ ווײלע פון דער יודישער גאַס, פון קאַבצאַנסק, פון דער „יודישער טאָרבע“; דאַן דערפיהלט ער זיך פטור פון מצוות, פון מוסר, פון שטעכווערטלעך; דער קינסטלער וואַרפט אַראָב פון זיך דעם ראָק, וואָס דער „יהודי היהודים“, דער מוסר־זאָגער האָט אויף איהם אַרויפגעלעגט, ער דערפיהלט זיך פריי און מיט אַ ברען כאַפּט ער זיך צו צום פענזיל און מאָלט, און מאָלט, און מאָלט. זיין אויג טרינקט די פאַרבען פון לעבען, אַזוי ווי אַ וואַנדערער טרינקט פון אַ קוואַל, וואָס האָט זיך איהם ענטפּלעקט אין דער וויסטעניש... וואָס איהם זאָל ניט קומען אין דער האַנד, וועט ער אויסמאָלען, אָב־צאַצקענען: אַ דאָרפישע קרעטשמע — איז אַ דאָרפישע קרעטשמע, דעם אַרענדאַר׳ס ציג — איז דעם אַרענדאַרס ציג, אַ רויטער קאָלנער מיט מעסענע קנעפּ — איז אַ רויטער קאָלנער מיט מעסענע קנעפּ. („פישקע דער קרומער“).

אָבער ווי נאָר ער פאָרט צוריק אַריין אין קאַבצאַנסק, אין דער יודישער גאַס אַריין, אַזוי ווערט זיין וועגעלע גלייך אַ בימה, און ווער עס געהט נאָהנט צו איהם צו הויבט אָן דרשענען...

אַ גליק, וואָס יצחק אברהם תקיף, דאָס קליינע מענשעלע, האָט געהאַט אַנ׳אָרימע מאַמע און קינדרוויז האָט ער זיך אויסגעוואַלגערט

אין בַּל'עַרלײַ אָרימע הײַזער, געהאַט צו טון מיט אײנפאַכע מענשען פון פאָלק, מיט עזריאל דעם מלמד, לײזער דעם שנײַדער, מיט אַ חזן אַנ'אַרומפאָהרער; אַ דאַנק דעם האָבען מיר אפילו אין אַזאַ ליטעראַריש שוואַכער זאַך, ווי „דאָס קלײנע מענשעלע" אַ גאַנצע שורה געשטאַלטען און בילדער, וואָס פערשאַפען אונז אמת'ן פערגעניגען. דאָס פאָלקסלעבען, אַלץ, וואָס האָט אַ שײַכות צום כאַראַקטער, צו דער שפּראַך, צום בענעהמען זיך פון פאָלק — דאָס קאָן מענדעלי ניט שילדערן אַנדערש, ווי קינסטלעריש. די פאָלקסגעשטאַלטען זענען שען אפילו אין אַזוינע ניט גאַנץ קינסטלערישע ווערק, ווי „האבות והבנים", די „טאַקסע" און אַנדערע. דערמאָנט זיך אויף לאה'ן אפרים'ס ווײַב, די פּראָסטע יודענע און אַנדערע פאָלקסמענשען אין „האָבות והבנים", ווי, אַ שטײַגער, דער שמש, די קינדער, וואָס רײַצען זיך מיט איהם, חנה די טוקערין... אָדער בתיה און טויבע-לאָה אין דער „טאַקסע", ישראליק'ס מאַמע אין דער „קליאַטשע"... „פישקע דער קרומער" איז קינסטלערישער, ווי „דאָס קלײנע מענשעלי", ניט נאָר ווײַל עס איז געשריבען ניט מיט אַזאַ אָפענער פּובליציסטישער טענדענץ, ווי דאָס לעצטע, נאָר אויך, ווײַל די סביבה, אין וועלכער מענדעלי פיהרט אונז אַרײַן דאָ, איז נאָהענט זעהר צום פאָלק און צו דער נאַטור — צו די צוויי טיעפסטע קוואַלען פון מענדעלי'ס שאַפען.

„פישקע דער קרומער" איז אין דעם ערשטען פעריאָד פון מענדעלי'ס ליטעראַרישער אַרבײַט (איך רעכען דעם דאָזיגע פעריאָד ביז „מסעות בנימין השלישי" 1878) דאָס רײַכסטע פון די בעלעטריסטישע ווערק, אַזוי ווי די „קליאַטשע" איז דאָס שענסטע פּובליציסטישע זאַך *).

פּרובט מען מאַכען אַ סך-הכל פונ'ם ערסטען פעריאָד פון מענדעלי'ס אַרבײַט, אַזוי מוז מען זאָגען, אַז די קונסט מענדעלי'ס אינ'ם דאָזיגען פעריאָד איז פרײַ און גאַנץ נאָר דאַן, ווען זי שטעהט אויף אַ נײַטראַלען באָדען, אויף אַ באָדען, וואָס האָט קײן שײַכות ניט צום קהל

---

*) צום דאָזיגען פעריאָד געהערט נאָך אַ חוץ אַ פּאָר העבּרעאישע מאמרים און קלײנע יודישע ערצעהלונגען, וועלכע איך האָב ניט דערמאָנט — די איבּערזעצונגען אין חרוזים פון „פּרק שירה" (1875), פון שבת'דיגע זמירות (זמירות ישראל) און פון תהלים און „יודעל", אַ ספור המעשה אין שירים. די אָפּטמאָל שענע געדאַנקען און חקירות, וואָס בּעגעגענען זיך דאָ, קלינגען אונז פרעמד, מיר האָבען זיך אָבּגעוועהנט פון אַזאַ אַרט שרײַבען. איבער דער שפּראַך אָבער איז מענדעלי אויך דאָ אַ אויבערהאַר — און דער ליבהאָבער פון יודיש וועט דאָ ניט װעניג גוצליבעם געפינען.

און קהלשע געשעפטען ; דאָס איז דאַן, ווען זי האָט צוטאָן אָדער מיט דער נאַטור און דער פאָלקסשפּראַך (וועלכע איז פאַר מענדעלי׳ן, אגב, אויך אַ שטיק נאַטור, וואָרום, הגם מען קען זי בעפּוצען, מוז זי דאָך זיין גרונד גענומען בלייבען, ווי זי איז) אָדער מיט דעם איינפאַכען מענשען פון פאָלק, אָדער מיט דער פאָלקספּסיכאָלאָגיע, גענומען אַלס גאַנצעס. פּרובט אָבער מענדעלי אויסטיילען פון פאָלק, פון דער פאָלקסמאַטעריע צו איינציגע פּסול׳ע שעטנז־פּעדים אָדער ער פאַרנעמט זיך מיט קהלסלייט — אַזוי מישט זיי גלייך אַריין די גוזמא, די קאַריקאַטור, די טענדענץ...

אונז איז שווער, אונמעגליך כמעט פאָרצושטעלען זיך אַבראַמאָוויטשען אַנדערש, ווי ער איז ; אָהן זיינע שוואַכקייטען קאָנען מיר איצט נאָך ווייניגער אפשר פאָרשטעלען זיך, ווי אָהן זיינע מעלות ; די מאַסקע מענדעלי׳ס איז אין אַבראַמאָוויטשעס גייסט אַזוי איינגעוואַקסען, אַז מיר קענען ניט וויסען, וואָס וואָלט אַבראַמאָוויטש געווען, ווען ער וואָלט געבוירען ווערען אין אַן׳אַנדער צייט, אין אַן׳אַנדער סביבה, ביי אַן׳אַנדער פאָלק. אפשר וואָלט זיין קינסטלער־בלוט ניט צוגעמישט זיין קיין איין טראָפּען פּובליציסטען־טינט ; אפשר וואָלט ער דאָס, וואָס ער איז „ניט אויסען״, מיט אַן׳אמת טאַקע ניט אויסען געווען און וואָלט נאָר מאָלען בילדער און מאַכען לעבעדיגע פּיזאַזשען, — מיר קאָנען עס ניט וויסען [illegible] אייגענטליך טויג עס אונז צו וויסען ? מענדעלי איז אונז ליעב, אַזוי ווי ער איז. גאַנץ, אַזוי ווי ער איז — איז אין זיין קלאָרען איידעלען קינסטלערישען בלוט אַריינגעקאַפּעט טראָפּענס גאַל, זיינע ווערטלעך זענען צונויפגעמישט מיט שטעכווערטלעך, זיין הומאָר — מיט סאַטירע.

אפילו די ווערק פונ׳ם צווייטען פּעריאָד, די ווערק, וואָס ווערען וואָס אַ מאָל רייגער אינ׳ם ליטעראַרישען און קינסטלערישען זין, — אפילו זיי זענען נישט פריי פון מוסר, פון משלים, פון בעהאַלטענע כוונות. אין אַ בריעף זיינעם שרייבט מענדעלי : „איך האָב ליעב, אַז אַ חוץ דעם שענעם פּנימעל, זאָל אין אַ קאַרטינקע אויך זיין לעבען, שכל און געדאַנק, ווי אין אַ לעבעדיגען מענשען. אַ קאַרטינקע בעדאַרף אַ חוץ שענע מליצה אויך מיך לאָזען עפּיס הערען״ *). דאָך ער־

*) זעה די אויבען ציטירטע הקדמה צו „סטעמפּעניו״.

לויבט זיך שוין מענדעלי אינ׳ם צווייטען פעריאָד צו מאָלען סתם שענע פּנים׳לעך. ער מיהט זיך יעדענפאַלס, אַז דער געדאַנק, וועלכען ער וויל אונז לאָזען הערען, זאָל האַרמאָנירען מיט׳ן „שען פּנים׳ל“, זאָל עס חלילה נישט פערוואָלקענען.

אַ שריט צום צווייטען, פיינערען אינ׳ם קינסטלערישען זין, טייל פון זיין שאַפען האָט מענדעלי געמאַכט, מיט זיין וואונדערליכען „מסעות בנימין השלישי“ (1878). דאָ איז שוין וועניגער זייטיגע זאַכען און מעהר קינסטלערישע רוהיגקייט, מעהר אויסגעהאַלטענקייט ווי אין די פריהערדיגע ווערק. דער גאַנצער טאָן איז שוין דאָ מעהר אַ הומאָריסטישער, ווי אַ סאַטירישער. דער סאַטיריקער מאַכט אַ וועזען פון דאָס אונווירדיגע און קליינליכע, זיין „הייליגער חוב“ איז דערפון אָבצולאַכען; דער הומאָריסט מאַכט קיין וועזען נישט דערפון, ער איז ה׳כער פון דעם און ער האָט קיין „חובות“ ניט אויף זיך, ער האָט אָבער אַ רעכט — צו שמייכלען, שמייכעלט ער... וועגען זיך אַליין זאָגט מענדעלי: „און אַז איך פערציה די ליפען, דאַכט זיך, עס שוועבט אויף זיי אַ מ י ל ד שטעכעדיג שמייכעל“ *). אין אַ פריהערדיגע אויסגאַבע שטעהט אַ „ש ט ע כ ע ד י ג געלעכטערעל“. און ביידע נוסחאות זענען ריכטיגע. פריהער איז מענדעלי׳ס שמייכעל געווען שטעכעדיג: עס איז געווען סאַטיריש; דערנאָך איז עס געוואָרען מ י ל ד־שטעכעדיג: צו דער סאַטירע איז צוגעקומען דער הומאָר. די סאַטירע און דער הומאָר זענען צוויי עלעמענטען אין מענדעלי׳ס שאַפען, אַזוי ווי די פּובליציסטיק און די בעלעטריסטיק. די ביידע עלעמענטען, דער סאַטיריש־פּובליציסטישער און הומאָריסטיש־קינסטלערשער, האָבען זיך געראַנגעלט שוין אין די ערסטע ווערק מענדעלי׳ס: אין „מסעות בנימין השלישי“ האָט צום ערשטען מאָל דער קינסטלערישער הומאָר די אויבערהאַנד בעקומען איבער דער מעהר פּובליציסטישער סאַטירע. וועגען דער טאַקסע אפילו רעדט זיך שוין דאָ ניט אַזוי בייז, ווי פריהער. אַ כונה, אמת, האָט מענדעלי אויך דאָ געהאַט, ער איז אויסען געווען אָבצושפּאָטען פון דער טוניעיאַדאָווקער בטלנות און ליידיגגעהעריי, פון דער יודישער וועלט־פרעמדקייט, פון דער ספּעציפיש יודישער קליינשטעדטילדיגקייט, וועלכע האַלט זיך פאַר אַ „אתה בחרתנו“ און איז זיכער, אַז הינטער טוניעיאַדאָווקע לאָזט זיך אַראָב דער הימעל אויף דער ערד. נאָר וואָס

---

*) הקדמה צו קליינמענשעלע, יובילוי־אויסגאַבע 1907.

פאַר אַ כּוונות דער פּערפאַסער האָט גיט געהאַט. — אונז בּערשאַפט ער ריין עסטעטישעם פערגעניגען.

שרייבענדיג דאָס דאָזיגע ווערק, האָט מענדעלי געהאַט פאַר ז... סען מוסטער, דאָס אונשטערבּליכעפון סערוואַנטעס; ...נשטערבּליכע ווערק ווערען ניט געשריבען צוויי מאָל, און עס איז ... ... נער וועט נישט פערגלייכען דאָס שענע „מסעות בנימין השלישי“, וואו דער עיקר איז דער יודישער, אויב מען קאָן זאָגען אַזוי, „ענטאָגראַפישער“ הומאָר— מיט דעם „דאָן קיכאָט“, וואו עס איז פאַרהאַן אַ אייבּיגער אַלמענשליכער אינהאַלט. וויכטיג איז אָבּער די זעלבּשטענדיגקייט, מיט וועלכער מענדעלי האָט פערי ו ד י ש ט דעם דאָן קיכאָט. ער האָט פעריודישט דע... האַלט, נישט נאָר די פאָרם. אַ דאָן קיכאָט, אַזוי ווי מיר פערשטע... איהם בּיי סערוואַנטעס, קאָן אַי טוניעיאַדאָווקע נישט אויסוואַקסען. דאָן קיכאָט האָט קינדישע פאַנטאַזיעס און קינדערש... עקשנות, ער האָט אָבּער אַ מ ע נ ל י כ ע ן ווילען, ער איז טאַטקרעפטיג; בנימין איז פונקט אַזאַ יודענע, ווי דער חבר זיינער, סנדרל. דאָן קיכאָט האָט פאַר קיינעם קיין מורא ניט; בנימין שרעקט זיך פאַר אַ הונד, און אַז ער דערזעהט אַ גוי אין וואַלד, פאַלט ער אין חלשות, ער מיינט, ס'איז אַ גזלן. דאָן קיכאָט שטעהט געגען דער וועלט, אַזוי ווי די ... געגען ... פאַלשקייט, אַזוי ווי דער עקסטאַז געגען דער ניכטערקייט. ... בנימין אַנקעגען דער וועלט? פּשוט, ווי אַ נאַר געגען קלוגע, ווי ... בּטלן געגען מענשען, וואָס זענען געניטער פון איהם און קאָנען איהם אַרייננאַרען אין זאַק. פון אַנדערע טונעיאַדאָווקער שיידט ער זיך אָבּ נאָר דערמיט, וואָס ער האָט אַבּיסעל מעהר פאַנטאַזיע פון זיי און וואָס ער האָט זיך אָנגעלייענט מעשיות פון אלדד הדני, אלקסנדר מוקדון און די רויטע יודעלעך, אַ חוץ דעם איז ער אַ טונעיאַדאָווקער אַזוי ווי אַלע טונעיאַדאָווקער. אַזוי ווי שטענדיג בּיי מענדעלי'ן, קומט אויך דאָ דער פּרט צו געבּען אַנצוהערעניש אויפ'ן כּלל.

„מסעות בנימין השלישי“ געהערט יעדענפאַלס צו די זעלטענע בּיי מענדעלי'ן ווערק, וואָס זענען „מעור אחד“, פון איין שטיק. מען האָט שוין ניט איין מאָל אָנגעוויזען אויף דעם, וואָס מענדעלי'ס ווערק, בּעזונדערס די גרעסערע, זענען ס'רוב אַ מעשה איבּער אַ מעשה און אַ מעשה אין אַ מעשה; מען קאָן זיי זעהר גרינג צוטיילען, און יעדע מעשה, יעדעס בּילד וועט זיין פאַר זיך אַ זאַך; אינאיינעם זענען זיי בּעהעפט, צוזויפגעקלעפּט מיט קונצען. מען דאַרף עס דאָך מענדעלי'ן

גישט אויפוואַרפען. אזוי ווי יעדען אייגענאַרטיגען שרייבער, דאַרף מען אויך איהם מעסטען מיט זיין אייגענער מאָס. ער האָט זיך ניט אָנגענומען געבען אונז מעשיות, וואָס יעדע פון זיי זאָל האָבען אַן אָנהויב, אַ מיטען און אַ סוף, וואָס יעדע פון זיי זאָל זיין מיט אַ בעזונדער פאַבולע, אויף אַ בעזונדער טעמע. מענדעלי'ס מעשיות האָבען אַלע איין טעמע: דאָס יודישע לעבען. יודעל, דער קראַנקער יודעל, דאָס קראַנקע יודישע פאָלק, איז ניט נאָר דער העלד פון דער פאָעמע אין חרוזים, וואָס טראָגט דעם נאָמען: ער איז דער העלד פון אַלע מענדעלי'ס ווערק. די כּל'ערליי יודען און יודענעס און „קליינע יודעלעך", וואָס מיר בעגעגענען ביי מענדעלי'ן, זענען פעדים, איינגעוועבט אין דער מאַטעריע, וואָס טראָגט דעם נאָמען יוד; מענדעלי מיינט נישט די פעדים, ער מיינט די מאַטעריע. דערזעהט ער אונז פון אַ ר' יעקב, איז ער מוסיף, אַז ס'איז „פון די מיני ר' יעקב'ס, וואָס זענען דאָ אַצינד, און וואָס וועלען זיין אויך שפּעטער אין אַלע יודישע ערטער, כּל זמן פון די קינדער ישראל וועט נאָך בלייבען אַ זכר און אין זיי וועט שלאָגען נאָך אַן אָדער" (די אַלטע מעשה). ער דערצעהלט אונז ניט פון ר' יעקב'ן, נאָר פון דעם מין ר' יעקב'ס.

דאָס הייסט אָבער ניט, אַז ער האָט קיין אויג נישט פאַר דאָס אינדיווידועלע. ניין, צוזאַמען מיט די פאַרשוינען, פון וועמענס מויל עס רעדט מענדעלי אַליין, האָבען מיר אין זיינע ווערק צעהנדליגער נעמען, וואָס יעדערער פון זיי, אַז מען זאָל איהם אָנרופען, וועט ער אויפוועקען אין אונזער זכרון סמנים, בולט'ע, פלאַסטישע סמנים, נאָך וועלכע מיר קאָנען איהם דערקענען און אָבשיידען פון אַלע אַנדערע; אפילו אין דער „טאַקסע", וואָס איז געשריבען מיט אַ טענדענץ און אין וועלכער עס פיגורירען גבירים, קהל'ס-לייט, וואָס מענדעלי זעהט אין זיי נאָר דאָס גבירישע, דאָס קהל'שע — אפילו אין דער „טאַקסע" איז ר' איציק וואָלף ספּאַדיק נישט דער אייגענער, וואָס ר' שמעיה תּם, און ר' יוסף מהיכי תּיתי וועט איהד נישט פערבייטען אויף ר' יודעלע שטאַנדהאַפט, און וועד רעדט אַזוינע ווערק, ווי „פישקע", „דער פּריזיוו", „דאָס ווינשפינגערל", „די ישיבה של מעלה", „שלמה ר' חיים'ס" — דאָ האָט איהר אַ גאַנצע עדה טיפּען און געשטאַלטען: פערשיעדענע גבירים, פערשיעדענע בעל-מלאכות, סרסורים, שדכנים, קרעמער, מלמדים, קהל'ס-לייט, משכּילים, פערשיעדענע סאָרטען יודינעס אפילו. אין אין „ווינשפינגערל" האָט זיך מענדעלי פערגונען געבען אונז אַ גאַנצע גאַ-

לערייע מיט יודינעם, אַ מין ווייבערשע שול, און יעדע יודינע איז אַ יודינע אויף איהר שטייגער: טריינע־סאָסיע איז טריינע סאָסיע, מלכה־טויבע—מלכה־טויבע, יענטיל איז פאַר זיך אַ בעל־הבית'טע, און דער ליעבער מומע־רייזע'ן, דער בעל־אַכסניה'טע, וועט קיינער ניט צונויפמישען מיט דער מומע שיינצען, וועלכע נעהמט אויך צו געסט, נאָר אַנדערע... זאָל אַ מאַלער די אַלע געשטאַלטען פּרובען אילוסטרירען, וועט ער פאַר יעדע פון זיי געברויכען אַנדערע שטריכען, עס וועט זיין אַן'אַלבום אַ גאַנצער. ניין, מענדעלי איז אַ מייסטער אויף דאָס אינדיווידועלע; אלא וואָס דען? ער וויל, אַז יעדע זאַך, וואָס ער שאַפט, זאָל לעבען אַ דאָפּעלט־לעבען: דאָס אייגענע, אינדיווידועלע לעבען, און דאָס לעבען פונ'ם מין, צו וועלכען ס'געהערט. דער געוועהנליכער קינסטלער זעהט דאָס אַלגעמיינע דורך דאָס אינדיווידועלע, מענדעלי זעהט ביידע זאַכען מיט אַ מאָל: ער איז אַ מין דאָפּעלטזעהער.

דאָך, ווען זיינע פאַרשוינען וואָלטען געווען פּערזענליכקייטען, וואָלט ער זיך בענוגענען, קאָן זיין, מיט דאָס פּערזענליכע וואָס אין זיי; איצט אָבער, אַז ער האָט צוטאָן מיט אַ קופּע מילבען („גל של נמלים"), מוז ער אין זינען האָבען, ניט יעדע מילב בעזונדער, נאָר די גאַנצע קופּע, די גאַנצע עדה. אַ גליקליכער אינסטינקט זאָגט איהם אונטער, אַז די גרויסע ווערדע וועלען די ווערק זיינע האָבען ערשט דאַן, ווען זייער טעמע וועט זיין ניט איינציגע אַיינוואוינער פון קאַבצאַנסק, נאָר קאַבצאַנסק אינגאַנצען. דער איינציגער קאַבצאַנסקער אַיינוואוינער איז שטאָף פאַר אַ הומאָריסטישע סקיצע; גאַנץ קאַבצאַנסק, קהל — דאָס איז אַ גרויסאַרטיגע פּאָעמע!

און נאָך אַ זאַך:

ווען מענדעלי וואָלט קאָנען זיך בענוגענען מיט שילדערן דאָס אינוועניגסטע לעבען, וואָלט ער אויך אין אַלטען דור אין קאַבצאַנסק געפונען, אַ חוץ „מילבען", — פּערזענליכקייטען, וואָס יעדע פון זיי איז אַ וועלט, אין וועלכער עס לוינט אַריינצוקוקען (האָט דאָך פרץ שפּעטער ענטפּלעקט אַזוינע וועלטען); אין מענדעלי'ן אָבער לעבט אַ תאוה צו פּלאַסטיק, צו אויסערע פאָרמען, און אויסערליך האָט זיך אין יענער צייט דער יוד, דער טיפּסטער אַפילו, נאָך וועניג וואָס אָבגעשיידט פון דער אַרומיגער סביבה: „צי איז פאַרהאַן, פרעגט מענדעלי, נאָך אַזאַ אומה אויף דער וועלט, וואָס דער גאַנצער לעבענסשטייגער פון

איהרע קינדער, זינד זיי געהען אַרוים אויף דער ווייסער וועלט ביזן לעצטען אָטעם, זאָל זיך ציהען אַזוי אין איין נוסח, ווי ביי אונז?״ ער ברייננט ביישפיעלען דערצו און לאָזט אוים: „מיר זענען אַנ׳עדה, אַ קופּע מילבען, וואָס אַלע זענען גלייך איינע צו די אַנדערע (שאין בפרט אלא מה שבכלל). אין דער לעהרע וועגען פערשיעדענע בעשעפענישען איז פאַרהאַן אַ פּרק וועגען דעם מין מילבען, ניט וועגען איטליכער מילב בעזונדער״ („בימים ההם״).

און עס איז נאָר צו בעוואונדערן דאָס שאַרפע אויג, מיט וועלכען מענדעלי האָט אויסגעפאָרשט די זאָאָלאָגיע פון איינצעלנע „מילבען״, הגם זיין ציעל איז געווען און געבליבען דאָס גאַנצע מילבען־נעסט. און דאָס מילבען־נעסט, דאָס שטיק מאַטעריע, וואָס רופט זיך יוד — אָט דאָס שאַפט די איינהייטליכקייט פון יעדען ווערק מענדעלי׳ס און פון אַלע אינאיינעם. און אַזוי ווי איהר וועט זיך ניט וואונדערן אויף אַ רייזענדען, וואָס ער קלייבט זיין שטאָף „אָהן אַ סיסטעם״, און ווי נאָר עס טרעפט זיך איהם אָן עפּים אַ אינטערעסאַנטע זאַך, פערצייכענט ער עס גלייך, אַזוי דאַרף מען זיך ניט וואונדערן אויף מענדעלי׳ן, וואָס ער מאָלט אָב יעדער פיגור, וואָס איהם קומט אויפ׳ן אויג, יעדען פּסיכאָלאָגישען יודישען שטריך, וואָס ער בעמערקט, הגם „צום ענין״ האָט עס ניט אַזאַ שטאַרקע שייכות, נאָר ווייל עס האָט אַ שייכות צום אָרט, איבער וועלכען ער רייזט אַרום אין זיין וועגעלע, צו דער גרופּע מענשען, מיט וועלכער ער וויל אונז בעקאַנט מאַכען. אַבראַמאָוויטשעס ערצעהלונגען — דאָס איז איין גרויסעס קינסטלערישעס מעמואַרען־בוך פונ׳ם קלוגען, געניטען, אין אַלע ווינקעלעך פון קאַבצאַנסק אויסגעוועזענעם מענדעלי מוכר ספרים, איין גרויסעס קינסטלערישעס מעמואַרען־בוך, וואו איהר געפינט אַלץ, וואָס איהר ווילט: פאָלקס־פּאָעזיע און פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע, קולטור־געשיכטע און עטנאָגראַפיע, מאָראַל און הומאָר, — און וואו אַלץ דינט נאָר צו איין צוועק: בעקאַנט מאַכען אונז דורך לעבעדיגע בילדער מיט דעם פאָלקס־לעבען און פאָלקס־כאַראַקטער פון די יודען אין געטא. מענדעלי איז דער נייער יוסיפון אונזערער.

אָבער הויפּטזעכליך איז ער דער יוסיפון פון דער פאָרלעצטער עפּאָכע, פון דער עפּאָכע, ווען דער געטאָ־און בית־המדרש־יוד איז געווען נאָך גאַנץ, דאַכט זיך, איינגעגלויבט אין זיך, נאָר זיין יונגערער זוהן איז שוין געשטאַנען אָן אַ זייט און געקוקט אויף איהם, ווי אויף אַ מומיע,

א גוף אָהן א נשמה, און ערגיץ אין דער הויך אויף א שאַלקע איז גע־זעסען שוין דער אַלטער, דער קלוגער, מיט'ן קיהלען פערגליווערטען שמייכעל אויף די ליפען, מיט די קנייטשען אויפ'ן געזיכט, געשאַרפט די טרוקענע געלבליכע גענוזענע פעדער, גענעצט דעם פינגער און געמאָס־טען זיך אובערקעהרען א בלאַט אין פנקס...

אין די לעצטע ווערק זיינע, אין די 90־טע יאָהרען, האָט מענדעלי געפּרובט מאָלען יודען פון דער נ י ע ר צייט, פון דעם ושבו־בנים־לגבולם־פעריאָד (בישיבה של מעלה, א גרויע האָר, און אנד.) און אויך פאַר די דאָזיגע יודען האָט ער קלאָרע, קלוגע, אָפּט — שאַרפע ווערטער, — אָבער נישט מעהר ווי ווערטער. „קול דברים שומעים ותמונה אינם רואים". נישטאָ קיין געשטאַלטען. און עס איז לייכט צו פערשטעהן, פאַר־וואָס. די נייע נאַציאָנאַלע בעוועגונג איז די בעוועגונג פון דער אינ־טעליגענץ. אין דער אינטעליגענץ זענען אָהן קיין שום ספק אויסגע־וואַקסען נייע סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע טיפּען; זיי זענען נאָך אָבער אָהן פלייש און אָהן בלוט, זיי זענען ניט פּלאַסטיש, די נשמה העגנגט זיי ניט „אויף דער נאָז", און מענדעלי'ס קונסט בעשטעהט אין ווייזען די נשמה „אויף דער נאָז", אינ'ם קוק פון די אויגען, אין די בעוועגונגען פון די הענד, אין די קנייטשען פון די בגדים. מענדעלי איז דער גרויסער ק ע ר פּ ע ר־ש י ל ד ע ר ע ר, דערפאַר איז ער געווען און געבליבען דער שילדערער פון דער עפּאָכע, ווען דער יודישער קערפּער האָט נאָך געהאַט זיין אייגענע חצוניות, זיין אייגענעם הילוך...

* *
*

נאָך „מסעות בנימין השלישי" האָט מענדעלי אָוועקגעלעגט די פעדער און א לאַנגע צייט געשוויגען. אינמיטען האָבען אויסגעבראָכען די פּאָגראָמען. כמעט פאַר אַלע גרעסערע שרייבער פון דער השכלה־עפּאָ־כע זענען די פּאָגראָמען פון די 80־טע יאָהרען געווען א „ווענדע־פּונקט". אזוי ווי דורך א בליץ איז בעלויכטען געוואָרען דאָס יודישע לעבען, עס איז אַראָבגעפאַלען א שלייער, מען האָט דערזעהן דעם חורבן. אין מענדעלי'ס וועלט נאָר האָט עס נישט אָנגעמאַכט קיין איבערקעהרעניש. דער פּערפאַסער פון דער „קליאַטשע" איז צו די פּאָגראָמען געווען מעהר, ווי אַנדערע, צוגעגרייט, עס איז געווען פאַר איהם א ניי בלע־טעל פון אַן־אַלטער געשיכטע. אויפ'ן האַרצען איז דערפון אָבער נישט גרינגער געווען. און דאָס שווייגען, אין וועלכעם מענדעלי איז פון 1878

פערזונקען געווען, איז נאָך טיפער געוואָרען. „די צרות, שרייבט ער שפּעטער, אין 1884 אין דער הקדמה צום „פּריזיוו", — די צרות אין דער לעצטער צייט האָבען פערשטיינערט מיין האַרץ, אַזוי אַז די צונג האָט זיך נישט געלעגט צו ריידען און די האַנד צו שרייבען אַ וואָרט. דאָס איז אַזאַ שווייגען, וואָס מאַכט זיך מיט אַ מענשען, ווען שטאַרקע יסורים טרעטען צו מיט אַ מאָל און קאָסט איהם געזונד און לעבען אַ סך מעהר, ווי קרעכצען און וויינען מיט בלוטיגע טרערען, וואָס אויב אַזעלכעס געדויערט אָהן עפּיס אַ הילף פון דער זייט, איז מען און אַ גרויסער סכנה צו ווערען אוים מענש". די צרות האָבען ניט אויפגעהערט, דאָך האָט מענדעלי צוריק גענומען זיך פאַר דער פען, און געלאָזען אָבדרוקען אין 1884 דעם נאָר וואָס דערמאָנטען „פּריזיוו", אַ דראַמע אין פינף אַקטען. דאָס רוב שרייבער האָבען זיך גענומען דאַן פאַר נייע נאַציאָנאַליסטישע טעמעס, מענדעלי האָט זיך אומגעקעהרט צו זיין אַלטער טעמע. „עס האָט מיך עפּיס געצויגען, זאָגט ער, אַהין אין יענעם ווינקעל פון'ם יודישען לעבען, וואו עס געפינען זיך מיינע אַלטע בעקאַנטע פּאַרשוינען, פון וועלכע איך פלעג אַמאָל דעם עולם דערצעהלען משונה-ווילדע, וואונדערליכע מעשיות", און אין „פּריזיוו" איז דער ריין קינסטלערישער הומאָריסטישער טאָן פון „מסעות בנימין השלישי", ניט שוואַכער, נאָר שטאַרקער געוואָרען, עס פיהלט זיך, אַז מענדעלי איז מיט ביידע פיס איבערגעגאַנגען אויפ'ן באָדען פון קונסט. די פידעל, אויף וועלכער ער האָט זיך ניט פערגונען צו שפּילען אַמאָל, וועלכע ער האָט ניט איינמאָל שוין אויפגעהאַנגען אויף דער שטומער, טרויעריגער ווערבע פון גלות-שפּאַט און מוסר — די פידעל ווערט מענדעלי'ן אַלץ נעהענטער און ליעבער. אַ פּובליציסטישע טענדענץ, און אַ שטאַרקע טענדענץ, איז פאַראַן אויך אין „פּריזיוו", אָבער עס פיהלט זיך אַ שטרעבונג צונויפצופּאָרען זי מיט דער קינסטלע-רישער וואַרהאַפטיגקייט. אלכסנדר, אַ אינטעליגענט פון די 80-סטע יאָהרען, וועלכער וויל פערנעמען צוריק די שטעלע, וואָס פיקהאָלץ (אין דער „טאַקסע") האָט אַוועקגעוואָרפען, די שטעלע פון אַ ראַבינער, וואָס אַרבייט פאַר'ן כלל, — אַלכסנדר איז ווי אַלע אינטעליגענטען פון נייעם דור ביי מענדעלי'ן אָהן פלייש און אָהן בלוט. די עצם אינ-טריגע פון דער דראַמע איז, ווי ווידער אַמאָל אָפט ביי מענדעלי'ן, צופעליג, געקינצעלט. דערפאַר אָבער די פאָלקסטימליכע פּאַרשוינען, ווי אַ שטייגער פייבוש גאָטסוואונדער דער לאַנד-שדכן,

מענדעלע דער משרת, דוואָסע די קיכמויד, שמואליק דער אויסגעדינטער ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט, „גלאַט אַ ייד“ ר׳ אליה, איציק דער קרעמער, אָדער שפּרינצע, שמחה מאַריאַ־שעס ווייב, אָדער אַפילו די עטוואָס מגוזמ׳דיגע ר׳ יוחנצע דעם רב׳ס און זיין זוהן האַסקעל — אַלע זיי שפּראָצען מיט זאַפט און לעבען.

אין אַ פּאָר יאָהר אַרום נאָכ׳ן „פּריזיוו“, שוין וואוינענדיג אין אָדעס, קעהרט זיך מענדעלי אום צוריק צו העברעאיש. אין 1887 הויבט זיך אָן דרוקען אין „היום“ זיין „בסתר רעם“. מענדעלי שטעלט פאָר פאַר דעם העברעאישען לעזער אונזער אַלטע בעקאַנטע גלופּסק (כסלון) מיט איהרע פאַרשוינען, מיט איהר גאַנצען חן. דערביי פערגעסט ער ניט דערמאָנען אונז, אַז גלופּסק איז דער נאָמען פון׳ם גאַנצען יודישען תחום, און אַז גלופּסקער בלוט רינט אין יעדערן פון אונז, אין דעם אָרימען, אַזוי ווי אין דעם רייכען, אין דעם אינטעליגענט ניט ווייניגער ווי אינ׳ם פּראָסטען מענשען פון פאָלק. דערנאָך שילדערט ער, ווי זיין שטייגער איז, מיט אַ משל די צייט נאָך די פּאָגראָמען. די פּאָגראָמען אַליין מיידט ער אויס צו שילדערן. עס פיהלט זיך דער וועהטאָג, וואָס ער טראָגט אין האַרצען, נאָר — „ווען איך פאַל אַריין אין עצבות, זאָגט מענדעלי אין דער העברעאישער ערצעהלונג „בישיבה של מעלה, — דוקא ווען די עצבות פערשטאַרקט זיך, ווילט זיך מיר לאַכען“, און מענדעלי לאַכט אין „בסתר רעם“, ער האָט דעם מוט צו לאַכען, דעם מוט, וועלכען עס גיט דער קינסטלעריש־הומאָריסטישער קוק אויפ׳ן לעבען.

די איבריגע העברעאישע ערצעהלונגען מענדעלי׳ס זענען טיילווייזע, טיילווייז איבערזעצונגען פון יודיש, איבערזעצונגען, דורך וועלכע מענדעלי האָט בעשאַפען כמעט אַ נייעם פּראָזאַ־סטיל אין העברעאיש, אַ סינטעז פון אַלע ענטוויקלונגס־פאַזען, וועלכען די העברעאישע שפּראַך האָט דורכגעמאַכט ביז אַהער.

אין דער אייגענער צייט הערט מענדעלי ניט אויף צו שרייבען יודיש. אין 1889 געהט אַרויס דאָס גרעסטע און רייכסטע, הגם ניט דאָס איינהייטליכסטע, פון אַלע זיינע ווערק — „דאָס ווינשפינגעריל“, (שפּעטער איז עס אַרויס אין העברעאיש מיט׳ן נאָמען „בעמק הבכא“). אין די ניינציגסטע יאָהרען האָבען מיר אַ גאַנצע רייהע נייע העברעאישע און יודישע ערצעהלונגען. אין די נייע ערצעהלונגען, אין די העברע־

אישע בעזונדער, בעגעגענען מיר אָפּט נייע פּאַרשוינען: חובבי-ציון, לאומיים, בעלי-תשובה'ניקעס. בכלל אָבער ווערען דאָ איבערגעחזרט די אַלטע מאָטיווען מענדעלי'ס. צום רעש פון חבת-ציון, פון די קאָ-לאָניעס און די היציגע יונגע-ליטלעך „לאומיים" פּערהאַלט ער זיך מיט דעם אייגענעם ביטערען סקעפּטישען שמייכעל, ווי צום אימפּעט פון דער השכלה און משכּילישע טומלער. די אַלטע געדאַנקען זענען דאָ נאָר קלערער, עס ווערט געמאַכט אַ סך-הכּל, זכרונות ווערען געזאַמעלט, אין „בּימים ההם" און אין „שלמה ר' חיים'ס" (חיי שלמה) טראָגען זיי אַ פּערזענליכען אויטאָבּיאָגראַפישען כאַראַקטער, אָבער קיין נייע שטריכען צו מענדעלי'ס שאַפען און סטיל געפינען מיר ניט אין זיי. מענדעלי איז שוין פריהער פאַר אונז געשטאַנען, ווי אַ גאַנצע אַ לעבעדיגע געשטאַלט מיט אַלע איהרע חן-געריבעלעך. און ווען עס וואָלט מעגליך געווען אויס-דריקען אין איין וואָרט דעם תּמצית פון אַזאַ פּערזענליכקייט, ווי אַבּראַמאָ-וויטש, וואָלט איך צום פריהער געברויכטען בעגריף דאָפּעלט-זעהער, צוגעגעבען דאָס וואָרט סטיליזאַטאָר. אבראַמאָוויטש טוט און סטיליזירט, ד. ה. ער שאַפט ניט זיין סטיל, זיין שאַפענס-ריטם, פון זיך, „פון קאָפּ"; ער האָט תּמיד מוסטערן פאַר זיך, מוסטערן פון פאָלקס-לעבען, פון דער פאָלקס-ליטעראַטור, פון דער פאָלקס-שפּראַך. זיין ערסטער מוסטער איז — מענדעלי מוכר ספרים אַליין. דאָס איז זיין ערסטע מאַסקע. איינמאָל האָט ער זי אָנגעטאָן, פון דאַן אָן איז זי אַ פּערגליווערטע געבּליבען בּיי איהם אויפ'ן געזיכט, ער געהט און שטעהט און פאָהרט און רעדט ניט ווי אַבּראַמאָוויטש, נאָר ווי מענדעלי מוכר ספרים. אַמאָל פּערגעסט ער זיך, פּערגעסט אויף דער מאַסקע, וואָס ער טראָגט, און מיר הערען פּלוצלינג זיין אייגענע שטים, נאָר דאָס איז אַ יוצא מן הכּלל. דער כּלל איז די מאַסקע. און די תּאוה צו דער מאַסקע. מיט וואָס פאַר אַ פּערגניגען שרייבּט מענדעלי אַ הקדמה צו זיין ספר אינ'ם סטיל פון אַנ'אַלטען מחבר, הויבּט אָן: אָמר מענדעלי מוכר ספרים, זאָגט מענדעלי מוכר ספרים: געלויבּט איז דער בּורא, וואָס בּעשטימט דעם גאַנג פון די גלגלים... און חתמט זיך: הקטן מענדעלי מ"ס. מיט וואָס פאַר אַ הנאה ל'אָזט ער רעדען, אָנשטאָט זיך, ר' בּנימין השלישי, אָדער ער בּרענגט אַ פּסוק און פּער-טייטשט איהם, ווי דער רבּי אין חדר: „ווי אַ אינד, וואָס טוט טאָן גלוסטען קוואַלען וואַסער", „בּין המשפּתים" — „צווישען די געמאַרקען", „והשפיפון" — און דער „פּיפּערנאָטער"... ווי אָפט רעדט ער מיט'ן

לשון פון שרה בת־טובים... „די גאַנצע וועלט, זאָגט מענדעלי, איז לויטער גלגולים״, און אויך אין מענדעלי אַליין זיצט אַ גלגול. ער איז ער — און ניט ער. די דאָפּעלטקייט איז דער מקור פון יעדער פּטי־ליזאַציע: „דער אינהאַלט איז מיינער, די פאָרם — ניט; דער אינהאַלט געהערט איינעם, די פאָרם — אַ גאַנצען דור, אַ גאַנצער עפּאָכע. דער־פאַר איז דער סטיליזאַטאָר אַזוי ווייט פונ׳ם נאָכמאַכער. דער נאָכמאַכער גיט אונז דעם סטיל פון איינעם, אַ יחיד, דער סטיליזאַטאָר — דעם סטיל פון אַנ׳עפּאָכע. דעם סטיל פון אַנ׳עפּאָכע קען מען נישט נאָכ־מאַכען, מען מוז איהם שאַפען. כּדי איהם צו דערפילען, מוז מען אַליין האָבען אַ טיעפען און איידעלעם סטיל־געפיהל. מענדעלי האָט עס. זעלטען ביי ווענען פון די יודישע שרייבער איז דער סטיל אַזוי אויס־געהאַלטען און „פון איין גוס״ ווי ביי אַבראַמאָוויטשען.

נאָר די דאָפּפּעלטקייט ליגט ניט נור אין דעם סטיל זיינעם, זי איז זיין צווייטע, און אפשר זיין ערסטע נאַטור. מיר לייענען אין „שלמה ר׳ חיים׳ס״: „עפּיס האָבען צוויי נשמות — אַ מלאך מיט אַ רוח — גע־שטעקט אין איהם ביידע אינאיינעם. ער איז געווען אַ איינגעשפּאַרט, האַרט, ווי אַ שטיין, אַ ווייך, ווי אַ טייג, לאָזענדיג זיך פיהרען אַ מאָל ביי דער נאָז; אַ בייז, אַ מילד, גוט, ווי די וועלט; אַ ביטער־גאַל, אַ צוקער־זיס; אַ ערנסט, אַ קאַטאָוועס־טרייבער; אַ אומעטיג פערטראַכט, אַ לוסטיג פרעהליך״. דער הומאָר און די סאַטירע, דער מילדער שמייכעל און דער שטעכעדיגער שמייכעל, די סאַנטימענטאַלע זיסליכקייט און די ביטערע גאַל — די דאָזיגע אַלע סתירות געפינען זיך אין דער נאַטור אַבראַמאָוויטשעס. אַבראַמאָוויטש איז ניט נאָר אַ דאָפּ־פּעלט־זעהער, אויך זיין פיהלען איז אַ דאָפּפּעלטעס. נישט נאָר ער זעהט, ווי פון די איינצעלנע פּעדים, וועבט זיך אַ מאַטעריע, און ווי די מאַטעריע צושיט זיך אין איינציגע פּעדים נאָר אויך ער פיהלט, ווי איין מאַטעריע ווערט מגולגל אין אַנ׳אַנדערע, ווי דאָס ערנסטע ווערט קאָמיש און דאָס קאָמישע — ערנסט.

זיין אייגענע בעציהונג צו זיינע פּאַרשוינען די קאַבצאַנסקער איז אַ אַנ׳ערנסטע, אַ אַ הומאָריסטישע; אָט מאַכט ער פון זיי חוזק און אָט פאַלט ער זיי אויפ׳ן האַלז און וויינט אויף זייער גורל דעם ביטערען. זיין עצם לאַגע צווישען די קאַבצאַנסקער איז אַ דאָפּעלטע! ער איז אַ תושב, אַנ׳אַלטער בעקאַנטער, אַ אַנ׳אורח ביי זיי, אַ אַנ׳איינגענער, אַ פרעמדער. ער איז אַנ׳איינגענער, — קאָן ער זיך צוקוקען צו אַלץ,

זיטאָ פאַר איהם קיין פערבאָרגענים ; איז ער אָבער אויך אַ פרעמדער : האָט ער זיין אייגענעם קוק אויף אַלץ. ער איז אַנ׳אייגענער — רעדט ער מיט זיי אויף זייער לשון. ער איז אַ פרעמדער — לעגט ער אין זייער לשון אַריין זיינע אייגענע כונות. ער מאַכט אָנשטעלען. ווען ער וואָלט ניט געהערט צו דער ליטעראַטור, וואָלט ער — איך בין זיכער — געהערט צום טעאַטער. אין איהם זיצט אַ שוישפּילער · שוין פון קינדוויז אָן „איז אין איהם געלעגען בטבע עפּיס אַזוינס אופצוכאַפּען באַלד ביים ערשטען בליק, יענעמ׳ס אַ מינע, אַ וואָרט, וואָס עפּיס נישט אַזוי, משונה, ווי ביי אַנדערע. ער פלעגט וואונדער־שען נאָכמאַכען אַבי ועמען, מיט אַלע פאָסטעמקעס, ווי יענער רעדט, ווי יענער שטעהט און געהט, אַזוי אַז מען פלעגט זיך האַלטען ביי ד׳ זייטען פאַר געלעכטער, זעהענדיג און הערענדיג איהם. בעזונדערס ליעב האָט ער געהאַט נאָכצומאַכען גיטעל די זאָגערין, ווי זי קושט די מזוזה ביי׳ם אַריינקומען אין שטוב, אָנגעטון אין דער יופּע אויף איין אַרבעל... א. אַז. וו.״ די קונסט פון דער מאַסקע האָט ער אַריינגע־טראָגען אין דער ליטעראַטור. און זיין אויפגאַבע איז געווען אַראָבצורייסען די מאַסקע פון לעבען, די מאַסקע, וואָס איז ניט קיין קונסט, נאָר אַ מלאכה, די מאַסקע, וואָס איז ניט קיין שאַפונג, נאָר אַ פערדאָרבונג. ווייל ער האָט זי געקענט, די מאַסקע, האָט ער זי געוואוסט וואו צו זוכען, און קיינער פון די יודישע סאַטיריקער האָט ניט געוויזען אַזוי קלאָר, ווי מענדעלי, די „יודישע אָנשטעלען״, די אַלע גמרא־פּשטלעך און אויבער־הסברות און קאָפּ־שטיקלעך פונ׳ם יודישען לעבען און שטרע־בען: קיינער האָט אונז ניט ענטפּלעקט אַזוי דייטליך און שאַרף, ווי מענדעלי, דעם אונטערשלאַק פונ׳ם יודישען כאַראַקטער, פון דער יודישער שפּראַך...

אינקורצען וועגען די גרונד־שטריכען פון מענדעלי׳ס שאַפען האָבען מיר אָט די שורות:

די טיעפסטע קוועלען, פון וואַנען עס שעפּט איהר חיות מענדעלי׳ס פען, איז דאָס לעבען פון פאָלק און די נאַטור.

מענדעלי האָט דער ערסטער די סאָציאַלע דיפערענצירטהייט און סאָציאַלע אונגלייכהייט אין דער יודישער געזעלשאַפט בעמערקט, און ער איז איינער פון די ערסטע, וואָס האָבען אין דער השכלה־צייט אונזער נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין געוועקט.

ער איז אויך איינער פון די ערסטע, וואָס האָבען געשריבען יודיש נישט נאָר פון צדקה און רחמנות וועגען; איינער פון די ערסטע, וואָס האָבען די יודישע שפּראַך קולטיווירט און געבראַכט זי צו דער מדרגה פון אַ ליטעראַטור-שפּראַך. אין העברעאיש האָט ער אַ נייעם, רייכען און בויגיגען פּראָזאַ-סטיל געשאַפען.

פאַרנעמט ער זיך מיט'ן יחיד, איז ער אַ גרויסער קערפּער-שילדערער; שטעלט ער פאָר דעם כלל — איז ער אַ טיעפער פּסיכאָלאָג.

די קומענדיגע דורות וועלען זעהען אין איהם אויך דעם קולטור-היסטאָריקער. אַלס קינסטלער איז ער אַ גרויסער בריה אויף קליינע און זיך פערענדיגטע לעבענס-און נאַטור-בילדער; אַלס היסטאָריקער אָבער, ווי אויך אַלס פאָלקספּסיכאָלאָג, גיט ער אונז אַ ברייטעס בילד פונ'ם קולטורעלען און סאָציאַלען לעבען פון דער יודישער מאַסע.

אין זיין גאַנצען שאַפען איז פאַרהאַן עפּיס אַ פערשטעלטקייט, אַ דאָפּעלטקייט; זיין סטיל איז סטיליזאַציע, ער איז זיינער — און ניט זיינער; אינ'ם אינהאַלט שטרייט ביי איהם דאָס מענשליכע מיט דאָס קינסטלערישע, דאָס פּובליציסטישע מיט דאָס בעלעטריסטישע, די סאַטירע מיט'ן הומאָר; אין זיין העלד, אינ'ם יודישען פאָלק, זעהט ער אויך אַ צווייאינקייט: ס'איז אי אַ קליאַטשע, אי אַ פּרינץ... און ער לאַכט און וויינט: לאַכט פון דער מאוסער קליאַטשע און וויינט אויפ'ן גורל פונ'ם אומגליקליכען פּרינץ.

ש. ניגער.

בערן, נאָוועמבער 1910.

ח. נ. ביאַליק

מענדעלי׳ס נוסח

ווײַל מען אָבשאַצען מענדעלי׳ן אין זײַן גאַנצער גרויס אַלס ע ר ש ט ע ר.—איז גענוג צו זאָגען איין קורצען זאַץ, און מיט דעם ווערט געזאָגט אפשר דאָס וויכטיקסטע: מענדעלי האָט אין דער ליטעראַטור געשאַפען „נוסח״*). דאָס הייסט—ער האָט אונז דער ערשטער געגעבען אַ ליטעראַרישען שאַבלאָן.

טײַט ניט מיט דעם פינגער: סטיל, שפּראַך, ריטמוס; טײַטשט ניט אויס: טיפּען, פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע, נאַטור־שילדערונג, לאַנדשאַפט; אודאי איז מענדעלי גרויס אומעטום. ער איז דאָך אומעטום כמעט געווען דער ערשטער. דאָס וויכטיגסטע אָבער, וואָס ער האָט געשאַפען, איז דער יסוד—און אפשר דער סך־הכל—פון זײַן אַלעם: דאָס איז „נוסח״; פשוטער, ליטעראַרישער נוסח.

אַ יודישע ליטעראַטור—מען שמועסט פון שענער, אומשטיינס געזאָגט—האָבען מיר געהאַט אויך ביז דעם זיידען. יודען האָבען, ברוך השם, געשריבען. זיי האָט אָבער געפעהלט דער עיקר: נוסח.

—„ווי איז דאָס מעגליך?—טאַקע אַ שווערע קשיא, איך פרעג אויך. אָט דאָס איז טאַקע די מעשה מיט נוסח. נאָכדעם ווי ער איז געשאַפען, איז טאַקע שווער, כמעט אונמעגליך זיך פאָרצושטעלען: ווי איז עס געווען פ אַ ר איהם, ווי אַזוי איז מען אויסגעקומען אָ ה ן איהם?

*) אין וואָלין רופט מען אזוי די „סקאָרבאָווע״ מאָטיוען און דערפון יעדען אָנגענומענעם דרך.

נוסח גיט דעם קינסטלער ניט נור דעם פעסטען באָדען, אָהן וועלכען ס'איז ניטאָ וואו אַ פוס צו שטעלען; ער גיט איהם אויך לופט און רוים, אָהן וועלכע ס'איז אונמעגליך אַנ'אָטעם צו טהון, זיך בעוועגען, איין שריט מאַכען פאָרווערטס.

יעדער קינסטלער מעג און דאַרף זיך בריה'ן ווי ער וויל, אויף זיין אייגענעם שטייגער—אָבער אַלץ אויף דעם באָדען פון נוסח. אַרויסקריכען פון נוסח טאָר ער ניט. ער וועט דאָס ניט קאָנען—ער זאָל זיך אַפילו שניצען און מאָלען. קריכט ער יאָ אַרויס—איז ער ווי אַ פיש, וואָס שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פון וואַסער.

דאָס אינדיווידועלע שאַפען, דאָס דיפערענצירטע, דאָס פונאַנדערגעגליעדערטע, הויבט זיך ערשט אָן שפּעטער. פריהער מוז זיין נוסח. פריהער מוז געשאַפען ווערען דער נויטיגער ליטעראַרישער שאַבלאָן, אָנגענומענע אַלגעמיין-גילטיגע, גאַנגבאַרע, פעסטגעשטעלטע, קיילעכדיגע „מטבעות".

און דאָס האָט ביז מענדעלי'ן די דאָפּעלטע יודישע ליטעראַטור ניט פערמאָגט. די העברעאישע ליטעראַטור האָט כאָטש פערמאָגט אַ פּסוק, אַנ'אַטמאָספערע פון פּסוקים. ס'ניט אמת, אַז אַ פּסוק טויג לחלוטין ניט. מען דאַרף נור וויסען ווי זיך צו בעגעהן מיט איהם. מען דאַרף נור קאָנען זיך אויסדריקען אין פּסוק. ווערטער, אַלטע גוטע ברידער, פרעהען זיך, ווען זיי בעגעגענען זיך נאָכאַמאָל, נור ביי נייע אומשטענדען. און מיט זיי אינאיינעם פרעהט זיך אויך דער לעזער. דער פּסוק—ווי אַלעס קלאַסישע—איז קאָנסערוואַטיוו, ער איז אָבער דער טאַטע פון נוסח. פיהרענדיג מיט איהם אַ שטענדיגע מלחמה, מוז מען זיך דאָך שטענדיג טאַקע אויף איהם אָנשפּאַרען. די העברעאישע ליטעראַטור האָט אַ פּסוק שבכתב, ליטעראַטורען פון לעבעדיגע שפּראַכען—אַ פּסוק שבעל־פה. דער חלוק איז אָבער ניט אַזוי גרויס ווי מען מיינט.

זי, די יודישע ליטעראַטור, האָט נעביך קיין פּסוק אויך ניט געהאַט. זי האָט צו יענער צייט גאָר ניט פערמאָגט, טאַקע „גאָר־גאָר נישט".

— —

נעהמט אויף „ציקאַוועס” אין דער האַנד אַ „ווערק” פון יענער צייט—איהר וועט דאָס באַלד אַ שמייך טהון צוריק. ווערטער, בלינדע און שטומע ווערטער, בלאָנדזשען דאָרט אַרום ווי גרים. זיי האָבען דאָרט לחלוטין ניט וואָס צו טהון און קאָנען פאַר זיך קיין ארבייט ניט געפינען. האָט זיי דער „פערפאַסער” אַנידערגעלעגט איינס נעבען אַנדערען—ליעגען זיי דאָרט ווי די ליימענע גולמ׳ס, קאַלטע און גלייכגילטיגע. זיי טוליען זיך אַפילו ניט. דאָס איז צופעליגע שכנים, וואָס ועלען אייביג בלייבען ווילד־פרעמדע.

מכח קונסט, מכח שענקייט, מכח אַנ׳אינערליכען, אָרגאַנישען לעבען, איינהייט, גאַנצקייט און מכח נאָך אַזעלכע זאַכען—איז שוין גאָר קיין רייד ניט. אָבער אַפילו יעדעס וואָרט גענומען פאַר זיך, און בפרט יעדער זיווג פון ווערטער, יעדער צוזאַמענזאַץ—צוקריכט עפיס, ווי אַ פוילס און אַ פליסיגעס, אונטער די פינגער. ס׳האָט ניט קיין קיום און קיין ממשות, קיין בלוט און קיין פאַרב; ס׳גלויבט ניט אין זיך אַליין, אין זיין אייגענעם כח, אין זיין אייגענעם היינט און מאָרגען. עפיס קומט דאָס אויס ווי דער „פערפאַסער” זאָל האָבען געשריבען אויף קלעק־פאַפיר.

גענומען האָט זיך דאָס הויפטזעכליך ניט אַזוי פון טאַלענטלאָזיגקייט, ווי פון דעם, וואָס דעמאָלט האָט נאָך די יודישע שפראַך קיין נוסח ניט געהאַט. פשוט גערעדט, ס׳האָט איהר געפעהלט אָט דער איינפאַכער ליטעראַרישער שאַבלאָן, אָהן וועלכען ס׳איז אונמעגליך זיך פאָרצושטעלען אַ ליטעראַטור. אָט דער נויטיגער און וויכטיגער נוסח, וואָס ערשט שפעטער האָט איהם דער זיידע אַליין, מיט אַזוי פיעל קונסט, מיט אַזוי פיעל קראַפט, מיט אַזוי פיעל געדולד און ליעבע געשאַפען פאַר אַלעמען.

אַ קליינינגקייט: ש אַ פ ע ן אַ שאַבלאָן! אַזעלכס פערמאָגט צו בעווייזען נור אַ ריעזען־גייסט. שאַפען אַ נוסח—הייסט אָפטהון אַזוינס, וואָס דאַרף אָפגעטהון ווערען דורך אַ רבים, דורך גאַנצע דורות.

— —

קאָמבינירען אַ פּאַרטיגען שאַבלאָן מעהר אָדער װעניגער געלונגען–איז ניט קײן גרויסע מלאכה, אָבער שאַפען איהם–דאָס שמעקט מיט „מעשה בראשית".

שאַפען פאַר ליטעראַטור אַ נוסח–דאָס הײסט אײן מאָל פאַר אַלע מאָל צו־געבען פעסטע און דויערהאַפטע פאָרמען פאַר די געפיהלען און געדאַנקען פון פאָלק און דערמיט ממילא איהם פערגרינגערן דעם פּראָצעס פון זײ בײדע; דאָס הײסט מיטהעלפען דעם פאָלק צו דענקען און צו פיהלען, דאָס הײסט דיסציפלינירען זײן גײסט, דאָס אונפערמיגע אין איהם פערמיג מאַכען; פון רויהען ערץ גאָלד אַרויסבעקומען, און אין גאַנגבאַרע „מטבעות" צושמעלצען.

און שענקען אַ „נוסח" דעם פאָלק–דאָס הײסט אונבעמערקט אַרײנקריכען דעם פאָלק אין מאַרך אַרײן; שטילערהײד זיך איהם אַרײנבאַקען אין האַרצען, אַרײנגיסען זיך, און אפשר אויף אײביג פערשװאונדען װערען אין זײן נשמה, אַזוי אַז קײן בעל־שם און מכשף זאָל דערנאָך ניט קאָנען אַרויסבעקומען פון דאָרט קײן אײנציג שטיקעלע פון איהם, פון דעם „ערשטען",–חאָטש אַ שטיקעלע פאַר אַ זכר.

דער אמת'ער „עובד מאהבה", שלא על מנת לקבל פרס–איז דעריבער דער, װאָס שאַפט אַ נוסח. זײן „השארת הנפש" איז גאַראַנטירט, אָבער אויף אַן־אַנדער אופן. אַ געװעהנליכער „בשר־ודם" קאָן מיט אַזאַ „עולם־הבא" ניט צופריעדען בלײבען. ער װיל איהם טאַקע אַלײן אָנטאַפען מיט די אײגענע צעהן פינגער...

װאָרום „נוסח" װערט באַלד אַ הפקר־זאַך. ס'איז יעדענס און קײנעמס ניט. דער ערשטער בעל־הבית זײנער האָט ניט איבער איהם אויף אַ האָהר מעהר שליטה װי דער לעצטער בעטלער. נוצט מען דאָס אויס–זאָגט מען דערפאַר קײנעם קײן דאַנק ניט. ס'איז ניטאָ װעמען.

„נוסח"–זאָגען יודען–איז „מסיני"...

נאָכמעהר: װאָס לענגער מען נוצט אויס דעם „נוסח", אַלץ װעניגער לאָזט ער זיך מערקען, אַלץ װעניגער שפּירט

— —

מען זיין אויפטהו, זיין „מאי קמשמע לן". אַזאַ טבע האָט ער שוין: ער איז געגליכען צו אַ וואַנד־זייגער. מען דערהערט איהם—ווען ער שטעלט זיך אָב.

און אָט דאָס שטיקעל אַרבייט האָט אָפּגעטהון דער זיידע.

העכער פופציג יאָהר, אַז דער זיידע מיט די ברילען אויף זיינע שאַרף־שפּיציגע אויגעלעך זיצט אין זיין פאָטער־שטוהל איינגעבויגען איבער האַלבע בויגענס און פּערילט. אַזוי לאַנג—ביז ער האָט פאַר אונז אַלע אויסגעפּערילט אַ שפּראַך, אַ סטיל—אַ ליטעראַטור.

פאַר די פופציג יאָהר האָט ער אפשר ניט קיין סך טינט אויסגענוצט. אָבער קיין איין טראָפּעלע זיינס איז ניט געגאַנגען לאבוד. געשעפּט עמערוויז פון דעם אייביגען שאַפענדען פאָלקס־גייסט, האָט ער דאָס צוריק, זיעבען מאָל אין זיין אייגענעם גייסט געלייטערט, טראָפּענווייז אַריינגעפּערילט אין פאָלק אַריין...

איצט איז אונזער ליטעראַטור פעסט און שטאַרק, אפשר שטאַרקער אַפילו פאַר'ן זיידען. דאָס איז דערפאַר—ווייל דער זיידע האָט זיך אין איהר אַריינגעגאָסען. מיט זיך האָט ער זי געמאַכט שטאַרקער פאַר זיך. מענדעלי מיט נאָך עפּיס—איז מעהר ווי מענדעלי.

און אָט דעם חסד ואמת מיט אונז אַלע וועלען מיר דיר, זיידעניו, אייביג ניט פערגעסען.

יעקב פיכמאַן

מענדעלי מוכר-ספרים

מענדעלי מוכר ספרים

(שטריכען)

I.

ס'איז געווען אַ זומער=פאַרנאַכט. פון דער גרויסער שול=געביידע, אין וועלכער מענדעלי וואָהנט שוין זייט לאַנגע יאָהרען, האָבען זיך איבער'ן לעדיגען הויף געלעגט ברייטע, זיכערע שאָטענס; נאָר אין ביבליאָטעק=צימער, וואו מיר זענען געזעסען, האָט דורך די אָפענע פענסטער נאָך אַריינגעקוקט דער לויטערער דרום=הימעל און אין דער לופט האָט געציטערט דער גאָלדענער שטויב פון די רויטע אָבענד=שטראַלען, וואָס האָבען אונבעמערקט פון איין שראַנק ביכער צום צווייטען איבערגעגליטשט זיך און זיך געלעגט אויף די טאָוולען פון די רייהען גרויסע און קליינע ספרים, וואָס שטעהען אין אַזאַ ליעבער, זאָרגזאַמער אָרדנונג אויסגעשטעלט אין זיי.

געקומען בין איך צו מענדעלי'ן מיט ביאַליק'ן און רבניצקי'ן, וואָס האָבען זיך ניט לאַנג אומגעקעהרט פון ארץ=ישראל און איצט געבראַכט דעם זיידען אייניגע מתנות און אַ גרוס פון דער אַלטער היים. איך בין געזעסען ביי דער זייט און, ניט נעהמענדיג אַליין כמעט קיין שום אַנטהייל אין דעם געשפּרעך, געהאַט די מעגליכקייט צו בעאָבאַכטען מענדעלי'ן אין דער געזעלשאַפט פון אַזאַ אַלטען גוטען פריינד, ווי רבניצקי, און אַזאַ געליעבטען חבר און תלמיד, ווי ביאַליק. איך בין

געווען צופֿריעדען, וואָס איך האָב געקענט זיצען ניט בעמערקט און זיך צוהערען צום קלאַנג פֿון די קולות, וואָס האָבען זיך געטראָגען איבער'ן צימער, און בעזונדערס — צו בעטראַכטען מענדעלי'ס פּנים אין דער צייט, ווען ער האָט אַליין גערעדט אָדער געהערט ביאַליק'ס גוטמוטהיגע אַנעקדאָטען פֿון דער רייזע. ביאַליק האָט דערצעהלט פֿון די צרות, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אויף דער רייזע איבער די רע־דעס און טאָסטען, וואָס זענען אַמין מכּת־מדינה אין ארץ־ישראל.

— אַ קאַלטער שווייס פֿלעג מיך בעשלאָגען — האָט ביאַליק לאַכענדיג דערצעהלט — ווען איך בין געזעסען און געמוזט אויסהערען די לאַנגע אונענדליכע „נאומים" פֿון מיין כּבוד וועגען... און דאָ געה ענטפֿער נאָך אָב אַליין מיט אַ נייעם „אויך" יעדעם מאָל, וויל אויסנו־צען אַ אַלטען האָב איך ניט געקענט איבער מיין מלאך־המות רבניצקי'ן, וואָס האָט מיך שטענדיג געשטאָכען די אויגען...

מענדעלי האָט הערצליך געלאַכט און אָנגעקוואָלען פֿון יעדען וואָרט ביאַליק'ס, נאָר געמאַכט האָט ער זיך כּלומר'שט ברוגז און אַלץ גע'טענה'ט:

— ווען וועל איך שוין זוכה זיין צו הערען אַמאָל אַ וואָרט וועגען ארץ־ישראל גופא? דערצעהלט מיר בעסער פֿון דער מוטער רחל'ס קבר... דעם עיקר פֿערגעסט איהר...

איך געדענק ניט, וואָס ביאַליק האָט איהם דאַן געענטפֿערט. איך געדענק בכלל ווייניג, וואָס האָט מען דעמאָלט גערעדט. דערפֿאַר אָבער געדענק איך גוט, ווי אַזוי מ'האָט גערעדט. אין דעם איז געווען עטוואָס אינטערעסאַנטעס און וויכטיגעס פֿאַר מיר. מיך האָט אינטערעסירט די גאַנצע פֿריידליכע שטימונג, וואָס האָט געהערשט אַרום מיר, דער לע־בעדיגער קלאַנג פֿון די קולות און דער רוהיגער, געלאַסען־זיכערער געלעכטער, וואָס האָט אָבגעטאָנט מיט עפּיס דאָרפֿישעס, אונגעוועהנ־ליך נאַאיוועס... בעזונדערס האָט מיך אינטערעסירט מענדעלי'ס פּנים, אין וועלכען איך האָב זיך ניט אויפֿגעהערט איינצוקוקען. אַזאַ אויסדרוק האָב איך ניט ערוואַרט ביי איהם צו געפֿינען. דאָס דריבנע קול מיט'ן שעלמיש־גוטמוטהיגען שמייכעלע, מיט דעם נאַאיוו־גאַוה'דיגען טאָן און קינדערישען צופֿרידענקייט, ווען ער האָט אָבגעזאָגט עפּיס אַ חכמה'לע אָדער עפּיס איינגעטייטשט אַ פּסוק אויף זיין שטייגער, און דער געמאַכ־טער ערנסטער אויסדרוק, דעמאָלט ווען ער האָט געמיינט דעם גרעס־טען חוזק, איבער אַלעמען — די הנאה, די פֿולע הנאה און נחת,

וואָס ער האָט געקליבען פון אַלסדינג און פון זיך אַליין — דאָס אַלעס האָט מיר געשיינט צו זיין אַזוי פרעמד, אַזוי ניט הארמאָנירענד מיט דעם בילד, וואָס האָט געלעבט לאַנגע יאָהרען אין מיין פאָרשטעלונג, מיט דעם בילד פון דעם אונהיימליכען סאַטיריקער מיט'ן שטענדיגען בע־האַלטענעם, ביטערען רמז, מיט די דינע געדרייטע קנייטשען און פקח'־דיגען שמייכעלע, אין וועלכען עס שטעקט טויזענד רוחות, און מיט'ן קאַלטען, דורכדרינגענדען בליק, וואָס קוקט דורך ברוגז'ע ברילען און דערזעהט אין דיר דוקא דאָס, וואָס דו ווילסט, ער זאָל אין דיר ניט דערזעהען... איך בין דעריבער געווען גענייגט צו רעכענען דעם גאַנ־צען אָבענד פאַר עפּיס צופעליגעס, וואָס געהער זיך גאַנץ ווייניג אָן מיט די גרינדליכע שטריכען פון מענדעלי'ס כאַראַקטער.

און דאָך, יעהענדיג שפּעט אין אָבענד א היים, איז מיר דאָס ערשטע מאָל געקומען אויפ'ן געדאַנק, אַז עס קאָן זיין, איך האָב געהאַט מיין גאַנץ לעבען א פאַלשע פאָרשטעלונג וועגען אונזער גרויסען דיכטער, און דוקא דער אונגעריכטער שטראַהל, וואָס איז היינט אין אָבענד צו־פעליג געפאַלען אויף זיין פערזענליכקייט, זאָל מיר געווען ענטדעקען דאָס וויכטיגסטע, וואָס איך האָב פריהער אין איהם ניט בעמערקט. צווי־שען די פיעלע מענדעלי'ך, קען זיין, האָב איך דעם עכטען אַם ווע־ניגסטען געשעצט. זאָל געווען שולדיג זיין אין דעם דאָס, וואָס איך האָב מענדעלי'ן ניט גענוג ערנסט שטודירט, אָדער אונזער קריטיק, וואָס בע־מערקט שטענדיג אַלע קנייטשעלעך פונ'ם דיכטער'ס פּנים, נאָר ניט דאָס פּנים אַליין, — נאָר איך האָב גענומען לעזען מענדעלי'ן מיט א גאַנץ אַנדערען קוק.

און נאָר ערשט ניט לאַנג, נאָכדעם אַז איך האָב איבערגעלייענט די מייסטערישע קאַפּיטלעך פון לעצטען גרויסען ווערק מענדעלי'ס „שלמה ר' חיים'ס" (העברעאיש: „בימים ה), האָב איך אין קליי־נעם שלמה'לען דערקענט דעם איצטיגען 75־יעהריגען ליכטיגען אַלטען מיט דער גרויסער ליעבע צום לעבען און אויך צו די פּנימות פון לעבען, מיט'ן אויסערליכען ברוגז'ן אויסדרוק פון א בעשולדיגער און מיט'ן אינערליכען בעהאַלטענעם טרויער פונ'ם אַלפערגעבענדען דיכטער, און פערגלייכענדיג די פערשיעדענע אויסגאַבען פון די גרעס־טע טהייל פון זיינע ווערק מיט זייערע אונצעהליגע אויסבעסערונגען און קינסטלערישע לייטערונגען, איז מיר אַלץ קלאָרער געוואָרען, א

דער גרויסער ענטוויקלונגס־גאנג, וואס מענדעלי האט דורכגעמאכט אין זיין לאנגען שענעם לעבען, איז געווען דער וועג צו דער ריינער קינסט־לערישער אויפפאסונג פונ׳ם לעבען — דער וועג פון בעפרייאונג. זיין גאנץ לעבען האט ער געווארפען פון זיך א פעקיל נאך א פעקיל דעם שווערען גלות־באלאסט, אין א רייהע פון לאנגע יאהרען האט ער זיינע אויגען געלערנט צו זעהן דורך דעם געדיכטען נעבעל, וואס איז געלעגען אויסגעשפרייט פאר זיי, דאס אייביג־שטראהלענדע, דאס שטענ־דיג־בליהענדע און שטענדיג־טרייסטענדע, וואס דאס לעבען, יעדער לעבען, מוז האלטען אין זיך פערבארגען. ווי א פארצייטיגער נזיר האט ער אין דער שטילקייט פון זיין געצעלט יאהרענלאנג אבגעריכט זיינע תפלות און זיך געהיים גערייניגט און געלייטערט, און נאר אויף דער עלטער, ווען דער שענער קאפ האט זיך שוין אנגעהויבען צו בויגען אונטער דעם לאסט פון זעהונגען און די אויגען האבען שוין געקוקט דורך די גאלדענע נעטץ פון געלייטערטע זכרונות, — האט אם ענדע דער גרויסער קינסטלער אין איהם אבגעהאלטען זיין פאלשטענדיגען נצחון און די פערגעסענע קינדהייט זיינע האט אויפגעלעבט אין א רייהע פון ריין־עפישע בילדער, בעגאסען מיט׳ן צארטען קיהלען שיין פון די ערשטע מארגען־שטראהלען.

II.

דער גרעסטער אונגליק איז ניט נאר דאס, וואס מיר לעזען מענדעלי׳ן פערהעלטניסמעסיג זעהר וועניג, וועהרענד איהם מוז מען ווי יעדען גרויסען אריגינעלען קינסטלער, לאנג און מיט גרויסער ליעבע שטודירען, אום ער זאל זיך פאר אונז ענטדעקען מיט זיין גאנצער שענקייט און טיעפקייט. שלעכט איז אויך דאס, וואס אין אונזער פאר־שטעלונג לעבען עטליכע געשטאלטען פון מענדעלי׳ן, יעדערער מיט זיין בעזונדערער פיזיאגאמיע. מענדעלי דער פובליציסט, דער סאטיריקער, דער קריטיקער — די אלע פערנעהמען געוויס א גרויס ארט אין זיין שאפען. דאס אידעאל אבער אין מענדעלי׳ן, זיין שטרעבונגס־ציעל

און זיין טיעפסטער און עכטעסטער אינהאַלט ליעגט **אויסער** דעם אַלעמען. און איבער די יסודות, מיט וועלכע מענדעלי האָט זיך שטענדיג בעוואוסטזיניג, און נאָך מעהר אונבעוואוסטזיניג, געראַנגעלט, קענען מיר דעם אמת׳ן מענדעלי׳ן אָפטמאָל ניט אַרויסזעהען. אום ריכטיג אָבצושאַצען דאָס ווירקליך גרויסע, וואָס מענדעלי פערמאָגט, וואָלט ניט געשאַדט, מיר זאָלען אַ ביסעל פערגעסען די אַלע מענדעלי׳ך, וואָס האָבען גערינגט דעם ווירקליכען מענדעלי נאָר אַלס עטאַפּען, און איהם אַ מינוט בעטראַכטען אַ פרייען, העל-בעלויכטענעם. ווען ער שטעהט שוין פאַר אונז אין זיין גאַנצער קינסטלערישער הויך, — ווען ער איז שוין דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זיין, וואָס ער האָט געשטרעבט צו זיין.

און דאַן וועלען מיר זעהן אין מענדעלי׳ן פריהער פאַר אַלסדינג דעם גרויסען **עפּישען** קינסטלער. דאַן וועט מיט אַמאָל פערשווינדען דער צובראָכענער יוד, וואָס קוקט דורך צוועלף פּאָר ברילען אויף אַלסדינג, און איז שטענדיג פול מיט טענות צום רבונו-של-עולם און צום פאָלק ישראל און צו די אומות-עולם, און פאַר אונזערע אויגען וועט ערשיינען יענער ליעבער גוטמוטהיגער אַלטער מיט די גוטע אויגען און דעם געלאַסענעם געלעכטער, וואָס איך האָב יענעם אָבענד אַזוי אונגעריכט ענטדעקט.

איך ווייס גוט, אַז אין מענדעלי׳ס כאַראַקטער זענען דאָ פיעלע שטריכען, וואָס זענען דער היפך פון עפּיק. איהם פעהלט אָפט דאָס אונמיטעלבאַרע, וואָס אָהן דעם קען קיין עפּישע קונסט ניט געמאָלט זיין. זיין קינסטלערישער בליק איז צו אַ שאַרפער און מאַכט טיעפע קאַרבען אפילו דאָרט, וואו ער איז זיך מתכוון נאָר אַ לייכטען גלעט צו טהון. איך פערגעס ניט אויף אַ רגע די בייסענדע סאַטירע פון „דער קליאַטשע״, די געזעלשאַפטליך-טענדענציעזע „טאַקסע״ און דאָס מאָראַל-געפאַרבטע „קליין מענשעלי״, און ווייס גוט, אַז **בעוואוסטזיניג** איז אפשר מענדעלי שטענדיג געווען אַ טענדענציעזער קינסטלער, אַ מענש מיט אַ לויטערן מוח און אַ שאַרפער ראיה, וואָס האָט ניט געקענט שוין רוהיג קוקען אויף גאָט׳ס וועלט, איינמאָל ווייסענדיג, וואָס פאַר אַ שענע לייט זי פערמאָגט. מענדעלי איז אַ **יודישער** קינסטלער, דאָס הייסט — דער **ניכטערסטער** גייסט, וואָס מעהר וויפיעל ער וויל ניט, קען ער זיך ניט אָבנאַרען, ווייל ער האָט צו ליכטיגע אויגען

און צו אַ וואַכענדען פערשטאַנד דערצו. די עפּיק פון אַ מענדעלי און די עפּיק פון אַ געטהע קענען ניט זיין פון איין געוואַנד געשניטען. איבע־ריגענס, איז דאָס ביים געניאַלען דייטשען דיכטער אויך ניט אַזוי פּראָסט, ווי אַנדערע מיינען. אויך די מאַיעסטעטיש־האַרמאָנישע נשמה פון געטהע׳ן איז פריהער דורכגעגאַנגען דאָס גרויסע לייטערונגס־פייער ביז זי איז אַרויס אויף דאָס פרייע. נאָר יענע, וואָס ווייסען די פינסטערע נאַכט־קאָשמאַרען, בענשט דאָס ווייסע ליכט פון דעם מאָרגענשטערן. איידער עס ווערען געשאַפען די ריינע טענער פון אַ „הערמאַן אונד דאָראָטהעאַ" געהט מען פריהער דורך דעם געדיכטען נעבעל פון „ווערטהערס ליידען" און ערדרייבענדיג די גרויסע פאַנטעאַיסטישע האַרמאָניטעט פערגעסט מען ניט די פיינליכע שלאָפלאָזע נעכט פון פויסט׳ן...

מענדעלי האָט געוויס ניט געקענט דערגרייכען די „גרויסע רוהע" פון אַ געטהע. מענדעלי איז דאָך ניט מעהר, ווי אַ קראַנקער יוד, וואָס האָט זיך אָנגעזעהן אויף זיין לעבען אַזוי פיעל צרות און וועהטאָגען, וואָס האָבען געקענט די שטאַרקסטע נשמה צוברעכען אויף טויזענד ברעך, און ווען מיר זעהען, אַז טראָץ דעם אַלעמען, אַז אַלץ העכער און פעסטער האָט געציטערט איבער זיין קאָפּ די ליכטיגע פאָהן פון זיין פּאָעזיע, דאַן מוזען מיר גלויבען, אַז די נשמה פון דיכטער פער־מאָגט אין זיך עטוואָס ריעזיגעס און ערגיץ טיעף־בעהאַלטען אין איהר שפּרודעלט יענץ לויטערע געהעיימניספולע וואַסערל, וואָס לייטערט אַלסדינג און לאָזט ניט פאַלען אויף איהר דעם שטויב, וואָס בעגלייט אַלע ערשיינונגען פונ׳ם לעבען.

יאָ, מענדעלי׳ס גייסט איז אַ ניכטערער, און ער האָט אַ זעלטען געפיהל פאַר דאָס רעאַלע. דאָס מאַכט צומאָל קאַליע די האַרמאָנישע איינהייט און צוברעקעלט דאָס גאַנצע אָהן רחמנות. אונבעוואוסטזיניג איז אָבער מענדעלי פריהער פון אַלץ אַ קינסטלער, און אַלסדינג, וואָס זיין קלאָר אויג האָט אין זיך איינגעזאַפּט פון קינדוויס אָן, פון די גרעסטע ער־שיינונגען ביז די קלענסטע בילדערישע איינצעלהייטען, היט ער אין זיין נשמה, ווי טהייערע אונשאַצבאַרע אוצרות. אַלסדינג, וואָס זיין אויג האָט איין מאָל פערכאַפּט, איז געוואָרען זיין אייגענטהום אויף אייביג, וויל ער האָט עס געזעהן, און עס איז געוואָרען דאַריבער אַ חלק פון זיין לעבען. עס איז דערפאַר, ווייל אין גרונד איז מענדעלי אַ עפּיקער.

מענדעלי האָט פיינד דאָס שטענדיג יום-טוב'דיגע, און פיהלט זיך [illegible] בעסער, ווען ער מאָלט דאָס געוועהנליכע, דאָס אַלטעגליכע. [illegible] אָבער פיהלט אויך דער לעזער דאָס זיכערע אין מענדעלי'ס [illegible]. מענדעלי פערליערט זיך ניט, ווי פיעלע אַנדערע, ווען ער [illegible]דעקט דאָס אונגעריכטע שענע אין דער יודישער גאַס, און ווערט [illegible] פער'שכור'ט פון התפעלות. אין מענדעלי'ס ביכער פיהלט איהר [illegible]עם גרויסען אמת. איהר טרינקט אויס דעם גאַנצען בעכער פון גיפט ביז איהר קומט צו די עטליכע טראָפּענס פון נחמה. די נעצעהלטע טראָפּענס זענען אָבער דער ריינער תמצית, דאָס ניט-געפעלשטע און ניט-בעפוצטע. מענדעלי האָט בכלל פיינד דאָס בעפוצען. ער פערמאָגט, פערקעהרט, אין זיך די דרייסטיגקייט פון די גרויסע אַנטיטשנע קינסטלער זיך אָבצושטעלען אויף אַזוינע „געפעהרליכע" זאַכען, וואָס אַנדערע האָבען ליעב מבליע בנעימה זיין אפילו אין אַ אינטימען געשפּרעך... עס איז ניט אויס ליעבע צום וואולגאַרען, נאָר דערפאַר ווייל מענדעלי האָט װעניגער אמונה אין די „חויבע מאַטעריעס", און וואָס נידריגער [illegible] דער ערד, אַלץ מעהרער פיהלט ער דעם אונמיטעלבאַרען אמת פון [illegible]עם לעבען. עס איז די גרויסע זיכערהייט פון דעם קינסט-לער, וואָס ער האָט ניט מורא פאַר קיין „גראָבע" עלעמענטען, [illegible] איז די קראַפט פונ'ם אמת, וואָס מאַכט איהם אַזוי דרייסט [illegible] מטפל צו זיין מיט אַזוינע זאַכען, וואָס אַנדערע קינסטלער [illegible] זייער „פיינעם חוש", וועלען ניט וואַגען קיינמאָל זיך אפילו צו-[illegible] [illegible]...

[illegible] דאָס געפיהל פאַר אַלע ערשיינונגען פון לעבען, ניט מאַכענדיג קיין אונטערשיעד צווישען „שענעם" און „מיאוס'ן", איז דאָס, וואָס בעווייזט, אַז מענדעלי איז בעצם דער ערשטער און גרעסטער [illegible]יקער, וואָס אונזער פאָעזיע פערמאָגט. לאָז זיין, אַז דאָס מאָראַלישע געפיהל איז אין איהם צו וואַכענד פאַר איין עפיקער. עס איז אָבער נאָך ניט דאָס וויכטיגסטע. ווען מיר געפינען אין אַ קינסטלער אַזאַ ברייט-אומפאַסענדען און גלייכען אינטערעס פאַר דאָס קלענסטע, ווי פאַר דאָס גרעסטע, דאַן ווייסען מיר זיכער, אַז מיר האָבען צוטהון מיט אַ טיעף-עפישע נאַטור. ווייל עפיקער איז דער, וואָס זעהט אין קליינעם דאָס גראַנדיעזע, וואָס פיהלט אין דער קוימבעמערקטער בעוועגונג דעם אייביגען ציטער פון דעם קאָסמאָס.

יאָ, מענדעלי, אָט דער „יהודי שביהודים", ווי ער אַליין רופט

ד, וואָס איז אַרויסגעקומען צו אונז פון די ענגסטע געהעטאָ-וואָהנונגען און האָט דורכגעלעבט די קאַלטע איינזאַמקייט און אָבגעריסענקייט פונ'ם פאָלק פון דער השכלה-עפּאָכע, — ער האָט ביז היינטיגען טאָג דאָס קלאָרסטע אויג, וואָס קלויבט נחת פון אַלץ, וואָס עס פּאַסט אויף דאָס ליכט און די שאָטענס מיט דער זעלבער ליעבע פון אַ דיכטער, ווען אויך ניט שטענדיג מיט דער זעלבער גלייכגילטיגקייט פון אַ קינסטלער... ניט נאָר פרישמאַן, וואָס זעהט אַלסדינג אין דער שענער ווייטקייט און זיין אויג ווערט באַלד פערהילט מיט די לויטערע נעבּלען פון לירישען דראַנג, און פּרץ, וואָס קניעט באַלד מיט עהרפורכט פאַר יעדע גייסטיגע גרויסקייט, וואָס ער ענטדעקט אין דער נשמה פון פאָלק, — נאָר אפילו ביאַליק, וואָס האָט אין זיך איינגעזאַפּט אַלע פאַרבען און אַלע קלאַנגען, — אויך ער האָט ניט אַזאַ לויטער אויג, אויך ער פערמאָגט ניט אַזאַ גרויסע רוהיגקייט זיך אָבצושטעלען לענגער אויף די וואָכעדיגע זייטען פונ'ם לעבען און זיי בּעגיסען מיט יענעם וואַרימען ליכט, וואָס ליעגט ניט אַזוי אין דעם אויסגעמאָלטען לעבען, ווי אין רייכען געבענשטען גייסט פונ'ם מאַלער אַליין. ביאַליק איז פאָרט הויפּטזעכליך אַ ליריקער און איבער'ן בילד מוז פלאַטערן גאָט'ס גייסט, אום ער זאָל קריגען התפּעלות פון דעם, וואָס ער זעהט. אפילו די זעלטענע מינוטען פון ביאַליק'ס רוהע זענען ניט מעהר ווי די רוהע פון אַ דרימלענדיגען לייב, וואָס שפּירט אויך אין שלאָף דאָס לאָקערן פונ'ם נאָהענטען פיינד — דעם יאוש... אין מענדעלי'ס קונסט לויפט אָפט דורך אַ קאַלטער ציטער. עס איז אָבער מעהרסטענטהייל ניט מעהר ווי אַ ליעב ביסעל לעבענס-פילאָזאָפיע, צומאָל אַ ביסעל נאַאיווע חקרנות, וואָס ענטהאַלט אין זיך אויך אַ אייגענאַרטיגען עפּישען עלעמענט. לאָז זיין עס איז נאָך ניט די ליעבע חקרנות פון אייזיק דעם שמיד אין „שלמה ר' חיים'ס“ מיט איהר עכט אידילישער פּראָסטקייט און ליעבער הומאָריסטישער אויבערפלעכליכקייט. ביי מענדעלי'ן איז אָפט דאָ איבערגעשפּיצטקייט, צומאָל פערביסענער האַס. אין אַלגעמיינעם אָבער רייסען זיי ניט איבער די דינע גאָלדענע פעדים פון דער ברייטער עפּישער מאַלעריי. אויף די גרויסע בילדער פון מענדעלי'ס אונשטערבּליכע ווערק: „פישקע דער קרומער“, „דאָס ווינשפינגערל“, „מסעות בנימין השלישי“ און, בעזונדערס, „שלמה ר' חיים'ס“, ליעגט אויסגעגאָסען דער גלייכער, רוהיגער גלאַנץ פון דעם מיטטאָג-הימעל. און די זעלטענע איבערלויפענדע שאָטענס זענען נאָר דער ווייכער אָבשיין פון די ווייטע האַלב-צוגאַנגענע וואָלקענס.

III.

מיר זענען געוואָהנט צו רעכענען מענדעלי׳ן פאַר׳ן ערשטען גרונדלעגער פון דעם רעאַליזמוס אין אונזער ליטעראַטור, פונקט ווי פרץ׳ן — פאַר׳ן שעפער פון דער פאָלקסטימליכער ראָמאַנטיק, און פרישמאַנ׳ען — פאַר דעם ערשטען, וואָס האָט געשטרעבט צו רײנער ליריק. די וואָס בעהויפּטען עס, האָבען געווים קײן טעות ניט. אין מענדעלי׳ן האָט די רעאַליסטישע שולע געווים איהר ערשטען און גרעסטען פאָרשטעהער. נאָר מענדעלי איז פאָרט קײן רעאַליסט ניט אין דעם זינען, ווי מיר זענען געוואָהנט אויסצוטײטשען דאָס וואָרט. אין מענדעלי׳ס וועלט-אויפפאַסונג איז נישטאָ קײן סימן פון דער נאַטוראַליסטישער בעציהונג צום מענשען מיט איהר קאַלטען אויסרעכנונג און איהר אונגלויבען אין דער אײביגער קראַפט און שענקײט פון זײן געטליכען גײסט. מענדעלי׳ס קינסטלערישע מאַניערען זענען געווים רײן-רעאַליסטישע. זײן קינסטלערישע לעבענס-אויפפאַסונג איז אָבער *אַהויך-אידעאַליסטישע*. זײן רעאַליסטיש הײסט איגנאָרירען דעם מענשען אין זײנע אילוזיעס, אָבּרײסען מיט אַכזריות די שטראַהלען-קרוין פון זײן קאָפּ. זײן רעאַליסטיש הײסט אַלזאָ זעהען דעם מענשען *קלענער*, געמײנער, ווי ער איז אין דער ווירקליכקײט, ווײל דער מענש איז שטענדיג גרעסער אַלס ער ערשײנט פאַר אונז אין דער אַלטעגליכקײט. מענדעלי איז צופיעל יוד, ער זאָל ניט שפּירען אין מענשען דעם אָבּגלאַנץ פון דעם געטליכען, וואָס אין איהם. מענדעלי האָט ליעב דאָס געוועהנליכע אין *אויסערליכען* לעבען. די נשמה אָבער, ווײסט ער, פערמאָגט שטענדיג אין זיך ערגיץ פערבאָרגענע קוואַלען, פון וועלכע זי ווײסט אָפט אַלײן ניט. אין איהר זענען שטענדיג דאָ אַלע מעגליכקײטען. מענדעלי, מיט זײן גאַנצער ליעבשאַפט צום געוועהנליכען, גלויבט דאָך אין אונגעוועהנליכען און הערט ניט אויף, ווי זײן ליעב הערשעלי, צו וואַרטען אויפ׳ן ווינשפינגעריל... זײן קינסטלעריש אויג רוהט אָב אויפ׳ן אַלטעגליכען; דער דיכטער אין איהם אָבער פיהלט,

אַז ניט דאָס אַלטעגליכע איז די אמת'ע ווירקליכקייט, דער „מהות" איהרער. מענדעלי ווייסט, אַז ס'זענען דאָ זאַכען, וואָס קומען פאַר טאָג־טעגליך, און דאָך זענען זיי דאָס צופעליגע, ווערהענד דאָס וואָס קומט פאַר אַם זעלטענסטען איז דער עצם, דער עיקר־פונקט פון די טויזענטער איבערגעהענדיגע זאַכען.

די גרעסטע טהייל פון מענדעלי'ס פאַרשוינען, די דערשלאָגענע, געפּייניגטע און אונשולדיגע נפשות, וועלכע דער קינסטלער בעשיצט מיט זיין ליעבע און רחמנות, און העלפט זיי אין אַ גרויסער נויט, ווען מען קען ניט אויספיהרען אַנדערש, אויך בדרך נס, דערצעהלען אונז וועגען מענדעלי'ס בעהאַלטענעם אידעאַליזמוס. רעאַליסטען גלויבען אין קיין נסים ניט...

מענדעלי איז ניט קיין רעאַליסט, נאָר אַ עפּיקער, ביי וועלכען דאָס געוועהנליכע און אונגעוועהנליכע זענען גלייך נאַטירליך, ווייל דאָס, וואָס טרעפט זיך אַלע טאָג, און דאָס — וואָס איין מאָל אין טויזענד יאָהר, זענען ביי איהם גלייך וויכטיג. ביים עכטען עפּיקער ווערט אויך דאָס פאַנטאַסטישע — ווירקליכקייט, ווייל אין זיין בעוואונדערונג און פרייד איבער אַלעם ווערט אויך די גרויסע לעגענדע פערוואַנדעלט אין אַלטעגליכע מעגליכקייט.

מענדעלי קען ניט הייסען קיין רעאַליסט אויך דערפאַר, ווייל אין זיינע ווערק בעמערקען מיר ניט קיין נאַטירליכע ענטוויקלונג פון דעם ספּור־המעשה. עס איז שוין לאַנג אָנגעוויזען, אַז כמעט אַלע ווערק פון מענדעלי מוכר־ספרים ווייסען ניט פון קיין קאָמפּאָזיציאָן צו זאָגען. נאָר דאָס אוננאַטירליכע פאַר אַ רעאַליסט איז זעהר נאַטירליך פאַר אַ עפּישען דיכטער, וואָס זוכט ניט קיין פערבינדונג צווישען די לעבענס־ערשיינונגען. ווייל אַ אמת־עפּיקער הייסט יענער קינסטלער, וואָס זעהט שטענדיג דעם קשר פון פערשיעדענע זאַכען, דעם צוזאַמענהאַנג פון די צושיידטע ערשיינונגען אפילו אין זייער צופעליגקייט. עפּישע קונסט הייסט דער אויסדרוק פון פרייד און גליק איבער אַלסדינג, וואָס דאָס אויג זעהט און דער אויער הערט — איבער אַלסדינג, וואָס עס בעגעגענט אונז אינ'ם לעבען און אין דער נאַטור; עס הייסט די אויפפאַסונג פון דעם פיעל־פאַרביגען, איבער וועלכען עס איז אויסגעגאָסען איין ליכטיגע זון, וואָס מאַכט ווייכער די קאָנטראַסטען און פעראייניגט דאָס אונפעראייניגליכע. דאָס לעבען איז פול מיט סתירות. אין דעם מענשען'ס פרייע נשמה אָבער ווערט צוגענומען זיי־

ער ביטערקייט. אין איהר פערזאייניגט זיך דער טאָג און די נאַכט, דאָס
ליכט און די שאָטענס, און זי שאַפט אַ איבערגאַנגס-בריך אַפילו צווישען
זיסען לעבען און אונטרייסטליכען טויט.

אָט די עפּישע איינהייט פון דעם צופעליגען געפין איך
אין די גרויסע קינסטלערישע ווערק פון מענדעלי מוכר=ספרים. זי איז
שוין שאַרף אויסגעדריקט אין „פישקע דער קרומער״ — אין דער מאַלערי=
שער זאַמלונג פון סטעפּ=פייזאַזשען, דאָרף=בילדער און אונגעריכטע בע=
געגנישען, בעשרייבונגען, ערצעהלונגען און אותיות ומופתים, וואָס
געהען דורך פאַר אונז פערפּלאָנטערט און פערדרייט, אָהן
אַ שום אויסערליכען פּלאַן, כמעט אָהן אַ פאַבול, און דאָך אינער=
ליך עפּיש פעראייניגט און פול מיט האַרמאָניע. איהר פרעגט ניט דעם
קינסטלער, וואוהין ער פיהרט אייך, וואָס איז ער אַייך אויסען צו דער=
צעהלען, נאָר איהר געהט איהם נאָך אַ בעצויבערטער פון גאָטס וועלט
איבער פעלדער און וועלדער, איבער דערפער און וועגען און קלויבט
נחת פון אַלסדינג, וואָס איהר בעגעגענט — זאָל עס זיין אַ אַלטער
יקנה״ז, אָט דער גלות׳דיג דערשלאָגענער יוד מיט׳ן שווערען האַרץ און
מיט די פעראומערטע געדאַנקען וועגען זיינע שלעכטע געשעפטען און
דערוואַקסענע טאָכטער, — דער יוד, וואָס קען שוין גאָר ניט בעגריי=
פען, ווי האָט עס אַ יוד הנאה פון גאָטס שענער וועלט, נאָר וואָס ווערט
אונז אַלץ נעהענטער און ליעבער, וואָס מעהרער ער דערצעהלט וועגען
זיינע שלימזל׳דיגע, לעכערליכע געשעפטען; זאָל עס זיין ר׳ מענדעלי
אַליין, אָט דער גאָלדענער טיפּ פון דעם גלות׳דיגען און פרייען יודען
צוזאַמען, וואָס פערשטעהט אַלסדינג און נעהמט אָן אַלעם פאַר ליעב
און איז זיך שטעהנדיג פאַרטיג אָנצונעהמען אַ יודענ׳ס קריוודע און איז
פאָרט גרייט זיך איבערצובעטען מיט׳ן רבונו=של=עולם פאַר אַ מינדסט
ליעב ווינטעלע אין אַ הייסען טאָג, פאַר אַ שמעקענדיג גרעזעלע, וואָס
דערקוויקט די נשמה; זאָל עס זיין אַפילו חיים=חנא, וואָס רעדט און בע=
לעקט זיך און ווערט אויסנעריסען ביי זיין וויב חיה=טריינא׳ן אויף וואָס
די וועלט שטעהט — פאַר זיי אַלע פרעהט איהר זיך, און זענט פול
מיט דאַנקבאַרקייט פאַר אַלסדינג, וואָס גאָט האָט בעשאַפען, פאַר אַלע
זיינע ר׳ אַלטער׳ס און חיי=טריינא׳ס און חיים=חנא׳ס, וואָס פילען אָן די
ערד און שאַפען איהר פיעלפאַרביגקייט און מאַכען היימליכער דאָס
לעבען אויף איהר, ווייל ביי זיי אַלע איז דאָס לעבען — ווי אויסגעריי=
סען זיי זאָלען ניט ווערען — דאָס וויכטיגע און טהייערע, פאַר וועל=

בען זיי זענען פערטיג אַלעס איבערצוטראָגען, אַבי זיך ניט שיידען דערמיט. איהר לערנט זיך ביי די קליינע מענשעלעך ליעב צו האָבען דאָס לעבען, צו האָבען רעספּעקט דערפאַר...

ריין-עפּישע ווערק זענען אויך „שלמה ר׳ חיים׳ס״, „מסעות בנימין השלישי״ און אַפילו אין „ווינשפינגערל״, וואו דער קינסטלער האָט אונז שוין געוואָלט ווייזען דעם איבערגאַנג פון איין דור צום צווייטען, דעם צוזאַמענהאַנג פון צוויי עפּאָכעס, זענען אויך די לעבעדיגסטע פיגורען אַר׳ אברהם און אַרייזע די בעל-אַכסניא׳טע און ניט די משכילים. און אַפילו הערשעלע אַליין איז אונז אויך ליעבער און פערשטענדליבער כל זמן ער שטעהט נאָך אין די גרענעצען פון׳ם אַלטען עפּיש-געמאָלטען לעבען. אַלס „אַרויסגעהער פון דעם געהעטא״ געהט ער דורך ווי אַ שאָטען פאַר אונז. מענדעלי, אַלס קינסטלער, האָט ליעב דאָס צייטיגע דאָס פערענדיגטע, — דאָס, וואָס לאָזט זיך עפּיש בעמאָלען.

אין מענדעלי׳ס גרויסע ווערק פעהלט די פאַבול, ווייל דאָס זענען נאָר עפּישע פּאָעמאַס, וואו די אַלגעמיינע פאַבול שפּיעלט די קלענסטע ראָל, און דער עיקר בעשטעהט אין די רייכע פאַרבען און בילדער, וואָס פיהרען אונז אַריין אין אַ לעבען, וואָס צייכענט זיך אויס מיט אינערליכע איינהייט און גאַנצקייט, ווייל יעדע עפּיק איז אינערליכע איינהייט און אויסערליכע ערבוביה.

IV

מענדעלי האָט זעהר יונג פערלאָזען זיין היים, די ליטא, און לאַנג געוואַנדערט איבער וואָהלין און איבער אַנדערע דרום-געגענדען. דאָס האָט אָהן אַ שום ספק געהאַט די גרעסטע ווירקונג אויף זיין קינסטלערישע ענטוויקלונג. די שאַרפע קאָנטראַסטען פון די צוויי וועלטען האָבען געדאַרפט פיעלעס וועקען אין דער נשמה פון יונגען דיכטער, וואָס האָט ווי אַ שוואָם איינגעזאַפּט אין זיך אַלע נייע איינדריקע. פון איין זייט די ניכטערע ליטא מיט איהרע שפּיצקעפּיגע תלמידי-חכמים, מיט

איהר טרוקענעם בוך-וויץ און רויהער אָרימקייט — דאָס לאַנד אָהן וואַנדער און אָהן לעגענדען, וואו פּאָעזיע האָט געהייסען חקירה און גראַמען, און די פאַנטאַזיע האָט מיט אָבגעשניטענע פליגעל געשפּרונגען צוויי איילען איבער דער ערד; און פון דער צווייטער — דאָס אַ ביסעל פערגרעבטע וואָהלין מיט די פוילערע מוחות, נאָר פרישערע הערצער, מיט דעם זאַפטיגען, ניט-טיעפען הומאָר און פריעדליכע זאַטקייט — דאָס לאַנד פון די שענע לעגענדען און יונגער פאַנטאַזיע, וואו עפּיס האָט שטיל געזיבט זיך און געוואַקסען און געוואַרט אויפ'ן נייעם... די צוויי פערשיעדענע וועלטען, וואָס האָבען זיך אַזוי זעלטזאַם פעראייניגט אין מענדעלי'ס פּערזענליכקייט, האָבען איהם אונגעהויער בערייכערט אַלס דיכטער, און עס איז אונז שווער איצט זיך פאָרצושטעלען אונזער גרויסען קינסטלער אַלס געבירטיגען פון דער ליטא אַליין אָדער פון וואָהלין אַליין — אַזוי ענג האָבען זיך אין איהם צונויפגעפלאָכטען די וואָרצלען פון זיי ביידען, אַז עס איז אויסגעוואַקסען אַיין בוים, וואָס האָט מיט זיינע ברייטע צווייגען זיך צושפּרייט ווייט איבער זייערע גרעניצען.

פון דער היימישער ליטא האָט מענדעלי מיטגעבראַכט דעם שאַרפען מוח מיט דעם חשק צו בילדונג און צו גרינדליכען וויסען, מיט דער ליעבע צום קאָנקרעטען, צום ליכטיגען און פערשטענדליכען; נאָר קומענדיג אַ פער'חלומ'טער בחור מיט אַ רייכען דמיון און געזונדטע, דאָרשטיגע חושים אין די דרום-געגענדען מיט די לויטערע הימלען און די דונקלע פּאָלקסמאַסען, וואו ס'איז נאָך געווען אַזוי פיעל תמימות און ריהרענדע, הארציגע פּאָעזיע, דערזעהענדיג פאַר זיך דאָס העל-פאַרביגע סטעפּ-לאַנד מיט די פריעדליכע דערפער און מגושמ'דיגע, נאָר גוטהערציגע רינדאַרעס, האָט זיך דער פערטרוימטער ליטווישער הימעל ווי פערבאָרגען פאַר איהם און די שווערע בילדער זענען פער-גאָסען געוואָרען, און דאָס נייע לעבען, אפילו די נייע שפּראַך, האָבען אינגאַנצען פערשלונגען אין זיך דאָס פרעמדע עלענדע בחור'ל, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט אַזוי פיעל חלומות אין הארצען, און נאָר ערגיץ בעהאַלטען האָט ניט אויפגעהערט צו לעבען אין איהם דער שטרענגער ליטוואַק מיט דעם טרוקענעם שמייכעל, וואָס האָט זיך ניט געוואָלט צובליהען פריי איבער'ן גאַנצען פנים, מיט זיינע פערעלטערטע תביעות צו זיך און צו דער וועלט. און ווען ער פלעגט נעהמען די לייצעס אין האַנד, פלעגט ווי אַ קאַלטער ווינד איבערגעהן דאָס שאַ-פונגס-פעלד פון מענדעלי מוכר-ספרים...

וואָס מעהר דער קינסטלערישער גענוס איז געוואַקסען און קרעפטיגער געוואָרען אין מענדעלי׳ן, אַלץ מעהר האָט אין זיין שאַפונג געזיעגט דער וואָהלינער יסוד. זיינע פּראָסטע, תמימות׳דיגע טיפען זע־נען די געלינגענסטע און זענען אַלע געשילדערט מיט יענער טיעפער ליעבע, וואָס די גרויסע קינסטלער קענען שטענדיג אַזוי קלוג בעהאַל־טען פון זייטיגע אויגען און זי זאָל דאָך זיך פיהלען אין יעדען שטריך זייערען. דער ליטווישער יסוד האָט אָבער דאָ אויך געהאַט אַ ווירקונג צו גוטען אויף מענדעלי׳ס קינסטלערישען טאַלאַנט: ער האָט איהם בעהיט פון סענטימענטאַליטעט און איבערפליסיגען ליריזמוס. מענדעלי בעזיעגט ניט, ווי אַנדערע, זיינע העלדען. ער מאַלט זיי. ער לאָזט זיי לעבען און טהוען, ווי זייער האַרץ געלוסט. ער קוקט זיך נאָר איין פון וויטען. ער האָט גענוג לאָגישע בעציהונג צו זיי, אום צו קענען גלייכגילטיג צוזעהן, ווען זיי האַנדלען צומאָל ניט לויט זיין רצון...

אַדאַנק די צוויי איינענשאַפטען איז מענדעלי דער גרעסטער, זעלטען ווען איבערגעשטיגענער, פּייזאַזשען־מאַלער, וואָס אונזער ליטעראַטור פערמאָגט. מיר האָבען היינט אַפילו מעהרערע דיכטער, וואָס זענען שוין אימשטאַנד ניט נאָר צו בעזינגען די נאַטור, נאָר אויך זי צו בעמאָלען. מיר קאָנען שוין אויך איינהאַלטען די התפעלות, אויף חיפיעל עס לאָזט זיך. אין אונזערע מאַניערען אָבער, אין דעם אונ־טערשטרייכען פון די בילדער דורך פיעלע מעטאַפּהאָרען און עפּי־טעטען, פיהלט זיך אונזער מסביר־זיין דאָס בילד, אונזער מורא, טאָ־מער בעמערקט מען, חלילה, ניט איהר שענקייט... מענדעלי צייכענט זיך אין דער הינזיכט אויך אויס מיט זיין קינסטלערישער פאָרנעהמ־הייט, מיט דער אויסערליכער קאַלטקייט פון די וועניגע קלאַסישע דיכטער, וואָס זענען אַזוי פערזיכערט אין דער קראַפט פון דעם פּראָס־טעסטען שטריך זייערען, אַז זיי געפינען ניט פאַר נויטיג אַפילו אויף אַ רגע צוצווינקען צום לעזער: זעה, ווי שען!...

מענדעלי׳ס פּייזאַזשען זענען פּראָסט, אָרים אין פאַרבען און אין ריטהאָרישע פיגורען, און אין דעם צייגט זיך די גרויסע קולטור פונ׳ם קינסטלער. ווען מיר שטעלען מענדעלי׳ס פּייזאַזשען צוזאַמען אפילו מיט אַנגאָל׳ס, ווייזען די לעצטע אויס, אין פערגלייך מיט די ערשטע, מליצה׳דיג. און אין דער זעלבער צייט זענען מענדעלי׳ס פּייזאַזשען אויך טיעף־ליריש. אַלע זענען זיי שטרענג געצייכענט און לויטער, ווי די ווייסע מיטטאָג־וואָלקענס, און אַלע בעהאַלטען זיי אין זיך צאַרטע

טרויער און שטילע וועה, ווי די דונקעלע סילועטען פון די בערג-בוימער
אויף דעם בלייכען הימעלס-פאַן פון צווישען טאָג און נאַכט...

אין מענדעלי׳ס נאַטור-בילדער האָבען זיך פעראייניגט די זעלטענ-
סטע אייגענשאַפטען פון דעם אידעאַלען פּייזאַזש: די עפּישע פּראַסטקייט,
און דער בעהאַלטענער, צנוע׳דיגער ליריזמוס. וואָס עס זאָל ניט זיין
געצייכענט אויף זיי — ווערט אַלסדינג גלייך וויכטיג, אַלסדינג ער-
שיינט פאַר אונז מיט אַ נייעם חן, גלייך ווי מיר וואָלטען עס זעהן דאָס
ערשטע מאָל, אַלסדינג איז איינגעפאַסט אין זילבערנע דורכזיכטיגע
ראַהמען. יעדער פּייזאַזש מענדעלי׳ס איז די וועלט, וואָס האָט זיך
מצמצם געווען אין אַ שטיל ווינקעלע און האָט דאָרט געמאַכט רוהען
איהר שכינה...

יעקב פיכמאַן

דר. א. מוקדוני

צוויי מענשען

דר. א. מוקדוני.

צווײ מענשען.

I.

ר׳ מענדעלי האָט אויך געשריבען צווײ דראַמעס.

פֿאַר מענדעלי׳ן זענען שוין געווען אַזעלכע, וואָס האָבען זיך בענוצט מיט דער דראַמאַטישער פֿאָרם. ניט די אַלטע יודישע פּורים־שפּיעלען האָבען זײ גענומען אַלם מוסטער, נור געטע, שילער און אַנדערע מערב־אייראָפּעאישע דיכטער.

פֿון אַ יודישער בּיהנע האָט קײנער ניט געקלערט. זײ זענען גאָר ניט אויסען געווען, אַז מען זאָל זײערע „דראַמעס" אויספֿיהרען. דאָס איז בּײ זײ געווען נור אַ נײַע מליצה־פֿאָרם. זײ האָבען ניט געוואַרט, אַז עס זאָלען קומען אַנדערע מענשען און מאַכען לעבּעדיג זײערע טויטע דראַמעס.

און דעריבּער זענען די האַנדעלנדע פּערזאָנען ניט געווען קײן מענשען, נור מײסטענס בּעגריפֿען, אידעען און אַנשויאונגען. די האַנדלונג האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ וכּוח, אין אַ פּלפּול, וואָס ווערט געפֿיהרט צווישען איין „פֿילאָזאָפֿיע" און דער אַנדערער.

אדם הכּהן לעבּענזאָהן האָט אַרויסגעלאָזט אויפֿ׳ן מלחמה־פּלאַץ דעם אמת, די אמונה און זײערע קרובים און האָט געלאָזען דעם אמת

טריאומפירען. דער מלבי"ם האָט זיך אָנגענומען פאַר דער קריוודע פון דער אמונה און האָט אָנגעשריבען א דראַמע, אין וועלכער די אמונה איז גובר.

און כּדי צו יוצא זיין פאַר געטע און שילער, וואָס האָבען איינגענומען מענשען אין זייערע דראַמען, האָט מען די אידעען געגעבען איינינע מענשליכע איינענשאַפטען, איינענשאַפטען, וואָס יעדער מענש האָט זיי און וועלכע עס איז לגמרי נישט שווער צו אויפדעקען.

מענדעלי האָט געטהון פערקעהרט: ער האָט די אידעע געלאָזט זיך בעווייזען, אויסשטראַהלען פונ'ם מענשען גופא, ער האָט זי אינ'ם מענשען אויפגעדעקט. דער אמת, די אמונה, דער יושר, די חכמה זענען ביי איהם מענשליכע איינענשאַפטען, דער מענש שאַפט זיי, ער בעוועגט זיי און ער גיט זיי א ממשות.

אָהן מענשען זענען זיי פוסטע קלאַנגען, בלאָנדזשענדע נשמות, וואָס האָבען קיין תקומה ניט.

ער לאָזט ניט טריאומפירען דעם אמת, די אמונה, דעם יושר און דעם שקר אלס זעלבסטשטענדיגע בעשעפענישען. מענשען, קליינע און גרויסע פיהרען דעם קאַמפּף, זיי רייסען זיך ארום דעם שטיקעל לעבען און ממילא וואַקסט אויס דער סך־הכל פונ'ם קאַמפּף צווישען געוויסע אידעען און שטרעמונגען.

אין מענדעלי'ס צוויי דראַמען, אין „דעם פריזיוו" און אין „דער טאַקסע", זענען אַרויסגעפיהרט געוואָרען לעבעדיגע מענשען פון טונעיאַדאָווקע, מענשען מיט קליינע און גרעסערע השגות, מענשען מיט זייערע קליינליכקייטען, מיט זייער תאוה צו געלד, צו כּבוד.

בעלי־טאַקסעס, שטאָדט־בעלי־טובות, וויסע־חברה'ניקעס, פורים־שפּיעלער, ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטען, א מוהמע אָהן א נאָז, קרעמער, גלאַט יודען, רבנים, שמשים, דינים, שוחטים, די גאַנצע „האָפּטע פּאַרשוינען", וואָס טומלען זיך אין קאַבצאַנסק און טונעיאַדאָווקע.

אויף אַזאַ עולם קאָן [illegible]ת, קיין וועלט־דראַמע ניט אויפגעבויט ווערען, פון אַזאַ פּעקיל [illegible]ינען קאָן ניט אויסוואַקסען שעקספּיר'ס א

דראמע, א „פויסט“ פון געטע אָדער „די רויבער“ פון שילער, אָבער אזא עולם איז אויך ניט בכח צו אויפהויבען זיך אין די הימלען און פיהרען א ווכוח פון ענינים, וואס האָבען קיין דירעקטען שייכות ניט צום לעבען פון גלופסק.

II.

מענדעלי האט, ווי זיינע פארגעננער אין דער יודישער ליטעראַטור, ניט געהאט אין זינען א קאָנקרעטע ביהנע, שווישפיעלער א. ד. ג. ער האט גאָר ניט געטראכט פון א יודיש טעאטער. איהם אליין איז זאָגאר גיט געווען גאַנץ קלאָר, פארוואס האט ער געשריבען „די טאקסע“, „דעם פריזיוו“ אין דער פאָרם פון א דראמע. מענדעלי פראָבירט צו ערקלערען אין זיין הקדמה צו „דער טאקסע“, פארוואס האט ער אויסגעשטעלט צום אָנהויב פון זיין דראמע א צעטעל פון פארשוינען.

ער וויל בעווייזען, אז ער האט עס ניט געטהון פון גאוה וועגען, חלילה. „איך האב געמאכט א בעזונדער צעטעל“, זאָגט מענדעלי, „פון די אלע פערזאָנען, וואס קומען-פאָר אין דער מעשה, כדי זיי זאָלען אלע שטעהן פאר די אויגען און מען זאָל זיי תמיד געדענקען“.

א הארבערע קשיא — פארוואס האט ער בכלל גענומען די דראמאטישע פאָרם — דאס איז אייגענטליך פאר'ן זיידען אליין ניט געווען קלאָר. דער זיידע האט געפרובט שרייבען אויף אלע אופנים. ער האט זיך בענוצט מיט פיל פאָרמען און ער האט די דראמאטישע פאָרם ניט געקאָנט בעליידיגען.

„די טאקסע“ און „דער פריזיוו“ געהערען גראָד ניט צו די בעסטע ווערק פונ'ם זיידען. די דראמאטישע פאָרם האט מענדעלי'ן געבונדען די הענד און ער האט זיך ניט געקאָנט פריי בעוועגען;

די פאָרם האט איהם ניט געלאָזען א קוק טהון אויף גאָט'ס שענער

וועלט, האט איהם ניט געלאָזען בעטראַכטען דעם הימעל, דעם וואַלד, די יונגע פרעהליכע קעלבעלעך, וואָס שפּרינגען אַרום אויף דער פרייער לאַנקע. זי האט איהם ניט געלאָזט אַ שמועס טאָן און אַ פּלאַפּלער שהון מיט זיין קליאַטשע, מיט ערלים און מיט אַלטער יקנה״ז אויפ׳ן וועג.

די פאָרם האט געצוואונגען מענדעלי׳ן צו פערדריקען זיך שטיל אין אַ ווינקעל און לאָזען אַנדערע ריידען. אין די דראַמען איז ניטאָ מענדעלי אַליין. איהר זעהט ניט זיין קלוגען שמייכעלע, זיין בייזען בליק, איהר הערט ניט זיינע האַרציגע ווערטער, איהר זעהט ניט זיין בידעל, זיין פעקיל ספרים און הערט ניט, ווי ער שמועסט מיט׳ן כלל ישראל.

מענדעלי האט טאַקע; ער ווייסט, אַז אין אַ דראַמע, וואו מענשען ריידען צווישען זיך, טאָר מען ניט אַריינפּאַלען יענעם אין די רייד, מען דאַרף שטעהן אַהן אַ זייט און הערען. מענדעלי קאָן זיך אָבער ניט איינהאַלטען, ער שטעלט אַריין אויפ׳ן סוף בלעטעל, צו די קלוגע אָדער צו די נאַרישע רייד פון אַ פּערזאָן, אַ שטיקעל השגה אָדער בלויז עפּיס אַ טענה.

מענדעלי אַליין איז ניטאָ אין די דראַמעס. דער מענדעלי וואָס האט אַרויפגעלעגט אַזאַ חן אויף אַלע זיינע מעשיות, איז אַנטשוויגען געוואָרען און ער האט געלאָזען אַנדערע אַלע ריידען פאַר איהם.

עס רעדט וואָלף ספּאַריק, שמעיה תם, שמחה פּאַריצעס און ליבע דער חלפן.

קאָנען דען די אַלע פּאַרשוינען אַזוי רעדען, ווי מענדעלי רעדט?

און אָהן מענדעלי׳ן זענען גלופּסק, קאַבצאַנסק און טונעיאַדעווקע פשוט׳ע בר=מינן׳ס.

און אַ שאָד, וואָס מענדעלי האט זיך אויסגעשלאָסען פונ׳ם צי-טעל פון זיינע פּאַרשוינען אין זיינע דראַמעס.

מיר וואָלטען אפשר געהאַט נאָך אַ „פישקע דעם קרומען״! ווען מענדעלי וואָלט ניט געלאָזען ריידען ספּאַריק׳ן אָהן אַ שומר, ווען מענדעלי אַליין וואָלט דערצעהלט, ווי ספּאַריק רעדט, וואָלטען מיר

געהאט א לעבעדיגען מענשען פאר די אויגען, מיר וואלטען איהם געזעהן מיט אלע זיינע תנועות, און קיין שטריך פון ספאדיק׳ס פנים וואלט ניט געפעהלט, קיין שטעגעלע אין ספאדיק׳ס [illegible]לאנטערטען מח וואלט ניט געווען בעהאלטען פון אונז.

מענדעלי, אז ער בעקענט [אונז מיט א מענשען, בענוגענט ער זיך ניט מיט דעם, וואס ער רופט אן זיין נאמען, ער בעקענט אונז מיט אלע זיינע קנייטשלעך. ער צוגליעדערט און צוברעקעלט איהם אויף שטיקלעך, ער קוועטשט פון איהם ארויס אלץ, וואס איז חאראקטעריסטיש, אלץ, וואס מאכט בולט׳ער די פיזיאגאמיע פונ׳ם פארגעשטעלטען פארשוין.

מענדעלי׳ס ארט פון דערצעהלען איז כלל ניט קיין צופעליגע, עס איז א בעשטימטע, אבגעטאקטע און פעסטע פארם. אין דער פארם לעבט מענדעלי ווי א פיש אין וואסער. דאס איז אבער ניט בלויז אנ׳אויסערליכע פארם, אין וועלכער דער אינהאלט פאסט זיך איין בעסער. עס איז א אינערליכע פארם, עס איז א וועלט-אנשויאונג, אדער ריכטיגער געזאגט — א בעשטימטע ארט פון דענקען.

מענדעלי בעטראכט די וועלט פון א בעשטימטער הויך, ער וועט זיך קיינמאל ניט אויפהויבען העכער און ניט אראבלאזען זיך נידעריגער. פון דער הויך זעהט ער, וואס ער זעהט, און הערט, וואס ער הערט. מענדעלי האט זיך אליין בעגרענצט, ער האט זיך אליין פערשאנצט פון אלע נייע ווערטער, אידעען און שטרעמונגען. אינ׳ם שטח, וואס ער האט פאר זיך אבגעגרענצט. זעהט ער אבער טיעפער, קליגער פאר אנדערע.

מענדעלי איז גרויס און מעכטיג אין דער מענדעלי-וועלט, אין דער מענדעלי-פארם.

III.

פאר מיר זענען גלייך די פאר ביכער, וואס הייסען „תולדות הטבע״, „האבות והבנים״ און זיינע דראמעס. אט די אלע געהערען ניט צו מענדעלי׳ן. דארט איז די הויך, פון וועלכער ד[illegible]

וועלט ווערט בעטראַכט, לגמרי אַנ'אַנדערע, דאָרט איז דער שטח אַנ'אַנדערער.

איך גלייך דעם „תולדות הטבע" צו „האבות והבנים" און צו די דראַמעס, ווייל זיי זענען אָביעקטיוו געשריבען. איך מיין ניט אָביעקטיוו אינ'ם געוועהנליכען זין, איך מיין די אָביעקטיוויטעט פון אַ מענשען, וואָס איז אויסען עפּים אויפטהון, וואָס שרייבט און מעקט נור לטובת־הכלל.

מענדעלי קאָן זיין אָביעקטיוו ווי ער וויל. זיין פּערזענליכקייט, זיין אייגענער בליק, זיין אייגענע אַרט דענקען שימערט אַרויס פון יעדען וואָרט.

מענדעלי זאָרגט פאַר'ן כלל ישראל און אין איין גאַנג פאַר זיך; ער איז דער כלל ישראל אליין, אַלץ, וואָס איז פאַרהאַן אינ'ם כלל איז דאָ אין איהם.

לום יעקב אַבראַמאָוויטש שטעהט אָבער מן הצד. בעטראַכט זיין עולם פון אויבען אַראָב, ווייזט אָן אויף זייערע פעהל'ער. ער האַלט זיך אַליין בעסער, שענער און קליגער פאַר'ן עולם.

אַבראַמאָוויטש נעהמט זיך דאָס רעכט מוסר צו זאָגען דעם כלל־ישראל, — ווייל ער איז עלטער, קליגער און געבילדעטער.

מענדעלי טהוט דאָסזעלבע, ווייל דאָס זענען זיינע אייגענע מענשען, יודישע קינדער, מיט וועלכע ער האָט זיך אויסגעהאָדעוועט, וועלכע ער בעזאָרגט מיט ספרים און אַלערליי מעשה־ביכלעך.

אַבראַמאָוויטש האַנדעלט ניט מיט ביכלעך, מיט וועלכע מענדעלי האַנדעלט. ביי מענדעלי'ן אין ביידעל געפינט איהר תחינות, קינות, הגדות, מחזורים און אַ מעשה־ביכעל. דאָס מעשה־ביכעל איז גאָר ניט קיין „ספר חיצוני", עס איז עפּים אַזוי נאָהנט, אַזוי עהנליך צו די היי־ליגע רומעל־ספרים, עס איז אַזוי נאַאיוו, אַזוי שען, אַזוי קלוג און טיעף ווי די מוסר־ספרים.

אַבראַמאָוויטש האַנדעלט נור מיט „ספרים חיצונים".

אַבראַמאָוויטש און מענדעלי זענען צוויי פערשיעדענע מענשען; אינ'ם ערשטען רעדט דער משכיל, דער קעמפּפער מיט דער פינסטער־ניש, דער פערביסענער שונא פון די „מורדי אור". ער רעדט ביטער און ערנסט.

אין מענדעלי'ן רעדט גלופסק, קאבצאנסק און טונעיאדאווקע. מענדעלי טראגט קיין כעס ניט אויף זיינע פארשוינען. אז מענדעלי רעדט, פערשטעהט עס אלטער יקנה"ז און גאנץ גלופסק. מענדעלי לאכט, ער לאכט אבער קיינעם ניט אויס, און דעריבער לאכען אלע מיט איהם. מענדעלי לאכט אזוי גוטמוטהיג, אזוי הארצליך און אזוי פריינדליך. אז אלע טונעיאדאווקער פארשוינען קאנען מיטלאכען מיט איהם.

אין מענדעלי'ן קאנצענטרירען זיך אלע מדות טובות און אלע מדות רעות פון קאבצאנסקער יודען. און וואס ער דערצעהלט, דערצעהלט ער עס פון זיך אליין.

מענדעלי זיצט אין זייןביידעל מיט הרחבה, דאס איז זיין היים. פרובט אבער אבראמאוויטש'ן אריינזעצען אין דעמזעלבען ביידעל, וועט ער זיך קריטען, ער וועט ווערען נערוועז, עס וועט איהם בלאזען פון אלע זייטען, עס וועט איהם טרייסלען און צורודערן.

IV

די צוויי דראמעס האט געשריעבען שלום יעקב אבראמאוויטש און ניט מענדעלי.

אין דער הקדמה צום „פריזיוו" זאגט מענדעלי, אז נאך א לאנגען שטילשווייגען „האט מיך עפיס געצויגען אהין, אין יענעם ווינקעל פונ'ם יודישען לעבען, וואו ס'געפינען זיך מיינע אלטע בעקאנטע פארשוינען, פון וועלכע איך פלעג אמאל דעם עולם דערצעהלען משונה-ווילדע, וואונדערליכע מעשיות. עס האט מיר זיך שטארק געגלוסט ווידער צו מיינע לייט". און מענדעלי איז אלע מאל אין א גוטען הומאר. אמת טאקע, זאגט ער, יודען האבען איצט צרות, אבער מען איז דאך ניט מעהר ווי א מענש, א בשר-ודם. עס גלוסט זיך פארט אמאל א קוק טהון אין דער זייט, א לאך טהון, א שפיעל טהון.

זיינע אלטע פארשוינען, דערצעהלט מענדעלי, האט ער געטראפען, ברוך השם, „אלע פריש און שטארק מיט זייערע אלע אלטע

קאפריזען און משונה'דיגע גענג, זיי פרובפערן און מעהרען זיך, מאכען זיך אמאל נאריש און רייסען זיך ביי די נעז איבער א שפיעלכען אזוי ווי פריהער".

מענדעלי האט דערזעהן זיינע אלטע בעקאנטע און ביי דע האבען באלד דערקענט איינע די אנדערע און „גאר אנגעקוואלען, וואס, געלויבט איז גאט, מען זעהט זיך געזונטערהייט".

אזוי רעדט מענדעלי, אנדערש קאן ער ניט רײדען!

אבער נור די הקדמה איז מענדעלי'ס. אויף דער דראמע צו'ג רוהט שוין ניט דער בליק פונ'ם יודישען פקח.

עס געהען פארביי מענשען פון אלע מינים. יעדער זאגט זיך אב זיין שטיקעל האראקטעריסטיק און טהוט אב, אינ'ם דראמע, וואס איהם איז בעשערט פונ'ם מחבר צו טהון. דער שדכן טרינקט בראנפען און רעדט וועגען שדוכים, די ניטאָרינס שיטען מיט ברכות, די מאמע וויינט פון גדולה, א דיענסט-מיידעל שילט און זידעלט זיך, קעהרט די שטוב און זינגט א ליעדעל אונטער'ן נאז:

אויפ'ן פריפעטשיקיל ברענט א פייעריל
און פונ'ם קוימענדעל געהט א רויך.
אז איך דערמאהן אין מיין בעשערטען זיך,
פארליהר איך, אוי, דעם קאפ און דעם מוח.
הכלל, ווי עס פיהרט זיך אין דער גאנצער וועלט!

אויף אלע אנדערע פארשוינען דארף מען גאר איבעריג דעם קאפ ניט דרעהען און פערשטעהן, ווער און וואס זיי זענען. עס איז קלאר, אז א בעל טאקסע איז א גאטס-גנב, א יוד, וואס האט דאס אומגליק צו הייסען רבי יוחנ'צע — איז א צבוע'ק, א שווינדלער, א מענש, וואס טראגט אונטער'ן טלית-קטן שפיזען; א בחור, וואס האט דאס גליק צו הייסען אלכסנדר — איז ער שוין ממילא פיין, איידעל און געבילדעט און ווי באלד ער איז געבילדעט, איז ער מחויב צו זיין פערליעבט; ווי באלד ער איז פערליעבט, מוז ער קושען און האלזען זיין געליעבטע דער פינסטערער וועלט אויף צופוקעניש. אזא בחור קושט ניט, חלילה, פון פערגעניגען וועגען, ער טהוט עס מעהר לשם דעמאנסטראציע, לשם קאמפף מיט די „מורדי אור".

די מעשה אליין איז אויך פשוט. דעם בחור אלכסנדר גיבען די

„מורדי אור“ אַב פּאַר אַ סאָלדאַט, און זיין כלה האָט חתונה, פּער־שטעהט זיך, מיט אַ חאַצקעל, טאַקע ר׳ יוחנ׳צעס אַ זוהן. און אַז דער סאָלדאַט קומט אין זיין שטעדטיל, געפינט ער זיין רייזעלע, פאַלט ער איהר און זי איהם אויפ׳ן האַלז, לויפט צו חאַצקעל און שרייט: גוי, גוי איינער! מיט אַנ׳אשת איש! אַ שענע פלונית׳טע, כ׳לעבען!“ ווערט אלכסנדר פערציטערט און שרייט אויס: רייזעלע, מיינס — הייבעל... חאַצקעל׳ס אַ וייב!“...

מענדעלי קען ניט פערציקערן אַזאַ בחור, וואָס הייסט אַלכסנדר, און ניט מאָוס מאַכען מענשען ווי ר׳ יוחנ׳צע, פייבוש און נאָך אַזעלכע „פאַנאַטיקער“.

מענדעלי וואָלט פון דעם אַלכסנדר דערצעהלט „וואונדערליכע מעשיות“, ריכטיג ווי פון שמחה מאַריאַשעס, וואָרום ביי מענדעלי׳ן זע־נען זיי דאָס ביידע קאַבצאַנסקער יודען, ביידע האָבען „משונה׳דיגע געננ“, ביידע „רייסען זיך פאַר די נעז איבער אַ שפּיעלכען“.

דער משכיל אַבראַמאָוויטש, אַבראַמאָוויטש דאָס קינד פון זיין דור, האָט אַריינגעזאָגט זיינס אַ וואָרט אין דער דראַמע. מענדעלי ווייסט ניט די פערשיעדענע ליטעראַרישע פאָרמען, וואָס ווערען געברויכט ביי די אומות העולם, מענדעלי האָט זיין אייגענע פאָרם.

אַבראַמאָוויטש האָט אויסגעוועהלט די דראַמאַטישע פאָרם, ווייל ער האָט געוואָלט זאָגען אַנ׳ערנסט און ביטער וואָרט. ער האָט געוואוסט, אַז מענדעלי וועט ניט אַריינשטעקען זיין נאָז אַהין אין די הויכע פענסטער און ער וועט איהם נישט שטערען צו בעווייזען זיין צווייטען איך.

V

„די טאַקסע“ איז עהנליך אויפ׳ן „פּריזיוו“, ווי אַ צווילינגס־שוועסטער.

די טאַקסע איז נאָך יעמאָלט געווען אַ גרויסע גזירה; זי איז גע־ווען אַ ניי אָנשיקעניש אין דער יודישער גאַס און די, וואָס האָבען זיך

מיט איהר מטפל געווען, זענען, פערשטעהט זיך, בעטראַכט געוואָרען
אַלס מענשען, וואָס זענען גרייט צו פערקויפען דעם כלל ישראל פאַר
אַ טאָפּ לינזען.

מען האָט אָבער געוועהנליך ניט בעטראַכט דעם בעל-טאַקסע
אַלס אַ צופעליגען מענשען אין דער יודישער גאַס, דער בעל-טאַקסע
איז געווען דער „עיט צבוע״, דער ווילדער פאַנאַטוקער, דער בלוט-
זויגער פונ׳ם קהל. ער איז אָהן דער טאַקסע ניט געווען בעסער און
עהרליכער אין די אויגען פון די משכילים. די טאַקסע איז געווען
נאָך אַ שטריך, נאָך אַ ליניע, וואָס האָט בולט׳ער האַראַקטעריזירט
דעם „מורד אור״.

דער קאַמפף כאַר „ליכטיגקייט״ האָט געמאַכט די משכילים פאַר
פאַרבען-בלינדע מענשען. זיי האבען כסדר געזעהן די שווארצע פארב.
יעדער ירא-שמים איז געווען בעשמירט מיט שווארצע פעך, און יעדער
משכיל—בעדעקט און דורכגעוועבט מיט הימלישע שטראהלען.

פאר דעם ליכט-און שאטען-שפיעל אויף איין ארט, אין איין מענ-
שען האבען זיי קיין אויג נים געהאט, זיי האבען קיין פונקלענדע שטערען
אויף א שווארצען הימעל ניט בעמערקט.

שווארץ און וויס— דאס זענען די צוויי פארבען, וואס זייער אויג
האט געזעהן.

א בעל-טאסקע, א פרומאק, א חסיד, אדער כלי-קורש איז געווען
א גזלן, א רוצח. ער האט געהאט שפיזען און גיפט פאר אלעמען, פארן
גאנצען כלל ישראל און אפילו פאר זיינע אייגענע קינדער. וואס האבען
זיך ניט געוואלט בויגען פאר איהם.

פרעגט זיך, אין וואס איז בעשטאנען די גבורה פונ׳ם „מורד אור״?
ער ווערט כסדר געשילדערט ווי א הויקער, ווי א קריפעל און ווי א טמא
דער משכיל, פערקעהרט, איז א מין אפאָלאָן. שען ווי די זון און קלאר
ווי דער טאג.

פונדעסטוועגען איז ער, דער משכיל, כסדר דער קרבן, דער בע-
זיעגטער און דער בעשפייטער.

מיט וואס ערקלערט זיך דאס?

ער ערקלערט זיך מיט דער זיסער סאנטימענטאליטעט פון דער
השכלה-עפאכע; דער העלד איז געוועזן דער. וואס ווערט גע׳רודפ׳ט,
גיזפלאגט און געמאטערט. די השכלה האט געהאט א בעזונדער ליעבע
צו קרבנות. דער משכיל, וואס האט געקאנט אפען לייענען „ספרים

חיצונים״, איז געווען דער אומגליקליכסטער אין זיין דור; ער איז ניט געווען קיין קעמפפער, קיין מארטירער, ער איז געשטאנען כמעט אויף איין שטופע מיט׳ן „מורד אור״, וואס קען אויך זיין פאנאטיש אפען, בפני כל עם ועדה.

די טאקסע איז געווען א ניי וואפען אין די הענד פון די משכילים געגען די „מורדי אור״. זיי האבען געקאנט האפען זייערע שונאים ביי דער האנד און בעווייזען, אז די פרומע זענען גנבים, וואס לעבען אויפ׳ן חשבון פון קהל. זיי האבען אפעלירט צום ארימען קלאס ניט אוים ליעבע צו איהם, נאר ווייל ער איז ניט נוגע בדבר, ער האט קיין חלק ניט אין דער טאקסע. איהם איז שווער דאס לעבען און ער וועט דאס בעסער פערשטעהן.

זיי, די משכילים, זענען גאר ניט אויסען געווען, אז יעדער יוד זאל עסען מיט א פונט פלייש מעהר אין א וואך. פון אזעלכע מגושמ׳דיגע און וואכעדיגע אידעאלען האבען זיי לגמרי ניט געהאלטען.

עס איז געווען א קאמפף, מען האט געזוכט וואפען ווי מיט ליכט, מען האט ניט געבראקירט אפילו מיט פערראסטעטע און פערשימעלטע.

„די טאקסע״ איז א ריין־משכיליש בעשעפעניש: אבראמאוויטש, ניט מענדעלי, האט אויסגענוצט די טאקסע אלס קאמפף־מיטעל. מענדעלי וואלט העכסטענס מיט א ביטערען שמייכעל געלאכט פון דער טאקסע און איהרע מנהיגים.

מענדעלי וועט ניט שרייען פאטעטיש:

„גענוג צו זיין פערפיהרט, פערבלענדעט, גענוג זיין נאראנים... זיין מענשען מיט שכל, מיט מוטה, ווי גאט און די טייערע רעגירונג האט געבאטען. גענוג צו שלאפען, גענוג חלומות, פאלגט די רעגירונג און שטעהט־אויף, יודען, שטעהט־אויף״!...

דאס איז דער פינאל, דאס איז דער פונקט, צו וועלכען די דראמע איז געפיהרט.

גאט מיט דער רעגירונג משדך געווען, ווייל דער תנ״ך איז גאט׳ס אייגענטום און די רעגירונג האט רעקאמענדירט לערנען תנ״ך מיט׳ן באור. דארף מען צוויי נעהנטערע שותפים?

און ווען מען פיהרט אזעלכע שמועסען, שווייגט מענדעלי. ער האט משדך זיין „פישקע דעם קרומען״ מיט זיין גלייכען — מיט א

בלינדער בעטלערין, אָבער ניט דעם קודשא בריך הוא מיט דער רע־ גירונג.

מענדעלי האָט קיין שייכות ניט צו די צוויי דראמעס, נישט דער קינסטלער האָט זיי געשריבען, נאָר דער „קעמפפער" אבראמאָוויטש..

דאָס איינציגע, וואָס אבראמאָוויטש האָט גענומען ביי זיין נאָהנ־ טען און ליעבען מענדעלי. איז די שפראך, דעם ערנסט צום וואָרט און דעם רעאליסטישען חוש.